א ווארט פארן טייערע

# בחור

ווי‌אזוי קענסטו מצליח זיין
אין דיין קומענדיגע זמן?
אין דיין קומענדיגע יאר?
אין דיין ווייטערדיגע לעבן?

ליינט און האט הנאה!

# פארווארט

עס ווערט געברענגט אין די ספרים הקדושים, איינע פון די טעמים פארוואס מען "פירט אונטער" צו די חופה בשעה טובה ומצלחת, איז צו ווייזן פאר חתן כלה אז מען ווערט אריינגעפירט אין א נייע וועלט. עס איז נישט סתם א מעמד חופה ונשואין אויפ'ן פלאץ, נאר מען דארף אריין קומען דערינען, מען "פירט אריין" חתן כלה צו די חופה, די עבודה פון שמחת נישואין און חיי הנשואין איז די עבודה פון זיך אויסארבייטן פון די פריערדיגע צושטאנד און אריין קומען צו די נייע צושטאנד.

און דאס ברענגט אונז צו די פראגע: וואו האלט מען מיט'ן אריינקומען אין די וועלט פון א גליקליכע לעבן לאורך ימים ושנים טובים ברוחניות ובגשמיות. זעלבסטפארשטענדליך אז די דאזיגע עבודה הייבט זיך נישט אן פון איין טאג אויפ'ן אנדערן. די הארעוואניע וואס פארלאנגט זיך צו דערגרייכן אט דעם תכלית נעמט אסאך יארן - און דאס איז די מתנה וואס השי"ת האט אונז געגעבן אין די ימי הבחרות, גליקליכע רואיגע פלייסיגע געזונטע און יונגע יארן וואס האבן אויסשליסליך קיין שום עול אויף דער וועלט, נאר די איינע זאך, זיך אויסארבייטן און אויסשלייפן מיט די ריכטיגע עבודה און השלמה, מידות און געפילן, אחריות און קלארקייט, אז ביים קומענדיגן פאזע פון לעבן, ווען מען קומט אריין אין די אמת'דיגע מהלך החיים וואס דאס פירט צו אונזער תכלית אויף דער וועלט, זאל מען קומען גרייט באפעסטיגט מיט די צידה לדרך וואס מען האט זיך איינגעהאנדלט אין די ימי הבחרות, מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת.

ווי גליקליך איז דער וואס האט זיך איינגעהאנדלט דעם לעבנסלענגליכן אוצר, וואס האט נאר געקענט צושטאנד קומען דורך פרעגן זיך אליינס: וואו האלט איך אין מיין וועלט?

אין די בחורישע יארן קען מען שוין האבן גאנץ א פיינעם בליק אויף די אייגענע כאראקטער און תכונות הנפש. חשובע אחריות'דיגע בחורים קענען זיך פרעגן: וויאזוי איז מיין געדולד צו אנדערע, מיין שפראך, מיין פארגינען, מיין געטריישאפט, מיין קאמיוניקאציע, מיין אחריות. ווען מען זאגט מיר עפעס אין שטוב, קען מען מיך טראסטן צו געדענקן? ווען דער מגי"ש זאגט עפעס אין ישיבה, וועל איך געבן די פאר מינוט אויסצוהערן און פאלגן געשיקט אדער קודם טראכטן פארוואס עפעס? ווען איך שטעל מיך דאווענען, איז מיין מחשבה דארט אדער עס לויפט ארום אין די גאנצע וועלט? ווען איינער זאגט מיר א שוואכע וויץ גיי איך אריין אין א שווערע גיסטע? האב איך חשבונות מיט סיי וועם איך וואלט נישט געוואלט זעהן פאר די אויגן? און פיל מער באהאלטענע ציפעדיגע קשיות.

דאס זענען בלויז א קליינער חלק פראגעס וואס זענען אקטועל און לעבעדיג ביי בחורים. אין דעם קונטרס ווערן באהאנדלט "הונדערט פופציג" אזעלכע פראגעס, באזירט אויף פערזענליכע מידות און תכונות הנפש וואס יעדער האט אויף זיין אייגנארטיגע מהלך. און די געפילן האבן ערקלערונגען, און טעכניקן, און לעזונגען. הרי שלך לפניך - דער וועג איז אויסגעטרעטן און אויסגעשפאנט פאר אייך, גרייט צו וואקסן און שטייגן אויף יעדע איינציגע פון די אלע געפילן, איינס אויפאמאל, תפסת מועט תפסת.

הונדערטער און פילייכט טויזנטער חשובע בחורים נ"י פון אלע שיכטן און קרייזן זענען שוין אנגעקומען גאר ווייט מיט דורכשפאנען אט דעם וועג. ווי זיי און זייערע עלטערן זאגן עדות, איז דאס געקומען פון בלויז איין החלטה וואס דויערט ווי אן אויגן-בליק: "איך וויל אריינקומען אין מיין וועלט, וואס דאס האט געמיינט פאר זיי א גליקליך לעבן."

**ברוכים הבאים.**

**ובשם השם נעשה ונצליח.**

## א ווארט צו די
# חשובע עלטערן
## שיחיו



ווען תלמידים האבן אמאל געפרעגט דעם הייליגן חתם סופר זי"ע וויאזוי מען האט ערליכע קינדער, האט ער איבערגעדרייט דאס קאפל און געזאגט וואס מיינט עטס, מען דארף אנפילן אזעלכע שיסלען מיט הייסע טרערן, אולי ואולי.

טאטעס און מאמעס פארגיסן טייכן טרערן אויף דורות ישרים ומבורכים, די קינדער זאלן קענען אויפשטעלן ערליכע אידישע שטיבער מיט פיל אידיש נחת געזונטערהייט. זיי זאלן קענען איבערקומען די פרעמדע שטראם פון די גאס, די ערליכע חינוך און יראת שמים וואס מען האט זיי איינגעבאקן און איינגעפלאנצט מיט אזויפיל הארץ און הארעוואניע זאל ברענגען די ריכטיגע פירות, זיי זאלן קענען אויסשלייפן די מידות טובות - אזוי ס'זאל קענען הערשן אין די עתיד אין זייער בית נאמן בישראל וואס זיי גייען אויפשטעלן בס"ד אן אייביגע אטמאספערע פון אהבה אחוה שלו' וריעות.

אויף רוחניות, אויף חינוך און יראת שמים, איז דא פיל השתדלות צו די רעכטע זייט פון די עלטערן. די קינדער ווערן דאך מחונך אין מוסדות הקדושים מיט תורה ויראה, דורך די מצדיקי הרבים אלו המלמדים, שפעטער די ראשי ישיבות מנהלים מגידי שיעורים, וכו'. אין אלע שיכטן און קרייזן פון יהדות החרדית ווערט די עבודת הקודש פאר די חשובע בחורים אוועקגעשטעלט אויף א ריזיגן און געהויבענעם פארנעם וואס איז נאך מן הסתם קיינמאל נישט געווען עד היום הזה, מען בויעט דעם צוקונפט פון כלל ישראל!

אבער ווען עס קומט צו די אינערליכע כאראקטער שטריכן און עבודת המידות, צו אויסשלייפן די אינערליכע חלק פונעם מענטש פאר הצלחה אין לעבן, צו קאנטראלירן שווערע געפילן וואס מאכט זיך ביי יעדן מענטש, אדער צו בויען די ריכטיגע הכנעה, סבלנות, זריזות, געטריישאפט, פארגינען, קאמיוניקאציע, אחריות, אא"וו, דארט שטייען א חלק עלטערן מיט פארצווייפלטע הענט - וואו איז דער שליסל אויף דעם? וויאזוי קען מען ארבייטן מיט די בחורים אויף די דאזיגע קריטישע חלקים און זעהן דעם תכלית הנרצה מיט ערפאלג?

קרוב צו טויזנט בחורים! - א גרויס חלק שוין היינט יונגעלייט טאטעס פון קינדער, פון אפילו בר מצוה בחורים קע"ה - האבן זוכה געווען צו דערגרייכן אט דעם שליסל צו לעבן א גוט לעבן דורך אדורכגיין די שיעורים פון "הצלחת החיים" וואס ווערט צוגעשטעלט פאר בחורים ספעציעל בין הזמנים ווען זיי ווערן נישט געשטערט פון זמני הלימוד אין ישיבה. די לעבנס-שותפים און עלטערן

פון די יונגעלייט זאגן עדות בשמחה ובטוב לבב אויף וואס די שיעורים האבן דורכגעבראכן און אהערגעשטעלט אויפ'ן גאנצן לעבן, א נחת'דיג לעבן, א פרייליך, גליקליך, צופרידן, ערליך, רואיג לעבן, ממש א מחי' וואס מ'קען דאס גארנישט אראפלייגן מיט ווערטער.

די אויפטוה פון די בין הזמנים שיעורים פאר בחורים איז שוין באקאנט פאר יעדן, דאס איז פשוט א מקום וואו די בחורים טרעפן פרישע אוצרות און מהלכים וואו און ווי אזוי מען קען שטייגן. מ'זעהט אין אונזער אויסגאבע א ליסט פון 150 יסודות אויף וואס די בחורים ארבעטן ביי די שיעורים, און דאס גייט שוין אן פאר צירקע פון 15 יאר יעדן בין הזמנים כולם שוין לטובה. מיר וואלטן אבער מער ארויס געברענגט פאר די חשובע עלטערן א פונקט וואס ווערט שווערער און שווערער מידי שנה, ווי פאלגענד.

אויף יעדנ'ס מחשבה הערשט א פראגע: פארוואס זאל נישט זיין א מסגרת וואו א בחור קען אדרעסירן זאכן בעוד מועד? אמאל דארף מען נאר מסדר זיין ממש א קלייניגקייט אנשטאט וואס שפעטער ווערט דער פראבלעם אסאך מער פארמישט און קאמפליצירט. עס וואלט אפשר געקענט זיין אין פארשידענע פארמאטן, א קבוצה מחנכים, א מכון, א יסודות'דיגע מפעל, אן ארגאניזאציע, מיט סיי וועלכע נאמען, אבער די עיקר מהלך זאל זיין אז דארט קען יעדער בחור שפירן ווי ער האט א מענטש זיך אויסצוגיסן זיין הארץ וואס עס דרוקט אים נאר, מיט רואיגע טראסט אז ער גייט נישט פארלירן קיין שום רעספעקט אין שטוב אדער ישיבה, וואס געוועגליך האט מען מורא צו זאגן פאר הורים ומורים אלע שוועריגקייטן, אלע ווייסען אז די וועלט איז היינט א שווערע וועלט, אבער די מערסטע ליידט דערפון די בחור - נו, וואו געפינט מען אזאנס?



דעריבער קענען מיר מבשר זיין די חשובע עלטערן גוטע נייעס, יגעת ומצאת תאמין, מיר האבן ב"ה אהערגעשטעלט אזא מסגרת, מיר קענען אויסרופן, אשרינו מה טוב חלקינ"ו ומה יפה ירושתינ"ו, אז מיר האבן זוכה געווען שוין אזויפיל יארן אז חלקינו נפלה לנו בנעימים צו קענען אהערשטעלן די שיעורים, אלעס אלעס לויט די מיטב המסורה פון ירושת אבורבוה"ק. די אפקלאנג איז גרויס און די פארלאנגט וואקסט כסדר, האבן מיר במשך די לעצטיגע פאר יאר אריינגעברענגט נאך א צאל חשובע יונגעלייט וואס באגלייטן די בחורים במשך די נאכפאלגנדע זמן הישיבה און זיי העלפן אריינפעדעמען די טויש אין לעבן מיט א קנין עולם. אלעס ווערט געטון אויף א באשיידענער אופן, נישט אין ישיבה בכלל, און נישט בזמן הלימוד, נאר א שטייגער ווי ביינאכט נאך ישיבה, זומערדיגע פרייטאגס, ווינטער'דיגע מוצאי שב"ק, אמאל טעלעפאניש און אמאל פערזענליך, אלעס בסבר פנים יפות מיט'ן ריכטיגן ציל און תכלית.

ערפארונג און אחריות צייגט אז אזעלכע שיעורים קענען נאר מצליח זיין, און אפילו אנגיין בכלל, מיט די קלארע גוטהייסונג, הדרכה, און הסכמה פון גדולי ישראל שליט"א, די עיני העדה וועלכע קענען מיט זייער כוח התורה הקדושה אפמעסטן דעם ריכטיגן מהלך און דעם ריכטיגן באלאנץ אז יעדע זאך, בכלליות ובפרטיות, זאל זיין במידה ובמשורה, הונדערט פראצענט אבסאלוט ריין אויף די דרך המסורה לנו מאבותינו ורבותינו הקדושים בלי שינוי כל שהוא ח"ו. בפרט איז שכיח אין אונזער דור וואס מען הערט צאם דא און דארט פארשידענע נייע און האלב-נייע מהלכים אשר לא שערום אבותינו, און אחריות'דיגע עלטערן געבן אכטונג אויפ'ן פך שמן טהור עס זאל זיין דוקא נאר "טהור בחותמו של כהן גדול."

און צוליב דעם איז גאר געשמאק צו הערן אז אלע שיעורים מטעם "הצלחת החיים" זענען אלע יארן אוועקגעשטעלט אויף די שטארקע הייליגע יסודות עפ"י דעת גדולי ישראל כ"ק מרן אדמו"ר מ'שאץ (מאנסי ב"ב) שליט"א, און פלעגט זיין אונטער די פולסטע הסכמה פון כ"ק מרן אדמו"ר מקאסוב זי"ע, (זיין אויסדריק פאר האברך החשוב ר' מענדל וועבער, וואו א צוואה 3 חדשים פאר די פטירה: די קלאסן רעכטן אויף אידישע שטובער) פון די גרעסטע מומחים בחינוך דורותינו אין די גאנצע וועלט, וואס האבן שוין מיט זייער קלארע הדרכה געהאלפן אויפבויען (און צוריקבויען!) אלפים ורבבות הערליכע ערליכע אידישע שטיבער נאמנים לד' ולתורתו הקדושה, און יעצט צוזאמען מיט די מיטארבעט פון די חשובע יונגעלייט וואס האבן גענומען זייער הדרכה פון די חשובע רבנים שליט"א איז עס פיל פאכיגער.

רוב בחורים וואס קומען אן צו אונזער מסגרת, פארלאנגט זיך נישט אן המשכה'דיגע ארבעט איבער'ן זמן, זיי כאפן אויף די מהלך פון זיך ארויפארבעטן, בלויז פון מיטהאלטן בין הזמנים די שיעורים, און פון דארט גייען זיי ווייטער אויף די אייגענע פיס, אבער די גרעסטע אויפטוה איז, אז ס'בלייבט פאר'ן בחור א אפענע טיר וואו ער קען רואיג קומען אויסשמועסן פריוואט מיט זיין יונגערמאן, און סיי וואספארא שוועריגקייט ס'קומט אים אונטער, פריער אדער שפעטער, ווען אמאל קען עס זיין איינער נעמט זיך צו זיינע ביינער, אמאל איז עס א שווערע דורכגאנג בגשמיות אמאל גאר ברוחניות ח"ו, אמאל פשוט עפעס רוקט זיך נישט פאראויס און ער שעמט זיך פון זיינע מגי"ש און נאנטע וואס זעהן אים יעדן טאג עס צו אויסשמועסן מיט זיי, האט ער מיט וועם זיך אויסצושמועסן.

אין פאל די ענין קומט אן צו א שווערע דרגה ווערט עס אדורך גערעדט מיט די חשובע רבנים און דיינים וואס די מכון איז בקשר און יעדע שווערע ענין וואס קען זיך מאכן מיט א בחור ווערט מיט זיי איבערגעשמועסט. נישט זעלטן הערט מען פון זיי די אומגלויבליכע ווערטער, איר האט געראטעוועט דעם חשובן בחור באצייטענס! ווייל מיר האנדלען דאך מיט אברכים, און ס'איז ליידער מצוי אז בחיי הנשואין קומען אן פארשידענע נושאים וואס אברכים ווילן איבערשמועסן, און עס שטעלט זיך ארויס אז זיי האבן שוין געווארט צו אויסשמועסן מיט איינעם די נושא לאנג בעפאר, חדשים אדער אפילו יארן, צו וויסן וויאזוי מ'געט זיך אן עצה, אבער זיי האבן נישט געהאט די ריכטיגע וועג וויאזוי צו פרעגן צוליב בושה וכדו' ממילא איז ער געגאנגען ווייטער אן הדרכה, זיין טאטע וואלט ער נישט געפרעגט, זיין מנהל אויך נישט, און אפטמאל קען דער מצב זיין סענסיטיוו און אפילו ווייטאגליך.

אז מען ארבעט מיט'ן בחור ביי די שיעורים, אדער זאל זיין נאך די שיעורים אויב עס קומט אויס פריוואט כנ"ל שטיל און געגוג צייטליך, קען מען מיט קליינע עצות פארמיידן גרויסע פראבלעמען. לויט ווי מען הערט צוריק, איז לא יאומן כי יסופר וואס איז שוין געווארן אויפגעטון נאכ'ן מסדר די שוועריקייטען וואס די בחורים זענען געקומען און אויפגעברענגט שוין אפילו א יאר נאך די שיעורים, און צוזאמען מיט די קלארקייט פון די חשובע רבנים ודיינים האבן זיי זוכה געווען להעמיד דורות ישרים ומבורכים, און זענען היינט צוטאג חשובע יונגעלייט מופלגים בתויר"ש ומידות טובות לשם ולתפארת.

אט די נקודה גייט נאך אביסל טיפער, אז אפטמאל קענען בחורים זיין אינערליך פארנעפלט - און מען רעדט דא פון די עידית שבעידית, מסלתה ומשמנה פון די בחורים שיחיו וואס מיר פארמאגן אין אונזערע ישיבות, מתמידים מופלגים, ירא"ש, בעלי מידות, גוטע שטיבער - אז זיי ווייסן אליינס נישט וואו זיי זענען פארהאנקערט, אדער וואס צו פרעגן, און זיי וואלטן גאנץ שנעל באקומען די ריכטיגע חיזוק און קלארקייט, אבער זיי פילן נישט גענוג שטארק צו קומען פרעגן. "לא הביישן למד" זאגט די משנה אין פרקי אבות, און וואו איז עס נאך געזאגט געווארן אזוי שטארק ווי דא. די שליסל צו דעם איז נישט צו זאגן "קענסט יא" אדער "קום פרעג" אדער ענליכע מעטאדן. די שליסל צו דעם איז, ווי ערפארענע חינוך מומחים זאגן און גליקליכע בעלי עובדא דערציילן, אים אליין אויסלערנען צו אויסצוארבייטן פארשידענע אינערליכע חלקים, און אזוי ארום ווערן אויסגעגלעט די "ספיד באמפס" וואס האלטן זיי אפ פון שטייגן און וואקסן, און צוגאב צו באקומען די ריכטיגע קוראדזש צו גיין פרעגן און זיך אינטערעסירן אויב מ'האט יא שוועריקייטן, און באקומען די נויטיגע צייטליכע הדרכה, און דאן, ולא נודע כי באו אל קרבנה, דער מצב ווערט אזוי גוט אוועקגעשטעלט, בדרך המלך מאן מלכא רבנן, אז מען קען זיך קיינמאל נישט פארשטעלן וואס מען האט פארמיטן און אויסגעגלעט.

ווי געזאגט, רעדט מען פון די בעסטע חשובסטע בחורים נ"י. מ'קען צולייגן אז מען רעדט טאקע "דוקא" פון די בעסטע בחורים. פארוואס, ווייל אין מסגרת פון היכל הישיבה זענען זיי עוסק בתורה כחשיכה כאורה, זיי האבן גארנישט אין די וועלט אויסער די ד' אמות של הלכה, די גמרא, שולחן ערוך, קדושת לוי, יושר דברי אמת, און דאס אלעס. אבער אמאל זעהן זיי נישט וויאזוי מ'פירט אויס אויף למעשה וואס מ'לערנט, און דורך די אויסשליסליכע שיעורים פון "הצלחת החיים" ווערן זיי אויסגעלערנט וויאזוי מ'שלייפט אויס די פערזענליכע געפילן און פארשידענע מידות וואס איז אזוי וויכטיג פאר א רואיג גליקליך לעבן, און צוזאמען, די תורה ויר"ש פון היכל הישיבה, צוזאמען מיט די באלאנצירטע געפילן, נימוס, דיסציפלין, זעלבסט-קאנטראל, בין אדם לחבירו פון אונזערע שיעורים, זענען זיי קונה די ריכטיגע תכלית השלימות ברוחניות וגשמיות.

ביי די בייגעלייגטע ליסטעס פון יסודות און מידות וואס ווערן דא אויסגעארבייט, קען זיך יעדער טרעפן כאטש אביסל דא און דארט. אבער הצד השוה שבהן, אז יעדער איינער איז אנדערש, יעדער בחור איז א וועלט פאר זיך, אייגנארטיג אן קיין פארגלייך, און צו קענען מצליח זיין במשך די בחורישע יארן און שפעטער בחיי הנשואין ווען מען האט דאך א געטרייען שותף וואס איז פונקט אזוי א וועלט פאר זיך, אייגנארטיג אן קיין פארגלייך, איז דאך א גאר שווערע עבודה צו שפירן דעם ריכטיגן שמחת החיים טראץ דאס זיין אזוי אנדערש'דיג איינער פון אנדערן. אין א געוויסן זין קען מען דאך שוין יעצט זעהן וויאזוי ער קומט זיך אויס מיט די מאמע צו מיט זיינע אייגענע געשוויסטער ווען זיי האבן אנדערע נאטורן ווי אים. יעדער האט פלאץ צו ארבייטן אויף דעם תכלית, און ביי אונזערע שיעורים איז דא פלאץ "פאר יעדן" אפגעזען אויף וואס פונקטליך מען דארף ארבייטן.

די מהלך פון די שיעורים איז אויסגעשטעלט צו אדרעסירן די ריכטיגע מיטל פאר יעדן איינציגן בחור על פי דרכו. מען קען מיטהאלטן די שיעורים לעבעדיג בצוותא חדא בדיבוק חברים במשך'ן בין הזמנים, און דאס טוט נאכפאלגן מיט מערערע קאנפערענץ קאלס טעלעפאניש, נאכ'ן בין הזמנים. און פאר די בחורים וואס קענען זיך נישט זעהן קומען צווישן אנדערע, שטעלן מיר צו די עצם שיעורים פערזענליך - איינס צו איינס - סיי אין איין דעזיגנירטע פלאץ, און סיי אויפ'ן טעלעפאן. דער יונגערמאן איז טאקע נישט געשטעלט מטעם הישיבה נאר מטעם די עלטערן די בעלי אחריות אויפ'ן בחור, אבער ארבעט יא מיט די ישיבה אויב דער בחור איז באקוועם מיט דעם, ווען נויטיג, קען מען נוצן באזונדערע "פידבעק" פון סאפיסטיקירטע "סקרינינג" מעטאדן, וואס קענען געבן נאך הילפבארע אינפארמאציע וואס איז ביז דאן געווען טאטאל פארדעקט און אפילו דער בחור זעלבסט איז נישט געווען באוואוסטזיניג דערויף. צווישן די אלע הויפט מהלכים זענען דא נאך אנדערע פארשידענע וועגן צו דערגרייכן דעם תכלית פאר יעדן איינציגן משתתף אין די שיעורים, סיי לויט די רצון פונעם בחור, און סיי לויט וואס די עלטערן זאגן, און מען שטעלט צו די נויטיגע מהלך אז יעדער זאל זיין צופרידן בס"ד.

אלזא, חשובע עלטערן שליט"א, צו מאכן א שטיקל סך הכל.

וויפיל יונגעלייט - און זייערע נאנטע - וואלטן זיך געוואונטשן עס זאל זיין א מסגרת וואו מ'קען נאך קומען אסאך פריער און אויסגלעטן שווערע בערג, ספעציעל בערג וואס מ'קען דערפון מאכן באצייטנס עכט גארנישט, אבער דערווייל זעהט עס אויס פאר בחורים ווי בערג, א מסגרת וואו מ'קען אויפארבייטן די פערזענליכע כאראקטער שטריכן און געפילן אז אין די ריכטיגע צייט איז מען גרייט צו קענען זיין א גליקליך פארל שוה בשוה אן קיין ספיד באמפס אדער אינערליכע פארהאקטע צווייפלונגען, א מסגרת ווי די בעסטע בחורים קענען באקומען צייטליכע קלארקייט און הדרכה במשנתו פון אבותינו ורבותינו הקדושים אין א באקוועמע אטמאספערע וואס בלייבט איינגעקריצט אויף אייביג לשם ולתפארת.

אין איין שורה, די מסגרת איז דא בעזרת השם יתברך.

קרוב צו טויזנט בחורים! - היינט יונגעלייט טאטעס פון קינדער, שוין אפילו בר מצוה בחורים קע"ה - האבן זוכה געווען צו דערגרייכן אט דעם שליסל צום לעבן דורך די שיעורים פון "הצלחת החיים"

# בונה נפשות רבות

## א ווירקליכע מהלך צו בויען א געזונטע נפש אין די בחור'ישע יארן

ווי געהערט אין א ספעציעלע ״פתיחה״ פאר עלטערן שיחיו דורך המדריך המפורסם הרב יעקב יצחק שטיינמעטץ שליט״א

# אונזער ארבעט מיט די 150 יסודות

שלמה המלך זאגט אין משלי, "חנוך לנער על פי דרכו, גם כי יזקין לא יסור ממנה." ווען מ'לערנט אויס א קינד "אלף בית" און "עברי," נאכדעם "סידור" און "חומש," און שפעטער בס"ד "משניות" און "גמרא," איז דער יסוד היסודות ביי יעדן לימוד די זעלבע: מען לערנט עס איין מאל, מען טוט עס איינ'חזר'ן אן א שיעור מאל, און נאכדעם האט מען שוין די פארטיגע מהלך דערויף נישט נאר אויף דעמאלט, נאר אויף א גאנצן לעבן. ווי שטארקער א לימוד, צי עברי אדער גמרא, וואס אימער, ווערט איינגעבאקן אין דיביינער, אלס שטארקער האלט זיך עס. דאס איז חנוך לדרכו, מען איז מחנך דעם קינד צו א לימוד, לויט זיין פארשטאנד און יארגאנג, און דורך דאס אהערשטעלן אויפ'ן ריכטיגן וועג בלייבט עס אויף לעבנסלענגליך.

אין די פאלגנדע זייטן ווערט אויסגעשטעלט א סעריע פון 150 יסודות און תכונות הנפש. די הונדערט פופציג יסודות זענען נישט אלעס, ווייט דערפון, אבער שפיגלען אפ וואס מיר האבן אבזערווירט במשך לאנגע יארן אלס די מערסטע אקטועלע ענינים וואס קענען זיך אויסשפילן אין רוטין פון לעבן, און - דעריבער - די מערסטע אקטועלע יסודות וואס מיר דארפן אויסשלייפן פאר אונזער וואוילזיין און דער וואוילזיין פון אלע אונזערע נאנטע און ארומיגע.

דער מהלך וויאזוי אויסצוארבייטן די אלע 150 יסודות ארבייט אויך ווי דער לשון הפסוק, "חנוך לנער על פי דרכו." מען לערנט אויס דעם חשובן בחור וויאזוי אויפצוארבייטן איינע פון די יסודות, אויף א ספעציפישע מהלך, און ווען דאס איז פארטיג, נוצט ער דעם זעלבן מהלך אויף אלע אנדערע יסודות, איינס נאכ'ן אנדערן, און אזוי ארום האלט זיך עס אויפ'ן גאנצן לעבן. אין אנדערע ווערטער, מען דארף נישט איבערגיין די הארעוואניע פון אנהויב ביז צום סוף אויף יעדע יסוד באזונדער, נאר איינמאל מען "האט ארויס" דעם מהלך, און מען איז מצליח אויסצושלייפן איין יסוד צום א מדריגה פון השלמה, קען מען שוין אסאך גרינגער איבערנוצן די זעלבע מהלך פאר די קומענדיגע יסוד אויף וואס מען וויל ארבייטן. נאך מער, ווי מער פון די יסודות וואס מען ארבעט אויס, אלס שנעלער ארבייט די מהלך אויף איינס נאכ'ן אנדערן.

## 150 יסודות

די ליסטע פון די 150 יסודות נעמען אריין רוב פונעם ספעקטרום פון מענטשליכע לעבן וואס א מענטש קען האבן אין א געווענליכן טאג. עס איז גילטיג אויף בין אדם למקו' און בין אדם לחבירו; רוחניות און גשמיות; יסודות וואס זענען שייך כלפי זיך און וואס זענען שייך כלפי אנדערע; האבן די ריכטיגע קשרים מיט העכערע אויטאריטעטן און מיט זיינס גלייכן און אזוי מיט די יונגערע ברודער און שוועסטער; האבן די ריכטיגע געפילן וואס שפיגלען אפ התלהבות, יראה, אהבה, הכנעה, אחריות, אויפארבעטן די כוחות פון כוח הדיבור, כוח ההסבר, כוח המעצה, הבנה, דיסציפלין, זעלבסט-שעצונג, און נאך פיל מער וויכטיג איז דאס באטראכן די כוחות הנפש; דארף מען אויפארבעטן די פעסטן כאראקטער אדער בלייבן וואקלדיג; וויפיל געדולד און טאלעראנץ האט מען צו מענטשן מיט אנדערע תכונות הנפש; האט מען קוראזש צו נעמען א מיינונג, אויפטרעטן ברבים; טוט מען זאכן מיט פאראויס'דיגע פלענער אדער מער ספאנטאן און אימפולסיוו; גלייכט מען צו פארברענגען מיט מענטשן אדער איז מען מער צוריקגעצויגן; און אזוי ווייטער הונדערט און פופציג ספעציפישע סארט ענינים.

עס איז איבעריג צו ערקלערן ווי אקטועל די אלע יסודות זענען בחיי יום יום פון יעדן איד, אין יעדן עלטער, אוודאי אין די ימי הבחרות און פילפאכיג מער אין די חיי הנשואין. און פון די דערמאנטע קאטעגאריעס קען מען שוין פארשטיין אז מען רעדט פון די סאמע הויפט יסודות אין רוטינעם לעבן. יעדן טאג וואס די יסודות זענען נישט באפעסטיגט און אויסגעשלייפט פילט מען די חסרון דערפון, און יעדן טאג וואס מ'לעבט מיט די השלמה פון זיי, שפירט מען א רואיגקייט און גליקליכקייט וואס ווערטער קענען נישט גענוג שילדערן.

## מיד ולעתיד

מען דארף נישט ווארטן לאנג אויפ'ן תועלת פון אויפארבייטן די דערמאנטע יסודות. איינמאל מען נעמט זיך צו א געוויסע קאטעגאריע עבודת האדם און מען באפאסט זיך דערמיט עס זאל ארבייטן אויף די ריכטיגע מהלך און באלאנץ, שפירט מען זאפארט דעם טויש, סיי אלץ א בחור סיי אלץ חתן. און שפעטער זעהט זיך אן די געוואלדיגע טויש ביים זיין א יונגערמאן אין כולל אדער ביי די ארבייט, אפגעזען אין וועלכע אומשטענדן מען וועט זיך געפינען בעז"ה במשך די לעבן - וועט מען שפירן די שטארקע שינוי לטובה וואס מ'האט געמאכט אלץ בחור. און אזוי וועט מען שטייגן ווייטער אין יעדן געביט, אויף יעדע מידה און מידה.

אונזער מהלך איז אבער געבויט אויף מער ווי "יעצט שוין." דער מהלך איז געבויט אויף פעסטע יסודות און פרינציפן וואס ארבייטן אויפ'ן לענגערן טערמין, צו לאנגע געזונטע געבענטשטע יארן. ממילא, בנוסף צו דעם וואס די חשובע בחורים קומען ארויס מיט אזויפיל השלמה אין אזויפיל פארשידנארטיגע יסודות און אויסגעשלייפטע מידות, בלייבט עס ביי זיי א "קנין לצמיתות" צו באשיינען זייער עתיד אין יעדן געביט פון צוקונפטיגן לעבן.



## וואו זענען מיר געווען

צו דער זעלבער צייט דארפן מיר נעמען אין באטראכט וויפיל פארפעלקער - און ווי געוואלד, וויפיל געוועזענע פארפעלקער ה"י - און זייערע חשובע עלטערן שיחיו פארגיסן טייכן טרערן אויף דעם וואס זיי האבן פארפעלט אויפצוארבייטן די ספעציפישע יסודות בעפאר די חיי הנשואין, צו קענען טועם זיין וואס מיינט א גליקליך לעבן.

נישט אלץ מוז דער מצב אנקומען צו א "קריזיס." אפטמאל קען מען הערן פון ביידע זייטן אז דאס לעבן "פארט שוין מיט," עס איז בכלל נישט דאס ראזעווע קאליר וואס מען האט זיך פארגעשטעלט, עס שפירט ווי א שווערע יאך. נישט נאר די פרנסה, וואס אויף דעם זאגן דאך די הייליגע חז"ל "רחיים על צווארו של אדם." מען רעדט פון די רוטינע לעבן, צוויי מענטשן מיט אזעלכע אנדערע נאטורן און פערזענליכקייטן, וואס מען וואונטשט זיך צו האבן די בעסטע שלו' בית על מי מנוחות, אבער אין מציאות טרעפט מען זיך פארהאנקערט אויף דעם ענין און אויף יענע ענין. עס מוז נישט זיין עפעס געפערליך, אבער עס קרענקט, עס קוועטשט. דעמאלט טראכט מען, סיי די באטרעפנדע אליינס און סיי די עלטערן, הלואי וואלט געווען עפעס א פלאץ, עפעס א מהלך, וואו מען וואלט געקענט אויסארבייטן די זאכן לכתחילה, דער בחור זאל קענען ווערן א יונגערמאן מיט מער געדולד, מער אחריות, מער סטרוקטור, מער פארשטיין יענעם, מער זעלבסט-קאנטראל, מער ארויסזאגן קלאר, מער זיך אינטערעסירן, מער זריזות, מער שטארקייט אין יעדן מצב, וכו' וכו' וכו'.

טייערע בחורים, טייערע טאטעס און מאמעס, דאס פלאץ איז דא! דער מהלך איז דא! הודו לד' כי טוב אז היינט צו טאגס ווערט צוגעשטעלט אט די השלמה אויף וואס מען לעכצט אזוי שטארק, די השלמה וואס בויט אויף לעכטיגע דורות. פילע הונדערטער יונגעלייט זענען שוין אריבער די דאזיגע השלמה אלץ בחור, און היינט צוטאג אלץ יונגערמאן וואס זאגן זיי און זייער אשת חיל תחי', און זייערע עלטערן. אשרינו מה טוב חלקינו!

## תפסת מועט תפסת

ממילא, יעדער וויל וויסן, וואס איז די מהלך. ווי געשמועסט, איז דער מהלך צוגעשטעלט אויף אן אויסגעפרואווטע וועג מיט לאנגיאריגע ערפארונג און הצלחה, און ארבייט ביי יעדן פערזענליך אויף זיין אייגנארטיגע שטאפל.

שלמה המלך דער חכם מכל אדם זאגט אין משלי, "חנוך לנער על פי דרכו, גם כי יזקין לא יסור ממנו." דאס איז גילטיג ביי די שיעורים "הצלחת החיים." מען ארבייט אויף יעדן איינציגן בחור, ווי ער וואלט געווען ממש א בן יחיד, ווי עס שטייט "נער" א לשון יחיד. יעדער איינער באקומט פערזענליכע אויפמערקזאמקייט, און דאס אויך "על פי דרכו," לויט זיין אייגענע מצב, לויט זיין אייגענע וועג אין לעבן. עס שטייט "גם" כי יזקין, אז "אויך" אויף דער עלטער, וועט זיך די השלמה נישט אפטון, עס בלייבט אינעם נפש האדם. דהיינו, עס ארבייט גלייך, און "אויך" אויף דער עלטער, ווייל דער מהלך איז געבויט אויף אונזער הייליגע חינוך מדור דור, און מיט'ן גרעסטן אויפמערקזאמקייט פאר יעדן יחיד ויחיד, אויף זיין אייגענע מדריגה און פערזענליכקייט.

און ווי געשמועסט, מען "כאפט" נישט. מען ארבייט אויף איין יסוד, נאכדעם נאך איינס, צוביסלעך מער און מער. אבער דאס מיינט נישט אז מען טוט איבער די זעלבע הארעוואניע הונדערט און פופציג מאל. ניין. פונקט ווי ביים אפלערנען די "מהלך" פון פארשטיין א בלאט גמרא, גיט פאר א בחור די אויסגעפלאסטערטע וועג צו פארשטיין גמרא כל ימי חייו, די זעלבע זאך ביי די שיעורים, ארבייט מען אריין גאר גרונטליך אויף די ערשטע אויסדערוועלטע יסודות וואס ער האט גענומען אויף זיך, און נאכדעם איז די זעלבע מהלך אויסגעפלאסטערט פאר אלע קומענדיגע יסודות'דיגע ענינים וואס ער וועט נעמען אויף זיך איינמאל ער האט אויסגעארבעט די ערשטע, און דאס וועט ווערן באהאנדלט בס"ד מיט די זעלביגער מהלך.

## פארמאט פון די שיעורים

די שיעורים ווערן צוגעשטעלט אין א באקוועמע פארמאט, יעדער איינער לויט זיין אייגנארטיגע השלמה.

עס ווערט צוגעשטעלט אין גרופעס בחברותא לעבעדיג אין איין פלאץ, אדער בחברותא אויפ'ן טעלעפאן, ווי אויך פריוואט "1 צו 1" - אויך לעבעדיג אויפ'ן פלאץ, אדער אויפ'ן טעלעפאן. אזוי ארום זענען דא פיר פארשידענע פארמאטן וויאזוי שיעורים ווערן געגעבן, אז יעדער זאל האבן די געלעגנהייט ארויסצונעמען די מאקסימום תועלת אויף א גליקליך לעבן.

אין די פאלגנדע בלעטער וועלן מיר אדורכגיין מיט דעטאלן די 150 יסודות'דיגע ענינים, און געבן א געלעגענהייט פאר'ן בחור זיך צו מאכן א חשבון וואו ער האלט אין זיין וועלט, און פון דעם באקומען א קלארקייט וואס ער וויל ארבעטן אויף זיך צו זיין דער געלונגענער בחור בעז"ה, און אויב מיר וועלן זיין די שליחים אים צו העלפן אנקומען דערצו, האפן מיר ער זאל מצליח זיין צו בליען און שטייגן ברוחניות וגשמיות, ואתם הדבקים בד' אלקיכם חיי"ם כולכם היום.

ברוכים הבאים! אשריך וואס דו האסט גענומען די צייט און מיה צו עפענען די בלעטער און געוואר ווערן מער וועגן דיך און דיין נפש! וואויל איז דיר וואס דו פארשטייסט אז עס איז דא א טיפערע זין, א טיפערע באדייט פון ווער די ביסט און וואס דו טוסט אויף אויפ'ן וועלט! ווי שיין איז אז דו ביסט גרייט, אדער אז דו ווערסט גרייט, צו געוואר ווערן ווער דו ביסט און וויאזוי דו קענסט דערגרייכן דיין פולסטן פאטענציאל אין לעבן.

אלזא! מאך זיך גרייט פאר א לעבן פון ערליכקייט און יראת שמים, א לעבן פון הצלחה. א לעבן פון סוקסעס. א לעבן פון עקסטאז און שלוות הנפש.

## א שטיקל הקדמה:

אמאל קען מען קוקן אויף א מענטש און עס קען זיך דאכטן אז מען האט אים קלאר ארויס. דאס קען פאסירן ווען א מענטש קוקט ארום אויף אנדערע מענטשן אין זיין וועלטל. עס קען פונקט אזוי פאסירן ווען א מענטש קוקט אריין אין זיך.

וויאזוי באשליסט מען אז "כ'האב אים ארויס"? מוז נישט זיין שווער. מען קוקט נאך דעם מענטש, אדער זיך אליין, און מען זעט איין. וויאזוי פירט ער זיין טאג? וויאזוי פירט ער זיין לעבן? וואס טוט ער דא? וואס טוט ער דארט? וואס טוט ער אין א וואכנטאג, שבת, יום טוב? וויאזוי פירט ער זיך ווען ער איז אין א מסגרת און ווען ער איז בעל הבית אויף זיך?

ווען מען קוקט נאך א מענטש און מען קען ענטפערן די פראגעס, קען מען טאקע מיינען אז מען האט אים ארויס. ס'דאך קלאר! אויב אזוי טוט ער, מוז זיין אז אזוי איז ער!

אבער ניין! ס'איז נישט ממש אזוי!

אמאל איז דא א בחור וואס פירט זיך אויף איין וועג אינדערהיים און גאר א צווייטע וועג אין ישיבה. אויב דאס איז נישט גענוג, פירט ער זיך גאנץ אנדערש מיט זיינע עלטערן און מיט זיינע געשוויסטער. אין ישיבה פירט ער זיך אנדערש צווישן די בחורים און די הנהלה. עס זענען אפילו דא שינויים צווישן זיין אויפפירונג מיט איין קבוצה בחורים און מיט אן אנדערע גרופע.

הייסט אז דער סביבה פון א בחור זאגט אונז נישט קיין סאך. איז ווער איז דער בחור?

לאמיר עס מאכן נאך מער קאמפליצירט.

*מנשה האט געהערט א שמועס פונעם משגיח וועגן אלול און ראש השנה. ס'האט אים געכאפט א ציטער! אוי! ס'קומען דאך די הייליגע טעג! מנשה ווייסט אז ער האט אסאך צו פארריכטן און אז ער דארף גוט אריינכאפן. פון די אנדערע זייט, אבער, איז ער ממש פארפרוירן און ער ווייסט נישט וואו צו אנהויבן. ער שעמט זיך אזוי שטארק, אז ער בעט נישט זיין משגיח זאל אים ארויסהעלפן, ער נעמט נישט ארויס קיין חסידיש ספר, ער זאגט נישט קיין איין פרק תהלים.*

ממש פארקערט. מנשה שווענדט אוועק די צייט. ער לערנט נאך ווייניגער ווי א גאנץ יאר. זיין דאווענען איז שוואכער. זיין כעס צושפילט זיך שנעלער.

אבער אויב וועסטו ארייינקוקן טיף אין מנשה'ס הארץ, אבער נאר אין זיין הארץ, וועסטו זעהן טייכן טרערן ביי ונתנה תוקף! וועסט זעהן א פחד און שרעק ביים שופר שאלן! וועסט זעהן א אויסערגעווענטליכע התעוררות פון יעדע פון די סימנים. אבער ס'איז טיף, טיף באהאלטן!

זאגט מיר, איז מנשה א ימים נוראים איד? פון אויבן אויף זעהט זיך גארנישט אן! זיינע מעשים זאגן פונקט פארקערט פון דעם. אבער אויב מען וואלט געקענט ארייינגיין טיף און אנערקענען "ווער איז מנשה?" וואלט מען געזען גאר אן אנדערע בילד.

ס'קען אפילו זיין אז גלייך נעבן מנשה זיצט א בחור בעריש. בעריש שאקעלט זיך און פלאמט א גאנץ חודש תשרי, אבער ער טוט עס נאר ווייל ער וויל זיך ארייינזען אין ישיבת המצוינים און דער ראש ישיבה דאווענט אין זיין שוהל. ער האט גארנישט מיט ראש השנה אייינגעלייגט. ער וויל נאר געפעלן א צווייטן. הייסט אז בעריש איז נישט א ימים נוראים מענטש, נאר א געפעלער מענטש.

קומט אויס אז דער אויפפירונג פון א מענטש אין געוויסע זמנים פון יאר זאגט אונז אויך נישט ווער ער איז. איז נאכאמאל, ווער איז דער בחור?

זאל מען זאגט אז א בחור'ס פלענער פאר זיין עתיד זענען מעיד אויף אים? אויב האט איר גוט פארשטאנען וואס מיר האבן געשריבן ביז יעצט, ווייסט איר שוין אז נישט. אמאל זענען א בחור'ס פלענער באזירט אויף פוסטע חלומות. ער שטעלט זיך פאר ער ווייסט וואס ער וויל זיין. ס'האט געכאפט זיין אינטערעס. אפשר זענען זיינע פלענער געבויעט אויף וואס זיין טאטע, ברודערס, שוואגערס טוען, אבער נישט אויף זיינע כשרונות און תכונות הנפש. אמאל בויעט ער זיינע חלומות לויט וואס ער שאצט אז זיינע עלטערן אדער מגידי שיעור ערווארטן פון אים.

דער אמת איז אז די אלע אויבנדערמאנטע זאכן: א בחור'ס סביבה, תכונות, חלומות, אפילו זיין אויפפירונג באאיינפלוסן אים. זיי לאזן אן אייינדרוק אויף אים. זיי פארמירן זיינע מייינונגען. זיי שלייפן זיין געדאנקענגאנג. און אסאך דערפון איז אמת לאמיתו.

עס איז אמת אז אינדערהיים ערווארט מען פון אים געוויסע אויפפירונגען און אין ישיבה איז אנדערש. עס איז אמת אז יעדע צייט פון יאר פארלאנגט אנדערע סארט אויפפירונגען - סוכות איז פרייליך און פסח איז מער אנגעשטרענגט, ראש השנה איז מער ערנסט און שמחת תורה איז לעבעדיג. דער בחור'ס בליק אויפ'ן וועלט, אויף זיין עתיד, איז באזירט אויף זיין היה און הוה.

דאך איז וויכטיג צו געדענקן אז אסאך זאכן וואס מען "זעהט קלאר" און מען "פארשטייט" זענען געבויעט אויף טעותים. די בחור'ישע יארן קענען אריבערגיין און מען קען אייינזאפן טעות על גבי טעות וואס דאס קען זיך ארייינציען אריין אין די יונגערמאנישע יארן. דאס וואס מען מיינט איז דער רעאליטעט - "דאס בין איך און פערטיג" קען זיין בלויז א צודעק פון אסאך, אסאך אינערליכע שיכטן. ווי לענגער די שיכטן פארבלייבן, אלס שווערער קען זיין די עבודה פון זיי אראפשינדן און אויפדעקן די אמת'ע נקודה: *"ווער איז דער בחור? ווער בין איך? ווער איז דער מענטש?"*

עס איז נישט שייך צו האבן א תשובה אויף אזא שווערע שאלה, נישט ביים ארייינפיר און נישט ביים ארויספיר פון אן אייינפאכע ביכל. עס איז נישט שייך צו ענטפערן אזא גרויסע קשיא אויף איין פיס. עס פאדערט זיך אסאך ארבעט און עס נעמט א לאנגע צייט צו געוואר ווערן, מי אני.

פארוואס נעמט עס טאקע אזוי לאנג? ווייל יעדע מענטש איז ארומגענומען און איבערגעדעקט מיט אסאך דיקע שיכטן. מען דארף אפשיילן יעדע שיכט, יעדע ביסל שאלעכץ, ביז מען קען אנקומען צום פינטל. און אפילו ווען מען מיינט מען איז שוין יא אנגעקומען צו א פינטל, קען זיי מען האט נישט ריכטיג ארויס די זאך. אין יעדע ענין קענען ליגן פילצאליגע צווייגן וואס קענען צופירן צו די זעלבע פינטל.

לאמיר געבן א ביישפיל:

*נחום האט טיף ארייינגעקוקט אין זיך און נאכן דורכטוען פארשידענע פאסירונגען פון זיין לעבן האט ער ענדליך פארשטאנען אז ער איז נישט א "חסד מענטש." ער קלאפט זיך נישט. ער ווייסט ער האט נאך אסאך כשרונות און גוטע מדות, אבער ער איז נישט ר' חסד.*

*ס'איז אבער אינטערעסאנט אז נחום האט ערלעדיגט א חברותא פראגראם אין ישיבה. ער האט עס אויסגעארבעט אויף אזא וועג אז יעדע בחור זאל האבן א געלעגנהייט צו לערנען איין סדר מיט א בחור וואס איז שטערקער פון אים און איין סדר מיט א בחור וואס איז שוואכער פון אים. נאך מער, קיינער ווייסט נישט ביי וועלכע סדר ער איז דער שטערקערע אדער דער שוואכערער. אזוי קומט אויס אז יעדער האט א צוגעפאסטע חברותא און שטייגט אין מער פון איין הינזיכט.*

*נחום איז אויך אלעמאל דער וואס באמערקט ווער ס'קען זיין גוט צו אנפירן א פראגראם, ווער ס'קען גוט מענעדזשן א זאך און וויאזוי מען קען בעסער ערלעדיגן עפעס. ער האט אויך אויסגעארבעט א קאנטראקט מיט א גראסערי צו דעליווערן אלעס וואס פעלט אויס פאר'ן קאווע שטיבל. ער האט ערפינדן א וועג צו מאכן אז א וועקער זייגער זאל נאר אויפוועקן איין מענטש און נישט אלע אנדערע מענטשן וואס שלאפן אינעם צימער - פשוט אלס מענטשליכקייט, אבער נישט דוקא אלס חסד.*

איז נחום נישט געמאכט פאר חסד? ער טוט חסד א גאנצן טאג. נאר וואס? ער איז נישט דער וואס באזוכט דעם קראנקן אדער געבט דעם גוט ווארט פאר א צווייטן. אבער אימדירעקט איז ער גורם אזויפיל חסד! וויפיל בחורים פילן זיך בעסער מיט זייער לערנען צוליב אים? וויפיל פראגראמען אין ישיבה - וואס האבן ארויסגעברענגט דאס בעסטע אין די אנפירערס און אין די באטייליגערס - זענען צושטאנד געקומען א דאנק נחום? וויפיל מענטשן האבן א בעסערע טאג ווייל זיי זענען נישט אויפגעשטאנען צו פרי און האבן געהאט א גוטע קאווע?

קומט אויס אז אפשר איז חסד נישט זיין עיקר נושא. אפשר איז זיין זאך "חידוש" און ער קומט אן צו חסד דורך דעם. אפשר איז זיין זאך פירערשאפט? אפשר איז זיין שטארקקייט דאס אז ער האט א ווייטער בליק? אין יעדע ענין קען זיין א רוחניות'דיגע אדער גשמיות'דיגע נקודה וואס קען צוברענגען צו האבן א כח אין נאך אסאך אנדערע נושאים.

ווען א מענטש אנערקענט וואס ער האט צו טון, פילט ער א סיפוק פון דעם. ווען ער זעהט די פירות פון זיין ארבעט פילט ער מער פרייליך. ווען ער פילט מער פרייליך, לייד זיין טאטע ווייניגער. זיין מאמע איז מער צופרידן. ער אליין איז מער צופרידן און לייד ווייניגער ווייל ער ווייסט און פארשטייט וואס ער האט אלס צו טוען.

ווען א מענטש נוצט נישט די כלים מיט וואס ער איז געבוירן געווארן צו אויפטוען גוטס, איז דאס א ריזיגע פארלוסט פאר אים און פאר אלע מענטשן וואס זענען מקושר צו אים.

## וויכטיג צו וויסן:

אמאל קען געשען אז ווען א מענטש קוקט אריין טיף אין זיך, ער ארבעט אויס זיינע שוועריגקייטן, ווערט ער געוואר אז ער איז גאר א שווערע מענטש. ער האט שווערע תכונות הנפש. וואס קען זיין גוט פון געוואר ווערן אזא סארט זאך? וואס פעלט אויס פאר א מענטש צו וויסן אלעס וואס איז נישט גוט וועגן אים? פארוואס זאל ער געוואר ווערן אז ער איז א פראבלעמאטישער מענטש? אפשר וועט עס אים נאך מער צוקלאפן? אדרבה! קען זיין אז ווייל ער איז שוין אמאל געוואר געווארן וועגן זיינע פראבלעמען, וועגן דעם איז ער געווארן אזוי צוקלאפט און מער וויל ער נישט וויסן ווער אדער וואס ער איז!

דאס איז די הנהגה פון די בריאה. אויב געוואר ווערן פון עפעס א ידיעה האט אנגעמאכט א נישט גוטע געפיל, א שווערע הארץ, א פראבלעם, וויל מען מער נישט קוקן אויף דעם. מען וויל מער נישט וויסן דערפון. מען רעדט זיך איין אז אויב מען איז מעלם עין דערפון, עקזיסטירט עס שוין נישט. אזויווי א קליין קינד וואס דעקט צו די אויגן, און יעצט מיינט ער אז קיינער קען אים שוין נישט זען.

אפשר קען זיין אז ס'איז טאקע אמת? פארוואס זאל מען אויפגראבן און טרעפן געדאנקען, גלויבונגען אדער מייינונגען וואס זענען נישט גוט? אפשר זאל מען זיי טאקע לאזן באגראבן און ווייטער גיין מיט'ן לעבן כאילו לא היה?

למעשה זעהט מען אז א גרויס חלק פונעם וועלט פירט זיך אזוי. אין רוב וועלט זוכט מען נישט צו זעהן וואס טוט זיך אונטערן אויבערפלאך - פארוואס א מענטש פירט זיך אויף א געוויסע אופן, פארוואס ער בלייבט שטעקן דא אדער דארט.

קוק נאר אין ישיבה. אין ישיבה פרעגט מען נישט צופיל טיפע שאלות. דער עיקר זאך וואס מען דארף ענטפערן איז "וואס טוט זיך מיט'ן בלאט גמרא?" אויב דארט טויג ער, איז ער שוין א פיינע בחור. פון די גאנצע ישיבה, הונדערטער בחורים, פארלאנגט מען דאס זעלביגע: זעץ זיך צום גמרא און לערן. מען טראכט נישט אריין צופיל:

ווער איז דער בחור?

וואס מאכט אים טוען אזוי צו אזוי?

וואס מאכט אים פרייליך, אנגעצויגן, לעבעדיג, אנגעזעצט, וכו'?

דאס איז נישט דער צוגאנג. איז פארוואס זאל א בחור ארייינטראכטן אין זיין נפש? סייווי רעדט מען נאר ווייטער פונעם בלאט.

## די וויכטיגקייט פון פארשטיין דער נפש פון א בחור

לאמיר אייך זאגן פארוואס מען זאל ארייינטראכטן אינעם נפש פונעם בחור. פארוואס עס איז יא וויכטיג. וואס מען קען אלס אויפטוען מיט'ן פארשטיין, ווער בין איך? וואס איז מיין שטארקקייט? פון וואו שטאמט מיין שוועריגקייט? וויאזוי קען איך עס בייקומען? וויאזוי קען איך ווערן דאס בעסטע ווערסיע פון ווער איך בין?

יעדע מענטש האט מעלות און חסרונות, דאס ווייסט יעדער. אבער נישט אלעמאל ווייסט יעדע מענטש פונקטליך וואס זיינע מעלות אדער חסרונות זענען און וויאזוי ער קען זיי נוצן צום גוטן - צום גוטן פאר זיך פערזענליך, צום גוטן צווישן אנדערע מענטשן, און צום גוטן אלס איד.

נאך מער. א מענטש באשטייט פון אסאך מער ווי זיינע מעלות און חסרונות. טיף אינעם מענטש זענען דא געדאנקן, גלויבונגען, רעאקציעס צו פאסירונגן וואס לאזן אן אייינדרוק אויף ווער ער איז און וויאזוי ער פונקציאנירט. אמאל קענען די טיפע אייינדרוקן אים באגרעניצן און אנמאכן שוועריגקייטן אין געוויסע אומשטענדן. כדי זיך צו ארויסזעהן פון די שוועריגקייטן, איז וויכטיג צו פארשטיין וויאזוי די אינערליכע סיסטעמען פון זיין נפש ארבעט. נאר מיטן פארשטיין און אויסגלייכן די פראבלעמען קען מען זיי בייקומען און שטייגן נאך אסאך ווייטער ווי מען וואלט זיך אמאל פארגעשטעלט. איינמאל מען ווייסט וואס די חסרונות און שוועריגקייטן זענען, קען מען זיך לערנען וויאזוי זיי צו טוישן צו מעלות.

*ישראל האט א פראבלעם.* ער איז אן

אומפארגינער. דער גרעסערע פראבלעם איז אז ער האט דאס קיינמאל נישט אידענטיפיצירט. ער ווייסט ער טוט זאכן וואס טויגן נישט, אבער ער ווייסט נישט פארוואס.

ווען ישראל לערנט, דרייט ער אן אלע מיני וועגן אז זיין חברותא זאל נישט באקומען די גוטע געפיל אז ער האט פארשטאנען דעם פשט. ער פרובירט אים אלעס אוועקצונעמען, אפילו די לופט וואס זיין חבר אטעמט וויל ער אים צוכאפן. דאס איז ווייל ער פילט אז יענער נעמט אים צו זיין לופט און ישראל פארגינט עס אים נישט. ער פילט נישט אז ס'איז דא גענוג פאר יעדעם.

ישראל פילט ווי ער טוט נאך א טובה פאר זיין חבר. וויבאלד ער מאכט אים פילן אז ער האט נישט גוט פארשטאנען, מאכט ער אים ארבעטן נאך שווערער, לערנען נאך טיפער, און מיט מער התמדה. ער כאפט נישט אז ער טוט עס צוליב נישט פארגינען.

אינדערהיים הערט ישראל ווי זיין טאטע געבט איבער א גוט ווארט פאר זיין ברודער פאר'ן ארויסטראגן די גארבידזש. ישראל פילט ווי ער דערהייבט עס נישט. "טאטי, די גארבידזש איז שוין געווען גרייט ביים טיר. ס'נישט אזא גרויסע זאך..."

פארוואס גייט עס אים אן? פארוואס קען ער נישט צולייגן נאך א גוט ווארט? (נישט נאר האט ער עס ארויסגעטראגן, נאר אינדרויסן האט ער אויך מסדר געווען ס'זאל זיין גרייט צו אפנעמען.) ישראל פילט אז אויב האט מען יענעם עפעס גוטס געזאגט, האט מען דירעקט צוגענומען פון אים.

אויב ישראל אנערקענט אז אלע די געפילן פון קנאה און אלע די מיטלען צו אוועקנעמען די הצלחה פון א צווייטן שטאמען פון אן אומפארגינערישקייט, דעמאלס קען ער אנהויבן צו ארבעטן אויף דעם. און ס'איז די זעלבע מיט אלע אנדערע מדות, שווערע געפילן, אדער פראבלעמען. אן דעם וואס מען זאל אנערקענען וואס איז דער שורש, דער אמת'ער יסוד פון א פראבלעם, קען מען נישט אנהייבן צו ארבעטן דערויף.

מענטשן רעדן זיך איין אז אויב לייגט מען א צודעק אויף א שמוץ איז שוין נישט דא קיין שמוץ. ס'איז אודאי נישט אמת. די שמוץ בלייבט נאך דארט. ביז א קורצע צייט וועט די שמוץ נאך ווערן אסאך ערגער. וואו די סדר פון שמיץ, ס'שימעלט, ס'ווערט גיפטיג, ראסטיג און שעדליך, און דאן וועט די צודעק אראפפאלן, ס'קען אפילו זיין אז מען לייגט ארויף אזא גוטע צודעק אז ס'וועט טאקע נישט אראפקומען, אבער דאס וואס מען האט צוגעדעקט וועט אנהויבן צו ארויסלאזן א געפערליכע גערוך פון שימל א.ד.ג.

און אויב האט מען טאקע זייער גוט פארדעקט, איז נאך שווערער די ארבעט פון אויפדעקן און צוקומען צום שורש - דאס וואס מען דארף אויסרייניגן, אויסרייבן, און אויסראטן.

## באקומען די ריכטיגע הילף

אמאל איז א שמוץ דארט אזוי לאנג, דער וואס ליגט דערין דערקענט שוין נישט דער שמעק פון שימל. ער זיצט מיט זיין שוועריגקייט און ער באמערקט נישט אלעס וואס קומט ארויס פון דעם. א גאסט (פון זיין נייע משפחה נאך די חתונה) וואס קומט באזוכן, א דרויסנדע מענטש, ער שמעקט שוין איינמאל, וואו די וועלט זאגט א גאסט אויף ווייל זעהט אויף א מייל, ער קען אמאל דערקענען וואס מען דארף פאררעכטן בעסער ווי מען קען אליין דערקענען

ווען א בחור לעבט מיט זיין אייגענע שווערע מציאות'ן קען אים זיין שווער צו דערקענען אז ער האט א פראבלעם וואס מען קען פאררעכטן, ער וועט זינגען און טראכטען ער איז אלעס גוט, און נאר דער און יענער דארף זיך גיין העלפן.

*בנימין האט נישט קיין חברותות. ער האט נישט קיין חברים. ער קומט זיך נישט גוט אויס מיט זיינע מגידי שיעור. ער ווייסט נישט פארוואס.*

*בנימין שטייט שוין בעסער ווי אנדערע בחורים מיט די זעלבע פראבלעמען ווייל ער האט עלטערן וואס ווילן אים העלפן. זיי שמועסן מיט אים. זיי ווילן הערן וואס גייט אים גוט, וואס גייט אים שווער. זיי פרובירן אים צו העלפן דערגיין פארוואס ער האט פראבלעמען מיט חברים. זיי רעדן מיט'ן משגיח, מיט'ן מגיד שיעור, נאכמאל מיט בנימין. אבער נישט ער און נישט זיי ווייסן וואס טוט זיך עכט אין זיין נפש. זיי פרובירן נאר צו אפוואשן דעם אויבערפלאך. זיי געבן זיך נישט אפ מיט וואס ליגט אונטער דעם.*

קען זיין אז בנימין'ס עלטערן וועלן אים העלפן פאר א קורצע צייט. ס'וועט אויסזעהן ווי זיי האבן גערייניגט אלעס וואס פעלט אויס און אלעס איז ציכטיג און זויבער. אבער ביז א קורצע צייט וועלן זיי באמערקן אז ס'שמעקט נאכאמאל נישט גוט. וויבאלד ער האט נישט באקומען די ריכטיגע הילף פאר די מקור פון זיין פראבלעם, האבן זיי נאר צוגעדעקט, אבער נישט געלעזט.

ווען בנימין - און אנדערע אזויווי אים - וואלטן באקומען די ריכטיגע הילף צו דערגיין וואס איז דער אמת'ער מקור פון זיין שוועריגקייט, אפילו עס וואלט אנטדעקט א נישט גוטע מידה אדער גייסטישע פראבלעם, וואלט מען זיך געקענט ריכטיג אפגעבן מיט דעם. ער וואלט געקענט באקומען די הילף וואס ער דארף צו טרעפן וואס איז יא גוט מיט די זעלבע מידה און וויאזוי ער קען עס נוצן צום גוטן.

אמאל קען זיך א בחור איינרעדן אז אלעס איז בסדר. ער אליין זעהט נישט אז ער האט פראבלעמען מיט אנדערע מענטשן. זיין טאטע קען אים נישט זאגן אז ער פילט זיך נישט באקוועם נעבן אים, אדער אז ער האט געהערט פון אנדערע אז זיי ווילן נישט פארברענגען צייט מיט אים ווייל ס'איז נישט געשמאק. דער בחור וועט אפשר דארפן א שטופ צו גיין צו א שיעור אדער לייענען א ביכל וואס קען אים אויפמערקזאם מאכן אז ס'איז מעגליך אז ער האט טאקע א פראבלעם - אבער דאך א פראבלעם וואס מען קען אויסארבעטן און פארבעסערן, און אט דערפאר זענען מיר דא.

מיט השית הילף, האבן מיר אריינבאקומען 3 מעכטיגע טעסטינגען מעטאדען, וויאזוי צו העלפן עפענען די טירן פאר די עלטערן פונעם בחור און דערנאך פאר אים זעלבסט, זיך צו זעהן אין שפיגעל, און זיך נעמען צו די ארבעט, לויפן צו די ארבעט פון עבודת הנפש והאדם מיט חשק און רצון.

א ספעציעלע שמועס וויאזוי די טעסטינגען ארבעטן איז געגעבן געווארן, און קען איבער געהערט ווערט אויף די מכון טעלפאון ליניעס, 718.887.9311 פין 12 דערנאך 24.

ווען עפעס איז געווארן פארשימעלט אונטער די ווענט פון א הויז דארף מען צוברעכן די וואנט. מען קען עס נאכדעם פאררעכטן, פארמאכן, אבער ס'איז זייער מעגליך אז ס'וועט זיך אנזעהן וואו מען האט פארראכטן. ס'וועט בלייבן א צייכן.

ביי א מענטש איז אבער נישט אזוי. מען קען אויפגראבן. אויפברעכן. פאררעכטן. פארמאכן. און עס ווערט נאך שענער ווי פריער. מיר האבן שוין הונדערטע מאל געזעהן ווי בחורים קומען צו אונז פאר הילף. פאר זיי האבן אריינגעלייגט די ארבעט האט קיינער נישט געוואלט שטיין נעבן זיי. זיי זענען געווען ציעפעדיג פון אינערווייניג. אבער נאך א קורצע צייט האבן זיי זיך אויסגעארבעט. ס'געווארן א נייע מענטש! יעדער האט זיי ליב! יעדער וויל זיין זיין חברותא. (נישט ווייל ער האט די בעסטע קאפ, נאר ווייל ער האט גוטע סאשעל סקילס. ער קומט זיך גוט אויס מיט אנדערע. ס'איז געשמאקט צו זיין נעבן אים.) משקיע געווען און פארדינט.

## ווען עס איז נישט געפערליך

נישט אלעמאל באמערקט מען פראבלעמען אדער שוועריגייטן. אדער, מען באמערקט יא אבער ס'איז נישט געפערליך. אדער, ס'איז טאקע נישט אזוי גוט, אדער מ'מיינט אז ס'פעלט נישט אויס עפעס מורא'דיגע הילף. פרעגט זיך א קשיא: זאל מען דעמאלס אויך געוואר ווערן וואס די חסרונות זענען, וועלכע פראבלעמען מען האט? אין א פאל ווען ס'איז נישט געפערליך, זאל מען גראבן טיפער?

לאמיר ענטפערן מיט א משל:

*קיקי און קאקא זענען צוויי קעלבן אין שטאל. זיי פארברענגען צוזאמען, עסן די זעלבע גראז, טרינקן די זעלבע וואסער. פון אויבן אויף, האבן זיי די זעלבע אויסזוכטן. מען האדעוועט זיי פאר זייער גוף. מ'גייט זיי שחט'ן.*

*ויהי היום, מען נעמט זיי צו שלאכטהויז. שחיטה ובדיקה, מליחה ושטיפה. די פלייש איז כשר געמאכט. אלע נוצבארע חלקים פארטיילט און פארקויפט.*

*און וואס וועט זיין פון די הויט? מען קען עס עסן? ניין. נוצן כמו שהוא? ניין.*

*דעמאלס קען מען עס אוועקווארפן, יא?*

*ניין! ס'זעהט אפשר אויס ווי א שטיקל מיסט* וואס מען קען נישט נוצן, א חסרון, אבער אויב מען ארבעט עס אויס קען מען האבן אסאך נוצן דערפון.

*מען נעמט די הויט פון קיקי און קאקא צום פאבריק. מען הויבט אן צו ארבעטן אויף זיי. ריי*ניגן. קעמן. קראצן. ציען. ווייקן. איינזאלצן.

*א גאנצע פראצעדור.*

*און נישט א גרינגע. מען ארבעט אריין אין די לעדער. נאך א וואך צוויי, קיקי האלט נישט אויס. ער שרייט און בעט זיך. "גענוג! לאז מיר אפ!"*

*נישט איז נישט. מען נעמט די הויט פון קיקי, יעצט פארוואנדעלט אין א שיינע שטיקל לעדער. מען שיקט עס אין פאבריק און מען מאכט פון דעם א גוטע שטיקל שיך. ער קומט אן אויף די פיס פון א מענטש. מען נוצט אים א האלבע יאר, א יאר צייט. און נאכדעם? אריין אין מיסט קאסטן. געענדיגט.*

*וואס איז אבער מיט קאקא? ער איז מקנא קיקי, יענעם האט מען אויפגעהערט צו פייניגען אינעם פארבריק, און מיר. מען ארבעט אויף מיר מער אין מער. מ'ציעט. מ'האקט. מ'זעצט. ס'איז נישט באקוועם. נישט גרינג. מען נעמט ארויס יעדע אומריינקייט. אבער ער ווערט אויסגעארבעט, אויסגעבעסערט.*

*ס'ווערט פון אים פארמעט! אנשטאט גיין צו א שיך פאבריק, גייט ער צום סופר. פון די הויט פון קאקא ווערט א ספר תורה. ס'נעמט א לאנגע צייט. ס'פאדערט נאך מער ארבעט פונעם סופר. אבער ווען ער קומט אן אין שוהל, באקומט ער א קוש! ער איז הייליג! ער האלט זיך אויף אייביג!*

*וואס איז דער סוף פון קיקי וואס האט נאר באקומען אויבערפלעכליכע ארבעט? מ'טרעט אויף אים יעדן טאג 1000 מאל און מ'נוצט אים א יאר צייט און דערנאך ווארפט מען אים אין מיסטקאסטען.*

*און דער סוף פון קאקא? א הייליגע ספר תורה. באליבט און באערט ביי אלע. ער האלט זיך אויף אייביג. און אויב נישט, באערדיגט מען דעם ספר תורה מיט די גרעסטע כבוד.*

וואס איז דער חילוק? איינעם האט מען באארבעט אביסל. מיט'ן אנדערן האט מען זיך אפגעגעבן, אויסגעארבעט, אריינגעלייגט כוחות ארויסצוברענגן די ריכטיגע, אינערליכע פאטענציאל.

די נמשל איז זייער קלאר פאר דיר טייערער בחור, די ווילסט זיין צופרידען מיט די מינומום וואס די עלטערן אדער די ישיבה פארלאנגן פון דיר, וועט מעגליך ארויסקומען דערפון בלויז א שיינער פאר שיך, אויב ווילסטו אבער אריינלייגען א בעסערע ארבעט, און אויף דיין אייגענע צייט, ווערן א אייגענער בעל אחריות און זיך מאכן א פאנטש ליסט פון אלעם וואס די דארפסט דיך און די ווילסט דיך אויסארבעטן, דיין וועט ארויסקומען פון דיר א הייליגער ספר תורה.

## יעדער קען זיך טוישן

יעדער איינער קען זיך טוישן, איינער דארף נאר ארבעטן אויף קלייניגקייטן, איינער אויף גרעסערע זאכן. איינעם איז שווער זיך צו טוישן, פאר איינעם גייט עס גרינג.

אבער יעדער קען.

א מענטש איז נישט אזויווי א שטיקל האלץ, א שטיין, א דומם. אפילו א דומם קען געטוישט ווערן דורך שניידן און אויסהאקן פאר א שיינער שטיין אדער פורניטשער שטיקעל. אוודאי א מענטש, א לעבעדיגער מדבר, קען זיך בייגן, זיך פארמען, קען שטייגן, און זיך טוישן. ערשט דארף מען אנטדעקן די חסרונות מען זאל וויסן וואס צו טוישן. נאכדעם דארף מען זיך לערנען די ריכטיגע מהלך וויאזוי עס צו טוישן אויף אן אופן וואס עס זאל בויען און בעסער מאכן.

עס איז בכלל נישט א פראבלעם אויב א בחור האט א פראבלעם. פונקט פארקערט. דורך דעם וואס א בחור ווייסט זיין חסרון און ער לערנט זיך וויאזוי צו אויסארבעטן זיין חסרון, וויאזוי צו אויסארבעטן זיין נפש, שטייגט ער אסאך העכער און אסאך ווייטער. אויב האט ער נישט א געוויסע חסרון צו אויסארבעטן, זאל ער אודאי נישט בעטן פאר דעם. חכמים זאגן אונז אז מען זאל נישט בעטן פאר נסיונות ווייל מען קען נישט וויסן אויב מען וועט ביישטיין. אבער אויב האט מען יא עפעס א חסרון, עפעס א נסיון, זאל מען וויסן קלאר אז מען קען עס איבערדרייען צום גוטן און ארויסנעמען אסאך גוטס דערפון, און נאך נאכדעם זיין בעסער פון א צווייטען וואס האט מתחילה נישט געהאט דעם חסרון.

מיר וועלן דא העלפן די חשובע בחורים וויאזוי מען קען טרעפן וואס מ'דארף זיך טוישן, וואס דאס וועט מען קענען טון מיט דעם ביכל, און איינמאל די בחור טרעפט אויף וואס ער וויל ארבעטן וועט די קומענדיגע שלב זיין 'וויאזוי' מען ארבעט זיך אויף, 'וויאזוי' מ'קען אויפבויען א געזונטע נפש, און דאס וועט די בחור זיך דארפן איינבעטן ביים טאטען ער זאל אים רעגיסטרירען ביי די פארשידענע בחורים חבורות וואס אונזער מכון שטעלט צו, סיי בין הזמנים און סיי איבער'ן זמן אין די פרייע צייטן, מיט א שיינע בקשה: מיין טייערע חשובע טאטע, שרייב מיר איין צו די פלאץ וואס וועט דיר ברענגען די בעסטע נחת פון דיין קינד און פון דיינע אייניקלעך בעז"ה.

די ארבעט איז דוקא געאייגענט פאר בחורים וואס וואקסן אונטער און זיי הייבן שוין באלד אן צו אריינגיין אין יונגלייטישע יארן, (15-19 יאר אלט). די ארבעט איז געשמאק, דער וואוקס איז געוואלדיג. און ווען מען זעהט די תוצאות פילט מען זיך ווי א נייע מענטש.

בשעת די ארבעט קען מען שוין אנהויבן צו פילן א מורא'דיגע חיזוק. מען ווערט א מענטש. מען ווערט אוועקגעשטעלט.

דאס מיינט נישט אז די ארבעט וועט זיין גרינג. מען דארף גוט אריינארבעטן און אויסארבעטן. א ספר תורה ווערט מען נאר פון שווערע הארעוואניע.

שווער, אבער רייך. ערפאלגרייך. מיט א ווייטע דערגרייך.

## מהלך העבודה

עבודת המידות און עבודת הנפש איז פון די

שווערסטע עבודות אויפ'ן וועלט. פונדעסטוועגן לוינט זיך עס. לאזט זיך נישט פון אלע תירוצים. שפעט... מיד... הונגעריג... איך קען נישט... ווער זאגט ס'גייט העלפן...

קום! ארבעט! פרוביר! וועסט זיך איבערצייגן אליין.

איז וואס איז אונזער צוגאנג? וויאזוי גייט מען צו זיך צו אויסארבעטן אויף אן אופן גדול מאוד מאוד? וויאזוי ווערט מען א בעל הבית אויף זיך? וויאזוי טוישט מען זיך פון לינקס צו רעכטס? פון געקלאפט צו דערהויבן? פון שוואך צו שטארק?

וויאזוי קען מען אלס בחור אויסארבעטן חסרונות וואס מען האט און ווערן א קנאקעדיגע בחור? א קנאן! א מצוין במידות! תפארת לעושיה תפארת לבני אדם!

די וועלט זאגט פארעכנט איז האלב באצאלט, אז מ'ווייסט וואס מ'דארף ארבעטן אויף זיך איז שוין די ערשטע האלב פארטיג, פארשטייט זיך אז עס גייט נישט אין איין מינוט, אנקומען קיין ארץ ישראל גייט אויך נישט אין איין מינוט, אבער יא אין איין טאג. דער אנהייב מהלך זיך צו טוישן נעמט אויך בלויז אפאר שעה פאר 2-3 טאג, א בחור מיט א פעסטע רצון וועט טרעפן די צייט און כוח צו טוען און אויפטוען.

דער אנהייבן מהלך איז צוזאמגעשטעלט געווארן דורך מכון שלימת החיים וואס האט אויסגעארבעט 155 פארשידענע זאכן אויף וואס א בחור קען דארפן ארבעטן. פארשטייט זיך אז אויב א בחור דארף ארבעטן אויף אלע 155 האלט ער נישט דעם ביכל אין זיין האנט. ער איז ערגעץ אין אן אינסטיטושען. רוב בחורים וועלן דארפן ארבעטן אויף 5-10 אדער אמאל-אמאל 20 פון די זאכן, יעדער באזונדער אויף אנדערע ענינים.

נו וויאזוי פאנגט מען אן, אין די פאלגענדע קאפיטלעך וועלן מיר אויסשמועסן אביסל וואס די 155 ענינים זענען, מיט אביסול הסבר, אויב די ווילסט הערן די הסבר קלארער קענסטו רופן אויף 718.887.9311 און לייג אריין קאוד 1-1-37.

דערנאך האסטו דא א צעטיל מיט 155 נומערן, און ביי יעדע נומער קען מען זיך געבן א צייכן פון 1-10.

1 - איך בין זייער שוואך אין דעם. איך האב נישט דעם שטארקקייט אין די נושא. עס איז ביי מיר אן ערנסטע פראבלעם.

10 - איך בין זייער שטארק אין דעם. איך האב נישט דעם שוואכקייט. עס איז איינס פון מיינע מעלות.

2-9 - לויט ווי שטארק מען איז נוטה צו איינער פון די צוויי עקן.

עיצה טובה קמ"ל זיך נישט צו פאפן, ווען מען טראכט וועגן די ענינים און מען וויל איינזעהן אויב עס איז א פראבלעם, דארף מען טראכטן פון אינדרויסן פון זיך. דאס הייסט, באטראכט זיך כאילו דו ביסט דיין טאטע, דיין מגיד שיעור, אדער דיין חבר. וויאזוי וואלטסטו דיר געשילדערט ווען עס קומט צו דעם ענין.

מען דארף א פעסטע רצון און עכט וועלן טוישן דאס וואס מען דארף צו טוישן. קען זיין מען וועט מחליט זיין אויף א געוויסע ענין אז פאר זיך איז עס נישט א פראבלעם אדער נישט א שוואכקייט. און דערווייל איז עס נישט אזוי, דאן וועט זיך עס זיכער נישט טוישן, טראכט אויב איינער פרעגט יעצט דיין טאטען אדער מגי"ש וועגן די פוינט וואס וואלט ער געזאגט.

דער מהלך הויבט זיך אן מיט אריינקוקן און אדורכטראכטן די 155 זאכן. ס'איז נישט א שנעלע זאך, אבער אזוי קען מען זעהן אויף וואס מען האט צו ארבעטן. מען דארף נאר אויסוועלן מיט וואס מען וועט אנהויבן.

דיין ארבעט דארף זיין זאלסט כאטש אויסוועלן פיר זאכן אויף וואס מען וויל ארבעטן.

איינמאל האסט אויסגעוועהלט די זאכן וואס די פארשטייסט אז די דארפסט ארבעטן דערויף, גייט מען זיך נעמען צו דער ארבעט, און במשך איין בין הזמנים גייט מען אויסלערנען 4 מהלכים וויאזוי מ'טוישט זיך, און די 4 מהלכים דעקט די אלע 155 נושאים, יא! אזוי וואו די הערסט 155 נושאים, בדוק ומנוסה.

שפעטער, נאך דיין ערשטע פיר ענינים זענען אויסגעארבעט און פארבעסערט, קען מען ווייטער ארבעטן אויף אנדערע זאכן במשך די צייט, פיל גרינגער, ווייל נאך מען ווערט איבערצייגט אז מען קען טוישן איין זאך, איז פיל גרינגער צו גיין ווייטער, ווייל מ'ווייסט קלאר אז מען האט די כלים און די מיטלען מיט וואס צו טוישן אלע אנדערע זאכן. מען קען שוין די מהלכים. מען קען שוין מהפך זיין אלע חסרונות צו מעלות.

***

אינדערצייט וואס די גייסט אדורך די ענינים וועסטו דיר באגעגענען מיט א זאך וואס די ביסט מעגליך שוואך דערין למשל רעדן ברבים, אבער ס'קען זיין אז ס'איז דיר נישט וויכטיג אז זאלסט עס קענען בעסער, ס'איז נישט פשט אז אלע 155 מוז מען קענען גוט טון, געוואוסע זאכן קען זיין פאר דיר גוט אז ס'בלייבט וואו ס'איז.

אבער אנטקעגן דעם איז דא אנדערע ענינים וואס אויב צו דאס וועסטו נישט האבן קיין אינטערעסע צו ארבעטן דערויף, וואו למשל זיך מכניע זיין פאר הורים ומורים, דאן איז שוין יא א פראבלעם, און מ'וועט דארפן האבן א שטיקעל ארבעט מיט דיר דאס אוועקצושטעלן.

אט דערפאר איז וויכטיג די זאלסט דיר צייכענען צו דער ענין וואס מ'רעד איז פאר דיר וויכטיג, און וואו וויכטיג צו ארבעטן דערויף, דהיינו 1 בכלל נישט וויכטיג, 10 גאר וויכטיג, אז די זאלסט אליין באקומען א קלארקייט וואו דיין רצון האלט.

ווייטער איז די ארבעט דא, אז היות מ'קען זיך אמאל אליין פאפן און זי איינרעדן אז מ'איז גוט אין א ענין, אין דערווייל איז ווייט נישט אזוי, און אמאל פארקערט מ'איז זייער גוט אין א ענין און עפעס פערפעקשאן געפיל זאגט אין די מענטש אז די ביסט נישט גוט, (נומ' 64 איז דרגה 1) דערפאר געבן מיר דא א געלעגענהייט מ'זאל זיך פראווען צו די שאצונג איז ריכטיג מיט א מעשה.

נאכ'ן דורכגיין עטליכע פון די נושאים, שטעל זיך אפ. און יעדע בחור קען אויסוועלן איינער פון די זאכן אין וואס ער איז גוט, (ד.מ. ער האט אריינגעשריבן א העכערע נומער) אדער איינער פון די זאכן וואס ער האט נישט און ער וויל האבן, (ד.מ. ער האט געשריבן א נידריגערע נומער אבער עס איז אן ענין וואס ער וויל אויסארבעטן און עס איז וויכטיג). פאר די זאך וואס מען האט אויסגעוועלט וועט מען שרייבן א מעשה. אויב איז עס א שטארקקייט וואס דו האסט, שרייב אן עובדא וואס ווייזט אויף אז עס איז טאקע אזוי. אויב איז עס א שוואכקייט וואס דו ווילסט אויסארבעטן, שרייב א מעשה וואס ברענגט עס ארויס אויף א למעשה'דיגע אופן. (למשל, אויב ביסטו שוואך אויף: 'צו זיין א אמת'דיגע מענטש, קענסט שרייבן, "אויב מיין טאטע פרעגט מיר ווען איך קום אהיים פון ישיבה וואו איך בין געווען און איך בין געווען אין ביהמ"ד, וויל איך יא ענטפערן אז איך בין געווען אין ביהמ"ד, כאטשיג ער וועט מיך פרעגן 'וואס ביסטו געווען אין ביהמ"ד, פארוואס ביסטו נישט גלייך אהיימגעקומען?' אויף אלע קשיות וועל איך ענטפערן די אמת אדער זאגן אז עס איז מיר שווער צו ענטפערן.')

ענדליך! מיר זענען גרייט זיך צו נעמען צו די עבודה! שרייב דיין נאמען און לאמיר שוין אנהייבן.

# 150 יסודות הסברה

### 1. דו האלסט זיך רעספעקטפול

דו פירסט זיך בכבוד פאר זיך אליין. דו לאזט זיך נישט ווערן אראפגעקלאפט.

### 2. דו האסט א שטארקע כאראקטער

דאס מיינט אז דו ווערסט נישט אזוי שנעל אראפגעפאלן, אראפגעלאזט און אראפגעקלאפט. די כאראקטער איז שטארק. האסט אויפגעבויעט דיין נאטור פון אינערוויינינג צו זיין שטארק.

### 3. דו קענסט זיך צוריקהאלטן

יעדע מענטש קען אמאל פילן א שטופ, א דרוק, א נטיעה צו טוען עפעס וואס איז נישט ריכטיג אדער נישט גוט פאר אים. די קשיא איז נאר אויב דו קענסט זיך איינהאלטן און צוריקהאלטן פון עס טוען.

### 4. דו פלאנירסט זיך אויס פלענער

דו ביסט א מענטש וואס פלאנט פון פאראויס. דו מאכסט זיך פלענער פאר'ן טאג, פאר'ן זמן, פאר'ן יאר, פאר'ן עתיד.

### 5. דו קענסט פארן מיט א סיסטעם

יעדע מסגרת האט א סיסטעם, א מהלך וויאזוי עס ארבעט. אין ישיבה איז דא איין סיסטעם. אינדערהיים איז דא נאך א סיסטעם. אין שוהל, אין קעמפ, וכו'. ביסטו א מענטש וואס קען זיך גרינג צופאסן צו א סיסטעם אדער האסטו שוועריגקייטן דערמיט? האלסטו בכלל אז דאס איז א וויכטיגע זאך?

### 6. דו ביסט מודה על האמת

אפילו ווען עס איז נישט גרינג אדער אנגענעם...

### 7. דו נעמסט אן א דורכפאל

א דורכפאל מאכט דיר נישט פאלן. דו פארשטייסט אז עס איז נארמאל צו פאלן אמאל און דו גייסט ווייטער.

אדער אפשר פארקערט. וויאזוי רעאגירסטו ווען דו פאלסט דורך?

### 8. דו ביסט א ריסק טעיקער

טייל מענטשן האבן ליב ווען זאכן זענען נישט פארזיכערט. זיי נעמען א ריסק. לאמיר זען וויאזוי ס'וועט זיך אויסארבעטן.

אנדערע מענטשן האבן ליב ווען זאכן זענען פארזיכערט. עס איז זיי שווער צו טוען עפעס ווען ס'איז נישט קלאר וואס די תוצאה דערפון וועט זיין.

אבער געווענליך זענען די גרויסע הצלחות און פארדינסטען אין ריזיקע אונטערנעמונג.

קענסטו אריינטאנצן ווען דו האסט מורא דו וועסט דורכפאלן? האלטסטו אז עס איז נישט ריכטיג צו אריינטאנצן נאר ווען מען ווייסט אויף זיכער אז ס'קען זיך אויסארבעטן?

### 9. דו קענסט פונקציאנירען אונטער דרוק

געוויסע צייטן פון יאר און געוויסע צייטן פון א מענטש'ס לעבן קענען מיטקומען מיט דרוק, מיט פרעשור. למשל, פאר א פארהער, פאר סוף זמן, פאר יום טוב, וכו'. ביסטו א סארט מענטש וואס ארבעט בעסער ווען ס'איז דא פרעשור? ביסטו א מענטש וואס וויל נאר ארבעטן ווען ס'איז רואיג? אויב דרוק איז דיר שווער, ווילסטו זיך לערנען וויאזוי צו קענען פונקציאנירן ווען מען קען נישט פארלייכטערן די פרעשור?

### 10. דו האסט סעלף עסטים

חשיבות עצמו, דאס מיינט אז דער מענטש איז זיך מחשיב. ער פארשטייט אז ער אליין האט א ספעציעלע חשיבות. אה, דער קלוגער בחור פארשטייט אז אסאך נושאים וואס שטייען דא האט א שייכות מיט די נומער.

### 11. דו ביסט א אמת'דיגע מענטש

זיין אן אמת'דיגע מענטש מיינט אז דו רעדטס אמת'דיג, מען טרייבט נישט איבער, מען רעדט נישט איין, וכו'. מען זוכט נישט צו באקומען אטענשאן דורך פאלשקייט.

(דאס איז אנדערש פון מודה על האמת, ווייל מודה זיין אויפ'ן אמת איז ווען איינער פרעגט דיר. זיין אמת'דיג מיינט אז וואס דו געבסט ארויס איז אמת.)

### 12. דו האסט קאמען סענס

קאמען סענס איז עפעס וואס איז שווער מסביר צו זיין. קאמען סענס מיינט א ריכטיגע פארשטאנד, א פשוט'ע, וועלטליכע פארשטאנד. עס פאדערט נישט דוקא קלוגשאפט אדער טיפקייט. ס'איז א ספעציעלע סארט חכמת החיים.

און... דאס קען מען בעסער'ן ווען מ'האלט מיט א בין הזמנים קלאס? ס'הערט זיך אינטערסאנט אבער דאס איז די מציאות.

### 13. דו האסט סעלף קאנטראל

סעלף קאנטראל מיינט אז מען קען זיך אליין קאנטראלירן. אפילו קיינער זאגט דיר נישט, קענסטו זיך איינהאלטן פון טוען עפעס וואס איז נישט ריכטיג אדער נישט גוט פאר דיר.

### 14. דו ביסט א פלעקסיבעל מענטש

צו זיין פלעקסיבעל און בייגעדיג און נישט אלעמאל זיך האלטן שטייף און פעסט ביי זיך. פלעקסיבעל איז די פארקערטע פון עקשנות. זיין פלעקסיבל מיינט אז מען בייגט זיך אראפ, און מען איז גרייט זיך איינצובייגן פאר א מצב אדער פאר ארומיגע.

### 15. דו ביסט א בעל דרשן

ביסטו דער סארט בחור וואס קען זיך שטעלן האלטן א דרשה פאר אנדערע, אפשר אויף א שבת התוועדות אדער אין ישיבה? איז דאס עפעס וואס דו ווילסט קענען?

### 16. דו לאזט זיך לערנען

נישט דא קיין מענטש וואס קען אלעס. אבער ס'זענען דא מענטשן וואס לאזן אנדערע זיי אויסלערנען וואס זיי קענען נישט. זיי האלטן נישט אז דאס מיינט אז זיי זענען עפעס פעלערהאפטיג.

(דא רעדט מען נישט פון לערנען תורה וואס דאס טוהסטו שוין א גאנצע זמן, וואו אויך נישט להבדיל שטודירן ווייל דאס טוען מיר נישט. דא רעדט זיך פון אלגעמיינע ענינים וויאזוי זיך צו פארבעסערן.)

איי... איי... אויב די נומער איז שוואך וועלן מיר האבן די זכיה דיר ארויף צוברענגען??!?

### 17. דו ביסט א בעל אחריות

ביסטו א בעל אחריות? דו ווייסט וואס דו האסט צו טוען און ווען דו דארפסט עס טוען, און עס ווערט געטוען!

# 150 יסודות טעסט

## וואס איז דיין דרגה?

פילט אויס דעם בויגן פאר יעדע איינס פון די 155 יסודות לויט די יסודות הסברה (צ.ב. #1 אויף דעם בויגן גייט צוזאמען מיט יסוד # 1. - דו האלטסט זיך רעספעקטפול).

שרייב א נומער פון 1-10 וואו שטארק דו ביסט און די תכונה ויסוד, (10 איז די בעסטע).

ביי די שאלה פון 'וויכטיג?' שרייב א נומער פון 1-10 וואו שטארק דו האלטס אז פאר דיר איז וויכטיג צו ארבעטן אויף די יסוד, (10 מיינט גאר וויכטיג), דערנאך שרייב בקיצור, פארוואס דו האלסט אז ס'וויכטיג.

ביי די שאלה פון 'גרייט?' מאך א 'טשעק' אויב דו ביסט גרייט און דו ווילסט ארבייטן צו קונה זיין דעם יסוד. מאך א ליין ( – ) אויב ס'נישט נוגע וויבאלד דו האסט עס שוין. אויב דו ביסט נאכנישט גרייט יעצט צו ארבייטן דערויף מאך א 'עקס'.

שיקט אריין די אויסגעפילטע בויגן צו אונזער מכון ווי ספעציעלע מומחים וועלן עס איבערקוקן אי"ה.
פעקס: 845.477.1123 פאסט: 5 Hayes Ct Unit 311, Monroe, NY 10950
אדער קען די עלטערן אימעילן צו hatzluchashachaim@gmail.com.

נאמען ________ היים טעל ________ טאטע'ס סעל ________

הערה ________

1. דרגה___ # וויכטיג___ # פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
2. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
3. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
4. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
5. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
6. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
7. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
8. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
9. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
10. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
11. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
12. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
13. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
14. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
15. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
16. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
17. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
18. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
19. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
20. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
21. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
22. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
23. דרגה___ # וויכטיג___ # פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
24. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
25. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
26. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
27. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
28. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
29. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
30. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
31. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
32. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
33. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
34. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
35. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
36. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
37. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
38. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
39. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
40. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
41. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
42. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
43. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
44. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
45. דרגה___ # וויכטיג___ # פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
46. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
47. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
48. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
49. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
50. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍
51. #____ #____ פאראוואס? ________
« ________ גרייט? ❍

### 18. דו ווערסט זיך נישט אפהאלטן וועגן געלט

עס זענען דא מענטשן וואס דארפן אלעס האבן פאר אומזיסט, אדער לכל הפחות ביליג - און אז עס קאסט זיי געלט, טרעפן זיי שוין ראיות פארוואס זיי דארפן עס עכט נישט האבן.

ביי אנדערע מענטשן איז געלט ווערד ווייניגער ווי זיי. ביי זיי איז געלט נאר דא זיי צו סערווירן. און אויב קען מען ווערן א בעסערע מענטש און ס'קאסט געלט, איז געלט אן אפהאלט פאר דיר אדער נישט?

### 19. דו קענסט ווארפן א פחד לעת הצורך

דו קענסט מחליט זיין ווען און אויף וועמען עס פעלט אויס צו ווארפן א פחד. דו ווייסט וואו איין און וואו אויס - אויף וואס א פחד איז וויכטיג און ריכטיג און ווען ס'איז סתם בחור'ישע מעשיות.

### 20. דו קענסט מחליט זיין

יא-ניין? יעצט-שפעטער? דעם-יענעם?

יעדן טאג קען א בחור אויסשטיין צו דארפן מאכן החלטות. נישט אלעמאל איז עס קלאר אז "יעצט גיי איך אויסוועלן און מחליט זיין." ביסטו א בחור וואס קען מחליט זיין שנעל? ביסטו אזא איינער וואס עס נעמט דיר לענגער צו מחליט זיין? אדער אפשר ביסטו גאר אזא סארט וואס ווען עס זענען דא צוויי ברירות ווערסטו פאראליזירט און דו קענסט נישט מחליט זיין?

און נישט פארגעסן - אפשר האלטסטו אז דער כח פון קענען מאכן החלטות איז בכלל נישט וויכטיג?

די האלסט אז אן דעם כח איז אזוי גרינג אנצוקומען צו עפעס תכלית?

### 21. דו געדענקסט גוט

מאנכע מיינען אז דער כוח פונעם זכרון ווענדט זיך אויף וויאזוי מען ווערט געבוירן. אנדערע מיינען אז ס'ווענדט זיך אויף וויפיל מען חזר'ט. אין אמת'ן אבער, קען מען מיט געוויסע פעולות אויסארבעטן און פארבעסערן דעם זכרון. ווי שטארק איז דיין זכרון?

יא, א מציאות, בחורים האבן זיך אין איין בין הזמנים אויפגעבויעט זייער כח הזיכרון צו גאר שטארקע דרגות.

### 22. דו האסט נשיאת חן

מען בעט דעם באשעפער "ונמצא חן בעיני אלקים ואדם". איז דא עפעס וואס מען קען טוען דערצו? נשיאות חן איז נישט עפעס וואס מען קען קויפן. ס'איז נישט עפעס וואס מען קען זיך אנטוען אדער אנשמירן. נשיאת חן האט מיט אן עבודה וואס מען דארף ארויפארבעטן אויף זיך. דאס וועט ברענגן חן אויף א מענטש.

### 23. דו ביסט מקבל יסורים באהבה

ביי יעדע מענטש מאכט זיך אמאל א שוועריגקייט. וויאזוי נעמסטו עס אן? יסורים ארבעטן אויס דעם מענטש. און פון אויסגעארבעטע הויט קען מען מאכן פארמעט פאר א ספר תורה - אבער עס ווענדט זיך וויאזוי מען איז עס מקבל.

### 24. דו ביסט ערנסט בפנימיותו

ערנסטקייט קען מען נישט זען אין שפיגל. מען קען זיך מאכן אן ערנסטע פנים, אבער ריכטיגע ערנסטקייט איז אן אינערליכע זאך, א געפיל.

ערנסטקייט מיינט אז מען מאכט נישט אוועק זאכן, מען געבט חשיבות פאר זאכן, מען געבט אפ א ריכטיגע כובד ראש ווען ס'פעלט אויס, מען מאכט נישט חוזק.

ערנסטקייט איז איינער פון די יסודות וואס מאכן פון א אינגל, א בחור. א אינגל האט נישט גענוג אן אויסגעארבעטע פנימיות צו זיין עכט ערנסט. א בחור קען דאס שוין יא אויפבויען.

### 25. דו טוישט דיינע נישט ריכטיגע מיינונגען

אויב דו ווערסט געוואר אז דו האסט זיך טועה געווען אדער אז דיין מיינונג איז נישט ריכטיג, קענסטו טוישן דיין מיינונג. דו בלייבסט נישט סטאק, אדער ניין די ווערסט פרובירן צו מער בויען די פארדרייטע מיינונג.

### 26. דו קענסט טוישן דיין רצון

אויב איז אריין אין דיין הארץ א רצון וואס איז נישט ריכטיג, קענסטו ארבעטן צו טוישן דעם רצון?

### 27. דו לערנסט זיך פון דיינע טעותים

א טעות, א גרייז. א פראבלעם? אדער קענסטו זיך לערנען פון דעם און קענען בעסער אויף נעקסטע מאל? אדער בלייבסטו מיט'ן גרייז און דו טוסט עס נאכאמאל און נאכאמאל?

### 28. דו האסט נישט חרטה נאך אן החלטה

פריער האבן מיר געפרעגט אויב דו קענסט מחליט זיין. יעצט איז די פראגע וואס געשעט נאך דו האסט מחליט געווען? האסט חרטה אדער דו האלסט זיך ביי א החלטה?

### 29. דו קענסט אריין פרעגן ברבים

עס זענען דא מענטשן וואס ווערן פארפרוירן ווען זיי זענען ברבים, עס וועט זיי אפילו נישט איינפאלן א שאלע צו פרעגן. אנדערע וועלן האבן פראגעס אבער נישט קענען פרעגן. נאכדעם זענען דא די סארט מענטשן וואס קענען אמאל יא אמאל נישט, און אנדערע וואס ביי זיי איז נישט קיין חילוק יא מענטשן-נישט מענטשן. אויב האבן זיי א פראגע, פרעגן זיי. וועלכע ביסטו?

### 30. דו האסט א גוטע נאמען

אין פרקי אבות שטייט, "טוב שם טוב משמן טוב," ס'איז בעסער א גוטע נאמען ווי גוטע אויל. נאך שטייט אז א גוטע נאמען איז בעסער ווי אלע כתרים, כתר תורה, כתר כהונה און כתר מלכות? כתר שם טוב, דאס וועט ברענגען צו לערנען אויך, דאס וועט ברענגען אנקומען צו א גוטע שידוך, א גוטע נאמען וועט אים העלפן אנקומען דארט וואו ער וויל אין זיין לעבן.

און יא די לעצטע יארן האבן הונדעטער בחורים זיך ערווארבן א שם טוב מיט'ן ארבעטן אויף די אלע ענינים.

### 31. דו ביסט קאנטראל ווען און וויפיל צו עסן

עס זענען דא מענטשן וואס עסן מיט די אויגן - אז זיי זעהן עפעס וואס שמעקט זיי, נעמען זיי עס שוין אריין אין מויל. זיי האבן נישט קיין חשבון צי זיי זענען הונגעריג צי נישט. פונקט ווי מען דארף זיך קאנטראלירן מיט ווייַן נישט צו ווערן שיכור, דארף מען זיך קאנטראלירן מיט עסן: עסן וואס מען דארף, ווען מען דארף, וויפיל מען דארף, און נישט נאר ווייל ס'שמעקט דיר.

### 32. דו האלסט ווארט

האסט געזאגט? האלטסטו ווארט! אדער אפשר נישט...?

### 33. דו קענסט לערנען אליין

ביסטו דער סארט בחור וואס קען זיך אוועקזעצן מיט א ספר און זיך קאנצענטרירן אן דעם וואס דיין חברותא זאל עס מאנען פון דיר? איז עס דיר שווער צו לערנען אליין?

### 34. דו קענסט אנפירן אסיפות/גרופעס

ווען א גרופע פון בחורים שמועסן, אדער דארפן עפעס ערלעדיגן צוזאמען, קענסטו אריינזאגן, ארייננשמועסן, צוגעבן עפעס, העלפן מאכן א

החלטה?

### 35. דו קענסט טוישן די ליעבשאפט צו עסן

נישט יעדע נאכט מאכט דיין מאמע פונקט די עסן וואס דו האסט ליב. (און איך זאג דיר אויס א סוד: דיין ווייב וועט אויך נישט מאכן נאר וואס דו האסט ליב, און זיכער נישט דיין שוויגער!) אפט מאל מאכט זיך אז מען ווערט סערווירט עפעס וואס מען האט נישט ליב. קענסטו זיך מאכן ליב האבן עפעס וואס האט א טעם וואס דו גלייכסט נישט, אז דו זאלסט נישט מוזן עסן עפעס וואס דו האסט נישט ליב? און זאגען ליגענט אז ס'איז גוט, עפעס וואס די גייסט קענען בעז"ה פון דעם בין הזמנים און ווייטער.

### 36. דו ביסט זיך גרייט צו פלאגען

דו ביסט דער סארט מענטש וואס שרעקט זיך נישט ווען דו ווייסט עפעס וועט זיין שווער. דו ביסט גרייט צו ארבעטן און זיך פלאגן.

### 37. דו ביסט געלאסען

א געלאסענע מענטש שפרינגט נישט. ווארפט נישט. ווערט נישט אויפגעברויזט. ער גייט מיט א געלאסנקייט.

### 38. דו האסט נישט שולד געפילן

עס זענען דא מענטשן וואס קלאפן זיך על חטא טויזענט מאל א טאג. וואס נאר זיי האבן געטון, טרעפן זיי תירוצים פארוואס ס'איז אפשר נישט געווען ריכטיג און וויאזוי ס'האט אפשר איינעם פוגע געווען. זיי פילן אלעמאל גילטי. ביסטו אזא סארט מענטש?

### 39. דו ביסט אין קאנטראל אויף דיין מוט

וויפיל מאל אינעם פריערדיגן זמן ביסטו אויפגעשטאנען "נישט אין די מוט" פון לערנען? וויפיל טעג אין א מענטש'ס לעבן קענען ווערן פארפאטשקעט ווייל זיי קענען נישט איבערשטייגן זייער מוט? אויב קענסטו זיך נאכנישט שטארקן איבער דיינע אינערליכע געפילן, וועט דער קורס דיר געבן די כלים און קוראזש צו טוישן די מוט.

מערערע מתמידים זאגען אז זיי ווילן נישט אוועקגעבן א בין הזמנים צו לערנען די ענינים ווייל ס'נעמט אוועק די צייט, אבער וויפיל טעג אין די זמן גייט אדורך מיט גארנישט ווייל מ'איז יענעם טאג נישט געווען אין די ריכטיגע מוט.

א קלענער אינוועסמענט פאר די ריזיגע רווחים ס'ווארט אפ פאר דעם בחור.

### 40. ס'איז דיר גארנישט צו שווער

ווען דו ווילסט עפעס טוען אדער אויפטוען, איז דיר גארנישט צו שווער. גארנישט וועט דיר שטיין אין וועג פון אויפטוען וואס דו דארפסט.

### 41. דו קענסט זיך אריינברענגען אווארעמע געפיל

דו קענסט אויסארבעטן דיינע געפילן און זיך אריינברענגען אין א ווארעמע געפיל.

### 42. דו קענסט קאנטראלן דיין ליבשאפט

אמאל איז דא א מענטש וואס מען וואלט אים געדארפט ליב האבן - און מען האט נישט קיין גוטע געפילן פאר אים. פארקערט אויך - אמאל איז דא א מענטש פאר וועמען מען האט שטארקע געפילן פון אהבה, אבער מען וואלט עס נישט געדארפט האבן. אויב קענסטו זיך קאנטראלירן דיין אהבה, אשריך. אויב נישט, קענסטו זיך לערנען דעם כוח אינעם קורס.

אויסארבעטן די אהבה מוסקלען קען העלפן מיט די מצוות פון ואהבת את ה' אלקיך, ואהבת לרעך כמוך, וכו'.

### 43. דו ביסט זיך קיינמאל נישט מייאש

נישט קיין חילוק וואס האט פאסירט ביז יעצט און אלעס וואס האט זיך נישט אויסגעארבעט, האסטו נאכאלס האפענונג אז עפעס וועט זיך אויסארבעטן אינעם צוקונפט.

### 44. דו הערסט גוט אויס א שיעור

פארשידענע מענטשן לערנען בעסער אויף פארשידענע אופנים. ס'דא וואס לערנען בעסער אליין, בעסער מיט א חברותא, אדער - אזויווי מיר פרעגן דא - בעסער ביי א שיעור. ביסטו פון די מענטשן וואס הערן גוט אויס א שיעור? קענסטו לערנען פון סיי וועלכע סארט מגיד שיעור אדער נאר ביי געוויסע?

### 45. דו קריכסט ארויס פון דיינע קינדערישע געפילן

אין די קינדערישע יארן האבן געוויסע זאכן א גרויסע חשיבות. למשל טראכט וועגן פרייזעס וואס דו האסט באקומען אלס קינד, ווי טייער זיי זענען געווען ביי דיר. האט עס נאכאלס די זעלבע חשיבות אדער ביסטו שוין עפעס מער פון דעם?

נישט נאר פרייזעס. ווערסטו נאך אנציקט אדער אנטוישט, עקסייטעט פון די זעלבע זאכן וואס האבן דיר דערפריידט אלס קינד?

### 46. דו לויפסט נישט נאך איבריגע הנאות

א מענטש דארף און זאל הנאה האבן אין זיין לעבן. אבער איבריגע הנאה איז נישט ריכטיג. (דאסמאל רעדן מיר נאר פון הנאה בהיתר, נישט באיסור ח"ו.) קענסטו זיך אפהאלטן פון איבריגע הנאות?

### 47. דו האסט ישוב הדעת

ישוב הדעת איז א מחיה'דיגע זאך. דיין מוח איז רואיג. דו קענסט טראכטן קלאר.

### 48. דו קענסט זיך אריינברענגען ישוב הדעת

אפילו ווען א מצב ווערט מבולבל, קענסטו זיך צוריקברענגען צו א מצב פון ישוב הדעת?

### 49. דו ביסט א רואיגע מענטש

ישוב הדעת איז רואיגקייט אין די געדאנקן. ביסטו אויך א מענטש מיט רואיגע געפילן?

### 50. דו ביסט אלעמאל בשמחה

רואיגקייט איז נישט אלעס. ביסטו אויך א מענטש וואס איז בשמחה?

### 51. דו ביסט א בעל רחמים

ווען דו זעסט אז ס'גייט איינעם שווער, ס'טוט אים וויי, טוט עס ערוועקן דיין רחמנות?

### 52. דו ביסט א פאזיטיווער מענטש

זיין פאזיטיוו מיינט האבן א פאזיטיווע בליק בכלל - ישיבה, די וועלט, געשוויסטער, די חברותא, די חברים, אויף חפצים, אויף די לעבן, וכו'. אנשטאט אלעמאל טראכטן אז עפעס איז נישט גוט, זעט מען פארוואס ס'איז יא גוט.

### 53. דו האסט דבקות בה'

דביקות בה' איז א געפיל - א געפיל פון קשר צום באשעפער. ס'איז נישט דוקא נאר בשעת מ'איז עוסק במצוות אדער ביים דאווענען. דער געפיל פון דביקות איז אן אלגעמיינע גוטע געפיל פון זיין מקושר צום רבוש"ע, פון דאנקבארקייט, פון אהבת ה'. דער סארט געפיל איז א מצוה יעדע רגע!

### 54. דו האסט נישט מורא פון מענטשן

ווען דו דארפסט עפעס טוען - אדער נישט טוען - האסטו נישט מורא פון וואס מענטשן ארום דיר וועלן זאגן. וואס דו טוסט אדער טוסט נישט ווענדט זיך נישט און ווער עס שטייט ארום דיר.



150 יסודות מעסם

שיקט אריין די אויסגעפילטע בויגן צו אונזער מכון ווי ספעציעלע מומחים וועלן עס איבערקוקן אי"ה.

פעקס: 845.477.1123 פאסט: 5 Hayes Ct Unit 311, Monroe, NY 10950
אדער קען די עלטערן אימעילן צו hatzluchashachaim@gmail.com.

.52 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.53 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.54 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.55 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.56 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.57 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.58 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.59 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.60 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.61 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.62 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.63 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.64 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.65 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.66 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.67 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.68 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.69 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.70 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.71 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.72 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.73 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.74 #____ סטעף #____ וויכטיג? #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.75 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.76 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.77 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.78 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.79 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.80 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.81 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.82 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.83 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.84 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.85 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.86 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.87 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.88 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.89 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.90 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.91 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.92 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.93 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.94 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.95 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.96 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.97 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.98 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.99 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.100 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.101 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.102 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.103 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.104 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.105 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.106 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.107 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.108 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.109 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.110 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.111 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.112 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.113 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.114 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.115 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.116 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.117 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.118 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.119 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.120 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.121 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.122 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.123 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.124 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.125 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍
.126 #____ #____ פארוואס?____
« ____ גרייט? ❍

שיקט אריין די אויסגעפילטע בויגן צו אונזער מכון ווי ספעציעלע מומחים וועלן עס איבערקוקן אי"ה.
פעקס: 845.477.1123 פאסט: 5 Hayes Ct Unit 311, Monroe, NY 10950
אדער קען די עלטערן אימעילן צו hatzluchashachaim@gmail.com.

127. #____ #____ פארוואס?__________
« __________ גרייט? ❍

128. #____ #____ פארוואס?__________
« __________ גרייט? ❍

129. #____ #____ פארוואס?__________
« __________ גרייט? ❍

130. #____ #____ פארוואס?__________
« __________ גרייט? ❍

131. #____ #____ פארוואס?__________
« __________ גרייט? ❍

132. #____ #____ פארוואס?__________
« __________ גרייט? ❍

133. #____ #____ פארוואס?__________
« __________ גרייט? ❍

134. #____ #____ פארוואס?__________
« __________ גרייט? ❍

135. #____ #____ פארוואס?__________
« __________ גרייט? ❍

136. #____ #____ פארוואס?__________

« __________ גרייט? ❍
137. #____ #____ פארוואס?__________
« __________ גרייט? ❍
138. #____ #____ פארוואס?__________
« __________ גרייט? ❍
139. #____ #____ פארוואס?__________
« __________ גרייט? ❍
140. #____ #____ פארוואס?__________
« __________ גרייט? ❍
141. #____ #____ פארוואס?__________
« __________ גרייט? ❍
142. #____ #____ פארוואס?__________
« __________ גרייט? ❍
143. #____ #____ פארוואס?__________
« __________ גרייט? ❍
144. #____ #____ פארוואס?__________
« __________ גרייט? ❍
145. #____ #____ פארוואס?__________
« __________ גרייט? ❍
146. #____ #____ פארוואס?__________

« __________ גרייט? ❍
147. #____ #____ פארוואס?__________
« __________ גרייט? ❍
148. #____ #____ פארוואס?__________
« __________ גרייט? ❍
149. #____ #____ פארוואס?__________
« __________ גרייט? ❍
150. #____ #____ פארוואס?__________
« __________ גרייט? ❍
151. #____ #____ פארוואס?__________
« __________ גרייט? ❍
152. #____ #____ פארוואס?__________
« __________ גרייט? ❍
153. #____ #____ פארוואס?__________
« __________ גרייט? ❍
154. #____ #____ פארוואס?__________
« __________ גרייט? ❍
155. #____ #____ פארוואס?__________
« __________ גרייט? ❍

**מעשה שהי' ═══ יסוד #____**
ביטע שרייב איין קליינע מעשה וואס די האסט געהאט אין די נושא וואס ווייזט אויף די שטארקייט אדער שוואכקייט פון די תכונה:

**מעשה וואס דו ווילסט טוהן בעסער ═══ יסוד #____**
ביטע שרייב איין קליינע מעשה וואס עס זעהט אויס בעסער נאך דו האסט דיך פארבעסערט אין די יסוד:

**מעשה שהי' ═══ יסוד #____**
ביטע שרייב איין קליינע מעשה וואס די האסט געהאט אין די נושא וואס ווייזט אויף די שטארקייט אדער שוואכקייט פון די תכונה:

**מעשה וואס דו ווילסט טוהן בעסער ═══ יסוד #____**
ביטע שרייב איין קליינע מעשה וואס עס זעהט אויס בעסער נאך דו האסט דיך פארבעסערט אין די יסוד:

**מעשה שהי' ═══ יסוד #____**
ביטע שרייב איין קליינע מעשה וואס די האסט געהאט אין די נושא וואס ווייזט אויף די שטארקייט אדער שוואכקייט פון די תכונה:

**מעשה וואס דו ווילסט טוהן בעסער ═══ יסוד #____**
ביטע שרייב איין קליינע מעשה וואס עס זעהט אויס בעסער נאך דו האסט דיך פארבעסערט אין די יסוד:

### 55. דו האסט סבלנות

דו קענסט ווארטן מיט געדולד אז עפעס זאל פאסירן. אויך ווערסטו נישט צוהיצט ווען עפעס פאסירט צו דיר. דו ביסט רואיג און געדולדיג בכל עת ובכל זמן.

### 56. דו האסט בטחון

ס'איז דא די ידיעה פון בטחון און דער געפיל פון בטחון. דא רעדט מען וועגן פילן בטחון - באמת פילן אין הארץ אז אלעס וואס מען דארף האט מען, און וואס נישט וועט אנקומען, ווען ס'דארף אנקומען.

### 57. דו שעמסט זיך נישט פון מענטשן

איז עס שווער פאר דיר צו אויפשטיין ברבים? צו טוען פעולות ברבים? צו טוען אין עסקנות ווען ס'פעלט אויס? אדער שעמסטו זיך צו טוען זאכן פאר אנדערע מענטשן?

### 58. דו ביסט א צופרידענער מענטש

זיין א צופרידענער מיינט אז וואס מען האט איז גוט. מען זוכט נישט צו האבן בעסערס, שענערס, מער. אין דעם קורס קענסטו זיך לערנען צו אויפבויען א געפיל פון צופרידנקייט.

### 59. דו ווערסט נישט פארלוירן פון געלט

וואספארא חשיבות האט געלט ביי דיר? וואס געשעט אויב דו פארלירסט געלט? ווערסטו פארלוירן? וואס געשעט ווען עפעס וועט דיר קאסטן אסאך געלט? ווערסטו אנגעצויגן וועגן דעם? קענסטו בלייבן א מענטש מיט אדער אן געלט?

### 60. דו ליידסט נישט אויף קמצנות

ווייטער מיט געלט, אפילו דו ווערסט נישט פארלוירן דערפון, קענסטו עס אויסגעבן? ביסטו באזארגט וועגן געלט אפילו ווען עס ליגט ביי דיר אין טאש? קענסטו איינזעהן אויף וואס געלט איז געמאכט און ווער איז דער מקור פון אלע געלטער?

### 61. דו קענסט בעטן טובות פון א צווייטן

עס איז דיר נישט שווער צו בעטן און באקומען טובות פון א צווייטן.

### 62. דו נעמסט אן זאכן איזי

ווען דו שטייסט אויס עפעס וואס קען זיין שווער, נעמסטו עס אן גרינגער. דו נעמסט עס אן איזי.

### 63. דו ליידסט נישט אויף סענסעטיווקייט.

סענסיטיוויטי, עמפינדלעכקייט, מיינט אז מען שפירט אלעס גאר שטארק. מען כאפט אויף יעדע קלייניגקייט און מען פילט עס אויף א שטארקע אופן. ווען דיין חבר זאגט א ווארט וואס האט גארנישט געדארפט מיינען, קענסטו זיך פילן שטארק געטראפן פון דעם אויב דו ביסט א סענסיטיווע מענטש.

### 64. דו ליידסט נישט אויף פערפעקשעניזעם

פערפעקזעניזם מיינט אז אויב עפעס איז נישט 100% איז עס שוין גארנישט ווערד. אויב עפעס איז נישט געלונגען אינגאנצן, וועט א פערפעקשעניסט עס פאררעכענען אלס א גאנצע דורכפאל.

נישט נאר דאס, נאר אויב האט דער פערפעקשעניסט געמאכט א קליינע טעות אדער אביסל פארפעלט, איז ער שוין גרייט צו פארפאטשקענען די גאנצע זאך. וויניגער ווי אינגאנצן גוט איז גארנישט גוט.

מען קען זיך אבער לערנען צו ארבעטן אויף דעם ענין. צו איינזען אז גענוג גוט איז אויך גוט!

### 65. דו ליידסט נישט אויף פחדים און פאביעס

עס זענען דא מענטשן וואס ליידן זייער שטארק פון פחדים און פאביעס. קען זיין ס'איז דא איין געוויסע ענין וואס שרעקט זיי שטארק, אדער גאר אז זיי זענען סתם אזוי פחדנים און האבן מורא פון אלעס. פאביעס איז א גרויסע נושא, אבער מיט די טולס וואס מען לערנט זיך אין די קלאסן קען מען גרינגערהייט איבערשטייגן די פחדים.

### 66. דו ביסט געדולדיג

זיין געדולדיג מיינט אז דו קענסט אויסהאלטן. האסט נערוון. קענסט אויפנעמען און פארטראגן דיין טאג, דיין חברותא, דיינע עלטערן און געשוויסטער, דיין מגיד שיעור, און אלעס וואס פאסירט צו דיר.

### 67. דו נעמסט אראפ פרעשור און סטרעס פון זיך

ווען דו דארפסט עפעס ענדיגן צו א געוויסע צייט, אדער ווען דו שטייסט אויס א פארהער און דו דארפסט פארשטעלן וואס דו קענסט, קענסטו עס אננעמען אלס א פרעשור מיט אלע סטרעס וואס קומט צו. אבער געוועינטליך מאכט נישט דער פרעשור אז דו זאלסט קענען בעסער. אויב דו קענסט זיך לערנען וויאזוי צו אראפנעמען פרעשור, דעמאלס קענסטו אסאך בעסער פארשטעלן וואס דו קענסט טאקע.

### 68. דו האסט שוין אויסגעריסן דיין כעס

אויסברעכן אין כעס קען אוועקנעמען די גאנצע גלאנץ און שיינקייט פון א בחור - אפילו אויב עס פאסירט נאר מפעם לפעם. אויב מען קען אויסרייסן די כעס פון זיך, קען מען בלייבן א גלאנצעדיגער בחור.

### 69. דו קענסט האלטן א סוד

דו קענסט האלטן א סוד. ס'איז א עקסטערע כח נישט איבערצוזאגן זאכן וואס מען טאר נישט און פעלט נישט אויס.

### 70. דו ביסט מוותר וואס קומט דיר

אפילו ווען עפעס קומט זיך דיר, קענסטו איינגעבן און מוותר זיין, לאזן יענעם.

### 71. דו קענסט אפשטעלן א שמועס

פאר אסאך בחורים איז שווער צו אנהויבן א שמועס. וועגן דעם, ווען ס'פירט זיך שוין א שמועס איז זיי שווער צו אפשטעלן. אפשטעלן א שמועס אין די פאסיגע צייט, אדער ווייל די צייט פאדערט מען זאל טוען עפעס אנדערש, נעמט א געוואלדיגע כוח.

### 72. דו טוסט צוריק גוטס פאר דער וואס טוט דיר שלעכטס

דאס איז א מורא'דיגע דרגא. אנשטאט האלטן חשבון פאר וועמען ער מעג נאך צוריקצאלן שלעכטס, צאלט ער צוריק מיט גוטס.

### 73. דו שאפסט זיך אליין חברותות (אין ביזנעס זיך סעילסן)

דו ווארטסט נישט אז דיין מגיד שיעור זאל דיר מסדר זיין א חברותא און די ווארטסט נישט אז יענער זאל קומען צו דיר. דו ערלעדיגסט זיך אליין און מאכסט זיכער דו האסט מיט ווער צו לערנען

### 74. דו ביסט זיך מכניע

דו קענסט זיך מכניע זיין אונטער אלע וועם מען דארף: מגיד שיעור, מנהל, משגיח, טאטע-מאמע, עלטערע אידן, חשוב'ע מענטשן אין ביהמ"ד. כאטש דו ביסט א בחור וואס וואקסט שוין אונטער, קענסטו זיך נאכאלס מכניע זיין אונטער דעם וועמען עס פאדערט זיך.

### 75. דו האסט ליב מענטשן

האסט ליב דיינע ארומיגע? אויב נישט, וואס קענסטו טון צו ארבעטן אויף דעם?

### 76. דו ביסט שנעל מוחל

ווען דו ביסט נישט מוחל מאכסטו ווייטער שאדענס פאר זיך אליין, נאך אסאך מער ווי די עוולה וואס יענער האט געטוען פאר דיר. מוחל זיין דערלייכטערט דיין הארץ און מאכט בעסער דיינע געפילן. אבער אויב מ'ארבעט נישט אויף זיך קען נישט מוחל זיין.

### 77. דו ביסט יושר'דיג

דו ביסט יושר'דיג, האנדעלסט מיט יושר, דו בא'עולה'סט נישט קיין מענטשן.

### 78. דו האסט ליב צו הערן וואס צו ווערן בעסער

בלויז פון זיצן אין די קלאסן זעהט מען איין ווי געשמאק עס איז צו הערן וויאזוי מען קען ווערן בעסער.

### 79. דו רעספעקסטירסט אנדערע

דו ווייזט ארויס כבוד פאר אנדערע מענטשן.

### 80. דו האסט גוטע קאמיוניקאציע און שייכות מיט אנדערע

עס איז וויכטיג צו קענען קאמיוניקירן מיט אנדערע מענטשן. צו קענען קלאר ערקלערן וואס מען וויל און וואס מען מיינט צו זאגן.

### 81. דו פילסט מיט אנדערע

דו קענסט מיטפילן פרייד און/אדער מיטלייד מיט די מענטשן ארום דיר.

### 82. דו האסט א הכרת הטוב

עס איז נישט אזוי שווער צו האבן הכרת הטוב ווען איינער טוט דיר א גרויסע טובה. אבער עס האט א מורא'דיגע תועלת ווען א בחור קען מכיר טוב זיין אפילו פאר קלענערע זאכן. אפילו ווען יענער האט נישט געמיינט דוקא צו טוען גוטס, אבער עס איז ארויסגעקומען גוטס פאר דיר, זיי דאנקבאר צו יענעם.

### 83. דו לאזט זיך אראפ

נישט יעדע מענטש איז אויף די זעלבע שטאפל פון ערוואקסענקייט אדער אויף די זעלבע מדריגה אין רוחניות. קענסטו זיך אראפלאזן און רעדן, זיך אפגעבן מיט אים אויף די דרגה וואס ער איז? קענסטו רעדן מיט א קינד, מיט א שוועסטער וואס רעד נישט דיין בחור'ישע שפראך, אויף איר לעוול?

### 84. דו ביסט א אפענע מענטש

זיין אפען מיינט אז דו באהאלטסט נישט זאכן. קענסט פארציילן וואס איז געווען, וואס איז געשען.? דער הייליגער ר"ר אלימלך רעדט דערפון אז תספר לו למורה דרך כל מה שבלבו - מען זאל זיך קענען אויסרעדן דאס הארץ צו א צווייטן, און דאס איז א גרויסע תועלת. מיר וועלן לערנען וויאזוי זיך נישט צו דערשרעקן פון זיין אפען.

### 85. דו געבסט קאמפלימענטן

געבן קאמפלימענטן. ווי אזוי געבט מען קאמפלימענטן? ס'איז דא א מהלך, א מעטאד וויאזוי צו געבן אויפריכטיגע קאמפלימענטן, אז יענער זאל עס טאקע אנעמען.

### 86. דו געבסט אריין חשק אין אנדערע

דו קענסט אריינגעבן א חשק אין א צווייטן אז יענער זאל וועלן טוען דאס וואס די בעטס אים צו טוען.

### 87. דו קריטיקירסט נישט

דו קענסט זיך איינהאלטן פון קריטיקירן א צווייטן.

### 88. דו ביסט גוט מקבל קאמפלימענטן

געבן א קאמפלימענט איז איין זאך. וואלסט זיך פארגעשטעלט אז ס'דא מענטשן פאר וועמען ס'איז שווער צו אננעמען א קאמפלימענט? נישט אלעמאל ווייסן זיי אז זיי זענען פון די, און זיי ווארפן אפ וואס מ'זאגט זיי, ביז מ'זאגט זיי שוין נישט.

### 89. דו האסט א כוח השפעה

דער כוח פון קענן משפיע זיין אויף א צווייטן צו טוען ריכטיג, געבט אריין א מורא'דיגע גוטע געפיל

### 90. דו ביסט א לעבעדיגע סעמפל

דו זאגסט נישט סתם פאר יענעם וואס צו טוען, נאר וואס די טוהסט אליין אויך אזוי.

### 91. דו ביסט א צוגעלאזענער מענטש

דו ביסט צוגעלאזן מיט דיינע פריינט.

### 92. דו דיסציפלינסט אנדערע

דיציפלינד מיינט האלטן א סיסטעם. דו לייגסט אראפ דעם טאן. דו לאזט זיך נישט פון אנדערע. אויב דו ווילסט לערנען צוויי שעה יעדן טאג מיט דיין חברותא, האלטסטו זיך צו צוויי שעה - נישט איין טאג גארנישט און איין טאג פיר שעה. מיט דיין כוח פון דיציפלין פאר זיך, קענסטו מאכן אנדערע זיך צושטעלן צו דיר.

### 93. דו ביסט א געשמאקע מענטש

עס איז געשמאק צו זיין מיט דיר און פארברענגן צוזאמען מיט דיר.

### 94. דו ביסט א מקבל כל אדם בסבר פנים יפות

ווען יענער קוקט אויף דיר זעהט ער א שמייכלדיגער פנים, א פרייליכער פנים. ס'איז א געשמאק צו קוקן אויף דיר ווען דו קוקסט יענעם, ווען דו גריסט יענעם.

### 95. דו פארשטייסט א צווייטן יענער זאל עס פילן

ווען א צווייטער רעדט צו דיר, פילט ער אז דו פארשטייסט אים

### 96. דו קענסט גוט אויפנעמען קריטיק

דו אננערקענסט די ווערד פון באקומען קריטיק און דו נעמסט עס אן ריכטיג.

### 97. דו געבסט אוועק פון זיך

דו געבסט פון זיך און די געבסט אוועק אפילו וואס ס'קומט זיך דיר.

### 98. דו האסט א אוזן קשבת

דו האסט א כוח צו אויסהערן אנדערע מענטשן, סיי ווען דו האסט וואס צו זאגן און סיי ווען נישט. דו קענסט זיך אסאך לערנען פון אנדערע ווען דו הערסט נאר אויס ווען זיי רעדן.

### 99. דו שמייכלסט כסדר

מער ווי א סבר פנים יפות, האסטו כסדר א שמייכל אויף דיין פנים

### 100. דו פארגינסט אנדערע

דו פארגינסט פאר א צווייטן די גוטס וואס ער האט

### 101. דו לייגסט זיך אריין אין יענעמס מצב

ווען דיין חבר גייט דורך א שוועריגקייט, קענסטן זיך אריינלייגן אין זיין מצב און דו קענסט אים פארשטיין.

### 102. דו האסט א ווארעמע געפיל

ווארעמקייט אין זיך, פאר זיך, און פאר אנדערע.

### 103. דו קענסט מאכן גוטע קאנעקשענס

מאכן קאנעקשאנס מיינט דו קענסט די ריכטיגע מענטשן און דו ווייסט ווען זיך צו פארבינדן מיט וועמען. דו קענסט ארבעטן מיט אנדערע מענטשן ווייל זיי האבן הנאה צו ארבעטן מיט דיר.

### 104. דו פרייסט זיך מיט יענעמ'ס הצלחה

ווען א צווייטער איז מצליח, פילסטו נישט אז ערנעמט עפעס צו פון דיר. דו קענסט זיך פרייען אז עס גייט אים גוט. (אפילו אויב ס'איז דיין ברודער...)

### 105. דו שיצט דיינע מענטשן

ווען דיינס א באקאנטער דארף עפעס הילף, ביסטו דארט פאר זיי. דו היטס זיי עס זאל זיי גארנישט פאסירן.

### 106. דו ביסט א טראסטבארע מענטש

מענטשן קענען דיר געטרויען מיט סיי וואס. דיין ווארט איז א ווארט, א סוד ביי דיר בלייבט סוד.

### 107. דו טראסט אנדערע

דו האסט נישט מורא פון זיין אפען מיט אנדערע, ס'מיינט נישט אז מ'מוז טראסטן יעדן. ס'מיינט אבער יא אז מ'האט מענטשן וועם מ'טראסט, און זיי וועלן דיר שוין ווייטער זאגען וועם נאך די קענסט טראסטן.

### 108. דו ביסט מעורב בין הבריות

דו ביסט אין אלגעמיין א נארמאלע, געשמאקע מענטש, וואס מענטשן האבן ליב.

### 109. דו ביסט דן לכף זכות

ווען עפעס פאסירט קענסטו עס אויסטייטשן צום גוטן.

### 110. דו האסט א כח המושך

מענטשן זאלן ציען צו דיך און ווילן זיין מיט דיך

### 111. דו קענסט טוישן יענעמ'ס אומריכטיגע מיינונגען

ווען דו זעסט אז יענער מאכט א גרייז אדער טוט נישט ריכטיג, קענסטו אים העלפן טוישן זיין מיינונג אויף אן אופן אז ער זאל מיטגיין מיט דיר.

### 112. דו מאכסט קאנטאקט מיט נייע מענטשן

ווען דו טרעפסט זיך אין א נייע אומגעגנט - נייע ישיבה, נייע בית המדרש, בכלל א נייע פלאץ, קענסטו זיך באקענען און מאכן קאנטאקט מיט נייע מענטשן.

### 113. דו קענסט ציען א שמועס

עס זענען דא מענטשן מיט וועמען עס איז געשמאק צו שמועסן און אנדערע מיט וועמען יעדע מינוט דארף מען טראכטן פון עפעס ניי. וועלכע סארט ביסטו?

### 114. דו ביסט נישט סעלפיש

א מענטש וואס איז סעלפיש טראכט נאר פון זיך. ער טראכט נישט פון יענעם. (און אויב טראכט ער שוין יא פון יענעם, טראכט ער וויאזוי יענער קען עפעס אויפטוען פאר אים...)

### 115. דו מאכסט פרייליך מענטשן

דו ביסט א פרייליכע מענטש און דו ביסט משפיע פרייליכקייט אויף די מענטשן ארום דיר.

### 116. דו נעמסט זיך אן פאר דיינע ארומיגע

ווען דו באמערקסט אז מען טשעפעט אדער שטערט איינעם, נעמסטו זיך אן פאר יענעם.

### 117. דו דערליידסט יענעמ'ס חסרונות

כאשט דו ארבעטס שווער צו אויסבעסערן דיינע חסרונות, פארשטייסטו אז מען דארף אננעמען יעדע מענטש מיט זיינע חסרונות און דערליידן זיינע שוואכקייטן.

### 118. דו דערהייבסט יענעמס טעותים

ווען א צווייטער מאכט א טעות, קענסטו עס דערהייבן.

### 119. דו קענסט מאכן שלום

מאכן שלום צווישן מענטשן איז א מורא'דיגע אויפטו און א מורא'דיגע חכמה. עס איז א וויכטיגע זאך צו קענען אין די בחור'ישע יארן און אויך שטארק בייהילפיג שפעטער אין לעבן.

### 120. דו קענסט געבן קאנסטראקטיוו קריטיק

אמאל פעלט אויס אריינצוזאגן פאר יענעם. דו קענסט עס טוען אויף א גוטן אופן וואס וועט העלפן און אויפטון פאר יענעם.

### 121. דו קענסט שיין אפזאגן א בקשה

אודאי איז וויכטיג צו טוען חסד ווען מען קען. אבער ווען ס'איז נישט ריכטיג, דארף מען אויך וויסן וויאזוי צו אפזאגן א בקשה.

### 122. דו האלטס אן דיינע אונטערנעמונגען

אויב דו האסט זיך עפעס אונטערגענומען, האלטסטו זיך דערצו.

### 123. דו ביסט א בעל יראת שמים

דו פירסט דיין לעבן מיט יראת שמים אויף יעדן טריט און שריט.

### 124. דו ביסט א מבין דבר מתוך דבר

דו קענסט פארשטיין טיפער. דו קענסט ארויסנעמען א לימוד, א חידוש, א טיפערע באדייט פון יעדע זאך.

### 125. דו קענסט טראכטן אנדערש

דו בלייבסט נישט שטעקן אויף איין געדאנקנגאנג. דו קענסט באקוקן אן ענין אויף מער ווי איין אופן.

### 126. דו ביסט א קלוגער מענטש

די קלאסן קענען נישט באשאפן קלוגשאפט. אבער מיר לערנען זיך יא צו ארויסברענגען די רייכע קלוגשאפט וואס ליגט ביי אסאך באגראבן אונטער א בארג מיט שטרוי פון נישט וויכטיגע ענינים, פארשטערקערן די קלוגשאפט וואס מען האט שוין.

### 127. דו קענסט זיך קאנצענטרירן

דו האסט די כוח צו זיצן און זיך קאנצענטרירן אויף דאס וואס ליגט פאר דיר.

### 128. דו האסט אמונה

מיט די כוחות און כלים וואס מיר לערנען זיך דא וועלן מיר איינווארצלען אמונה בד', אלע 13 אני מאמין'ס מיט א שטארקקייט וואס מען וועט קענען אנהאלטן און איבער'חזר'ן א גאנץ לעבן, דאס איז ניטאמאל א שאלה.

די שאלה איז, וויפיל גלייבסטו אין די כוחות וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן?

### 129. דו ביסט א רואה את הנולד

דיין בליק בלייבט נישט שטיין נאר אויף דאס וואס דו זעהסט פאר דיר. דו האסט די כוח צו קוקן אויף ווייטער, אויפ'ן עתיד, און זעהן וואס וועט ארויסקומען פון דיינע יעצטיגע מעשים.

### 130. דו קוקסט אויף שש קצוות

א קעסטל האט זעקס זייטן. יעדע זייט צייגט אן אנדערע בילד. ווען דו טרעפסט זיך אין א מצב, קענסטו עס באטראכטן פון אלע זעקס זייטן און זעהן יעדע פון די שש קצוות פון אן ענין.

131. דו טרעפסט דיין יוניק ספעשעלטי

נאכ'ן ארייניגן אזויפיל ארבעט וועסטו אנערקענען מיט וואס דו ביסט יוניק, מיט וואס דו ביסט אייגנארטיג. יעדע מענטש ברענגט צום טיש עפעס וואס נאר ער קען, וואס נאר ער איז דער בעסטער אים דעם ענין. בעז"ה וועלן מיר דאס אנטדעקן.

132. דו ביסט א סטאביליזירטע מענטש

ס'זענען דא מענטשן וואס זענען אמאל א גלח און אמאל א מלאך. דו זוכסט צו זיין סטאביל. נישט אמאל אזוי, אמאל אזי. נאר דאס וואס דו ביסט, דאס ביסטו. דו ביסט סטאביל.

133. דו האסט די גוטע תמימות

טראץ די וויכטיגקייט פון אננערקענען יעדע שטארקקייט וואס מען פארמאגט, און טראץ די וויכטיגקייט פון זיין קלוג און אויסגע'ארבעט, וועלן מיר זיך אויך לערנען ווען און וויאזוי צו זיין א תם. דו וועסט פארשטיין וואס מיינט א ריכטיגע תמימות.

134. דו פירסט זיך איידל אפילו צווישן 4 ווענט

דא רעדט זיך פון די איידלקייט וואס ווערט געפאדערט ע"פ שולחן ערוך. דו ביסט דער סארט בחור וואס קען זיך אלעמאל אויפפירן איידל ווי עס באדארף צו זיין, אפילו ווען קיינער זעהט נישט.

135. דו געסט אכטונג אויף דיינע דיבורים

דו רעדסט נישט אבי גערעדט. דיינע דיבורים זענען איידל, ריין, גוט. דו רעדסט נישט שארפער ווי עס פעלט אויס. דיינע ריכטיגע דיבורים קענען אויפטון וואס פעלט אויס.

136. דו מאכסט נישט אוועק זאכן

דו ערלויבסט אז זאכן זאלן האבן א חשיבות.

137. דו לערנסט ברציפות

דו קענסט אנהאלטן דיין ריכוז און התמדה און לערנען ברציפות? א ברענעדיגע פראגע...

138. דו פירסט גוט חשבונות

דו האלטסט חשבון פון דיין צייט, פון דיין טאג, פון דיין לעבן, פון דיינע חפצים, פון דיינע אויפגאבעס, וכו'.

139. דו געוואוינסט זיך שנעל צו א נייע זאך

עס נעמט דיר נישט לאנג זיך צו צוגעוואוינען צו א נייע מצב. דו קענסט זיך שנעל איינארדענען און פארדינען פון דארט וואו דו ביסט.

140. דו לערנסט זיך שנעל נייע זאכן

אין די קלאסן וועלן מיר זיך לערנען וויאזוי צו לערנען און אויפכאפן שנעל.

141. דו ביסט אן ענערגישע מענטש

דו האסט כוח און ענערגיע, כסדר. דו קענסט טוען און אויפטוען אלעס וואס דו דארפסט.

142. דו ביסט א התלהבות'דיגער מענטש.

דו טוסט זאכן מיט התלהבות, פלינק און שנעל.

143. דו ביסט א באלאנסירטע מענטש

זיין באלאנסירט איז מדת השתוות. נישט צו שטארק, נישט צו שוואך, נישט צו פיל, נישט צו ווייניג, וכו'.

144. דו פירסט אויס דיינע רצונות

דו קענסט אויספירן דאס וואס דו ווילסט.

145. דו ביסט קריעטיוו

דו קענסט טרעפן חידושים אין יעדע נושא.

146. דו קענסט גוט עקטען ס'זעהט אויס עכט

עקטן קען זיין זייער א וויכטיגע זאך. ווען דו ווילסט טוישן א געוויסע נושא, הויבט זיך עס נישט גלייך אן ביים ענדע. אין אנהייב דארף מען קענען עקטן. מען דארף זיך פירן "כאילו" מען האלט שוין דארט. מיט די צייט ווערט עס אינגאנצן אמת.

147. דו ביסט א מסודר'דיגער מענטש

זיין א מסודר'דיגע מענטש, ס'זאל זיין סדר, קענען מאכן זיין לעבן מיט זיינע זאכן, זיינע חפצים

148. דו געבסט קלארע רולס

דו זאגסט קלאר ארויס וואס דו ווילסט און וואס דו מיינסט. דו ווארטסט נישט אז יענער זאל פארשטיין פון וואס דו זאגסט - אדער וואס דו ווינקסט נאר - וואס דו ווילסט. דו קומסט אריין קלאר.

149. דו פראקטיצירסט נייע זאכן פאר'ן שוואונג

דו ביסט מסכים צו פרעקטיסן א זאך פאר דו קענסט עס טוען למעשה. פרעקטיסן איז נישט אלעמאל אזוי געשמאק, אבער דו פארשטייסט די וויכטיגקייט דערפון און דו טוסט עס כדי צו ווערן בעסער.

150. דו נוצט אויס די צייט

דיין צייט איז אויסגערעכנט און דו נוצט עס אויס ריכטיג.

151. דו ביסט א גוטע עסקן

דו קענסט אנפירן און אויספירן דארט וואו עס פעלט אויס.

152. דו לייגסט זיך אין צייט

דו ווייסט ווען דו דארפסט גיין שלאפן און דו לייגסט זיך אין צייט - אפילו ווען קיינער הייסט דיר נישט און אפילו ווען ס'איז נישט דא מארגן קיין ישיבה.

153. דו ביסט געשיקט און פלינק

דו טוסט וואס דו דארפסט געשיקטערהייט.

154. דו שטייסט אויף אין צייט

די סארט מענטש וואס דו ביסט פאדערט זיך צו אויפשטיין אין צייט. דו ביסט אויסגערעכנט, סטאביל, מסודר און דו שטייסט אויף אין צייט.

155. דו שטייגסט כסדר

נאך בעסער ווי אלעס וואס מיר האבן געשמועסט ביז יעצט, איז דאס אז דו ווילסט כסדר שטייגן. דו ווילסט אלעמאל וואקסן, אלעמאל הערן וויאזוי דו קענסט ווערן בעסער.

***

נאכ'ן איבערגיין אין צייכענען דעם ביכל, וועל זיך אויס 10-12 זאכן וואס דו מיינסט וואלט דיר געווען כדאי צו אויסארבעטן. קוק גוט איבער דעם ליסטע און אויב דו דארפסט, שרייב אריין מער פרטים ביי וועלכע פון די 10-12 זאכן עס פעלט אויס.

געדענק! מען דארף נישט ארבעטן אויף אלע צען זאכן שוין דעם בין הזמנים. וועל זיך אויס 3-4 זאכן מיט וואס דו וועסט אנהויבן. אפילו אויב טוישט מען נאר איין זאך איז עס שוין ווערד. די ליסטע וואס דו מאכסט יעצט וועט דיר געבן ארבעט פאר די נעקסטע יאר צייט. אבער עס וועט דיר געבן ריווח פאר דיין גאנץ לעבן. ווייל דו וועסט קונה זיין א מהלך זיך צו קענען טוישן און בויען, און די וועסט באקומען די כלים צו קענען אויספירן דיינע רצונות למעשה.

דער אויבערשטער זאל העלפן אז דיינע אונטערנעמונגען זאלן זיין מיט ערפאלג און דו זאלסט האבן אסאך הצלחה.






## די קלאסן זענען צוטיילט אין 3 חלקים.

### חלק א:

פאר א בחור א מצוין! אים צו צייגן וואו ער קען שטייגן העכער. האבן מער הכנעה פאר הורים ומורים, זיך אויסקומען מיט די וואס זענען ווייניגער פון אים, פאררעכטן סיי וואספארא אפהאלט וואס שטערט אים, וואו שווער איינשלאפן אדער אויפשטיין, עסן צופיל, פיזישע ווייטאג וכדו'

### חלק ב:

פאר'ן בינוני. ער זאל ווערן א מצוין, לערנען פלייסיגער, דאווענען ערליכער, בעסער קאנצעטרירן, זיך אן עצה געבן מיט שוועריקייטן, ווייניגער נאכלויפן זאכן וואס פעלן נישט אויס פארן לעבן.

### חלק ג:

צו האבן מער חשיבות עצמו, אחריות, פרייליכקייט, געהויבענקייט, שטארקייט, אמת'דיגייט, קשר מיט חבירים, ערלעדיגן זאכן בזריזות, ווייניגער סענסעטיוו און פערפעקט, מער דאנקבאר, נאכגעביג, און נאך.


שיעורי יסוד והצלחת החיים

אינפארמאציע און רעגיסטראציע:
845.232.1079

האטליין: 718.887.9311
די 150 זאכן וואס מען ארבעט אויס - 1137
דברי ברכה והסכמה פון שאצער רב שליטא - 1124

קלאסן קומען פאר ביינאכט, אז בחורים וואס האבן נישט בין הזמנים זאלן אויך קענען מיטהאלטן.

# א ווארט פארן בחור

טייערער בחור: גלייבסט אז די קומענדיגע שורות קען מאכן א חילוק און די אויסשטעל וויאזוי דיין גאנצע לעבן גייט אויסקוקן?

יא דאס איז די פאקט!

די בחור'ישע וועלט איז צוטיילט אין צוויי, איינער איז אינטערסירט צו ארבעטן אויף זיך צו שטייגן, נישט קיין חילוק צו מ'איז דערווייל אויף א העכערע דרגא אדער א נידריגערע דרגא, ער ארבעט נישט נאר אויף ענינים וואס מען ווערט באצווינגען עס צו טון, צוליב ווייל אויב נישט ווערט ער געשטערט אדער קרוטיקירט פון די סטעף, ראש ישיבה, מגידי שיעורים, צו פון טאטע מאמע. ער ארבעט ווייל ער וויל שטייגען, ער צילט צו ארבעטן אויף זיך אויף ענינים וואס האט מיט זיך אליין פונקט ווי ענינים וואס איז נוגע פאר זיינע ארומיגע, ער ארבעט פלייסיג אין די שטח מגרש וואס די ארומיגע פארלאנגען נישט, ער טוט עס צוליב זיינע אייגענע רצונות, ווייל ער וויל זיך נעמען אין די האנט אריין און זיך אוועקשטעלן, זיך אויפבויען און אויפטון די תכלית האדם בעולמו.

און א צווייטער וואס איז נאכנישט דארט, ביי אים איז אלעס פיין, וואס ער טוט יא איז נאר ווייל ער דארף אהער שטעלן עפעס פאר א צווייטען, ער לאזט אלע זיינע לעבנ'ס אחריות אויף די ישיבה צו אויף די עלטערן, ער האט נאכנישט אליין גענומען די לייצעס אין די האנט אריין, ווי למשל צו אנהייבן ארבעטן אויף זיין פנימיות הנפש.

אויב האסטו געארבעט דא אויף די 150 יסודות, ביסטו פון די סארט וואס וויל זיך יא נעמען אין די האנט אריין, און זיך אליין נעמען צו די עבודה, און אויב אזוי הבא לטהר מסייעין אותו, נו, וויאזוי קומט מען אן צו די אלע יסודות.

צו יעדע פאך אין די וועלט דארף מען מיטלען און עצות און געדאנקן ווי אזוי מען קומט אן דערצו, א עלעקטרישן און פלאמבער האט אסאך געטון ביז ער האט געקענט די פאך, מען קען נישט פארעכטן קיין קאר ווען מ'ווייסט נישט ווי אזוי מ'טוט עס, און אוודאי קען מען נישט מאכן קיין קאר ווען מ'ווייסט נישט וואס א קאר איז, און אזוי ביי יעדע זאך. און אוודאי א מענטש, קען זיך נישט בויען ווען ער ווייסט נישט וויאזוי, ער ווייסט נישט וואו ער האלט.

אט דערפאר האבן מיר צוזאמגעקליבן דער רייכער ליסט פון די 150 יסודות וואס איז צוזאמגעקליבן פון פאקטישע מציאות'ער דערנאך וואס הונדערטער בחורים האבן געארבעט אין אנגעקומען צו די אלע ענינים, מיט די גאר אסאך עצות און מהלכים, ווי אזוי מען קומט אן צו יעדע פון די 150 יסודות, ניין! מ'דארף נישט פילן נחית דרגא ווען מ'וויל לערנען די עיצות, פארקערט ביסט אין א העכערע דרגא, און מען קומט אן צו א ווייטערע דרגא, דוקא נאר א בחור וואס זוכט ערנסטקייט און תכלית, וועט זוכן די הילף ווי אזוי צו מאכן די וועג דערצו.

פאר געוואוסע בחורים דריקט די געפיל אז אויב איך וועל מיר נעמען ארבעטן אויף זיך, מיינט עס אז איך בין א פראלעמאטישע בחור, ריכטיג, ס'קען זיין אז אין די אויגען פון דיינע ארומיגע חבירים וואס זענען נישט אינטערסירט צו ארבעטן אויף זיך, וועט אויסזען פאר זיי אז נאר ווען איינער איז א פראבלעמאטישער מענטש דארף ער ארבעטן אויף זיך, ווי מענטשן פלעגן זאגען פאר א ווערטל, אז לויט וואו די רבי ז"ל האט גערעד צו זיין עולם ביי שלש סעודות האט אויסגעזעהן, אז נאר די האבן חטאים ח"ו... משא"כ דער וואס דרייט זיך אין די גאסן און נישט געקומען צום שלש סעודות הערן די הייליגע ווערטער די זענען די וואוילע אידן, עפרא לפומייהו פאר די וואס האבן אזוי געזאגט. פונקט פארקערט, די ערליכע הייליגע אידען זענען די וואס האבן געוויינט אויף די חטאים, פארשטייט זיך זיי האבן געוויינט אויף די אידן אין די גאס, אדער אז זייערע קינדער און אייניקלעך זאלן נישט אנקומען צו די גאס. דער וואס ארבעט אויף זיך, דער איז דער וואוילער געלונגענער און חשוב'ער בחור, פיל נישט אז דו ביסט א נעבעך, ווייל די מיינסט אז יענער פילט אז די ביסט.

ס'מיינט אויך נישט אז דו דארפסט גיין פויקן און ארומטראגן פאר אנדערע איך גיי ארבעטן אויף מיר, דורך גיין ארומפרעגען ווער ס'וויל גיין, נאר גיין בהצנע לכת, ס'איז טאקע אמת אז ס'איז בעסער צו ארבעטן בחבורה, צוזאמען מיט אנדערע, אבער נאר מיט אנדערע וואס זענען אינטערסירט און זוכן די זעלבע געדאנק צו ארבעטן אויף זיך, וואס דאס ברענגן מיר שוין צוזאם תחת קורות גג אחד, עס קומען זיך צוזאם חשובע געלונגענע איידעלע בחורים וואס זוכן צו שטייגען העכער, בחורים וואס האבן שוין גענדיגט גאנצע מקצועות התורה, און ווילן פשוט פאררעכטן זייערע באהאלטענע פנימיות'דיגע שוועריקייטען.

מ'קען זיין די בעסטע בחור, מ'איז איז געבוירן גוט, מ'איז אפשר יעצט גוט, אבער אין די ארבעט פון ארבעטן אויף זיך צו ווערן בעסער, אין דעם איז ער קיינמאל נישט אריינגעגאנגען, ווייל ער האט עס קיינמאל נישט געטון, דעס איז א שטערקערע עבודה וואו בלויז זיין א גוטע בחור, ווייל די ביז יעצטיגע וואילקייט האבן די ארומיגע אים ערלעדיגט, ס'איז געקומען די צייט אליין צו אויסארבעטן די נאך נישט אויפגעבויטע חלקים פון די מענטש, און דאס לערנען מיר דא אויס.

יעדע זאך פון די 150 זאכן וואס שטייען דא אינעם קונטרס, האבן שוין דערגרייכט הונדערטער הונדערטער בחורים דורך די מיטלען וואס מיר האמיר זיי געלערנט. פארשטייט זיך מיר האבן נישט געטראפן איינעם וואס איז שוואך אין אלע 150 ענינים, ווען א בחור וויל ארבעטן אויף פיר פון די 150 ענינים לוינט זיך אויך צו קומען, ווייל יעדע זאך איז אזוי גרויס, ס'נוגע פאר די גאנצע לעבן און פאר אזויפיל פרטים, ס'איז ווערד צו קומען פאר איין זאך אליין אויך, אבער ס'איז בעסער ווען די האסט אנגעקליבן מער וואו איין סיבה, מימלא וועהל אויס 4 זאכן פארוואס ס'לוינט צו קומען צו אונזערע קלאסן.

און די גרויסע אויפטו איז, אז ווען ער מ'לערנט זיך אונזער מהלך אויף די פיר זאכן וואס די האסט געקליבן, וועט דער זעלבער מהלך ארבעטן פאר די אלע אנדערע זאכן אויך, מען דארף נישט לערנען הונדערט און פופציג וועגן אנצוקומען צו די 150 יסודות, ויכלו הזמן והם לא יכלו, ווייל זיך נאר צו לערנען קען נעמען אזוי לאנג, נאר מען לערנט זיך די מיטלען און די עצות איינמאל, און ס'ארבעט פאר אלע 150 זאכן בעזר השם.

ס'איז טאקע דא פעלער וואס אחוץ וואס אונז האמיר געלערנט פאר א בחור בין הזמנים מיט די עולם צוזאמען, דארף מען אים צוגעבן נאך עיצות נאך בין הזמנים, אט דערפאר איז דא צוגעשטעלט פריוואטע הילף פאר די אלע ענינים, פונקט אזוי ווי ס'איז דא אין ישיבה בחורים וואס דארפן אמאל האבן פריוואט אין לערנען, איז דא אין די נושא פון עבודת הנפש אויך ווער ס'דארף האבן פריוואטע הילף, וואס זאל העלפן אויסשלייפן די זאך ווייטער, און דאס קען זיין אפילו איינער וואס אין לערנען איז ער גאר שפיציג, עבודת הנפש האט א אנדערע סיסטעם אין די מענטש וואו די עצם לערנען תורה, און דאס שטעלן מיר אויך צו נאכדעם וואס מען איז דורך די קלאס, און פאל ס'פעלט אויס.

און וואו פריער דערמאנט דארף די ארבעט זיין בהצנע לכת, ווייל דאס איז א פנימיות'דיגע עבודה, און דערפאר איז אויסגעשטעלט אז דאס איז נישט קיין פובליק אינפארמאציע, און אפילו מ'דארף קומען צוזאמען מיט אנדערע כדי צו האבן די בעסטע רעזולטאטען, קען מען זיין רואיג אז די בחורים וואס קומען אין די קלאסן האלטן די אינפארמאציע ווער ס'קומט, שטרענג אין געהיים, ס'איז שוין יארן וואס בחורים פון סיי וועלכע ישיבות קומען, און די בחורים וואס האבן ליעב צו נערווירן זענען נישט געקומען אויף זייערע שפירן. ווייל דאס קומט פאר בין הזמנים ווען מ'זעהט נישט ווען א בחור גייט, מ'קען זיין רואיג אז מען וועט דיך נישט פרעגן, וואס עפעס ביסטו געגאנגען? וואס האסטו געוואלט? און וואס האסטו געלערנט? וועסט נישט דארפן אפגעבן א דין וחשבון פאר דיינע חברים.

און היות די ביסט א בחור, קענסטו נישט אנקומען דערצו נאר דורך דיינע חשובע עלטערן, און פונקט ווי אנדערע בעטן זייערע עלטערן אנדערע עולם הזה'דיגע זאכן, בעטסטו זאכן וואס דאס איז סיי עולם הזה און סיי עולם הבא, סיי פאר דיין יעצטיגע טעג און סיי פאר דיין עתיד. ס'איז א בארעכטיגטע זאך דאס צו בעטן.

אויב דיינע עלטערן ווילן נישט פאר דיך דאס, איז זיכער אז מיט אסאך תפילה צו השי"ת וועלן זיי דיך צושטעלן א אנדערע וועג ווי אזוי דו זאלסט קענען מצליח זיין. אויב די עלטערן וועלן יא מסכים זיין זאלסט גיין, אדער זיי וועלן זיין גרייט צו רופן צו הערן מער קלארער וואס מיר טוען, און הערן וואס אונז קען מיר דיר העלפן, האסטו זייער גוט געבעטן, און דער אייבערשטער האט אנגענומען דיין תפילה, דו וועסט קענען דאנקן דעם באשעפער די קומענדיגע יארן, אזוי ווי די לעצטע פופצן יאר וואס בחורים וואס זענען אנגעקומען דא, דאנקן דעם באשעפער פאר די מינוט וואס זיי האבן באקומען די צוטריט צו קענען אנקומען צו געהויבענער לעבן.

ס'פעלט נישט אויס צו גיין פרעגן חברים צי ער גייט יא צי נישט, 1) ווייל מיר ווילן נישט מ'זאל קומען צו אונז אויב מ'וויל נאר קומען ווייל יענער גייט, 2) ס'פעלט נישט אויס אז מען זאל קומען פון די זעלבע ישיבה צופיל צוזאמען, ס'איז בעסער אז ס'גייט צוביסלעך און יעדן בין הזמנים זאלן זיין אנדערע בחורים פון די ישיבה.

און אויב דו ווילסט דוקא נישט קומען בחבורה ס'איז פאר דיך שווער עס דורכצומאכן זיך צוטרעפן מיט אנדערע בחורים, וועט מ'טוט אזא ארבעט, קענסטו עס מיטהאלטן אויף די ספעציעלע טעלעפאן שיעורים, און אויב ס'איז פאר דיך שווער אויך אויפ'ן טעלעפאן, קענען מיר צושטעלן א יונגערמאן וואס זאל רעדן צו דיך פריוואט איינמאל א וואך, און שיין אויסשמועסן ווי אזוי די שיעורים ארבעטן, ווי אזוי מען פאררעכט די אלע ענינים, אדער פערזענליך, אדער אויפ'ן טעלעפאן, אזוי איז עס גרינגער, דארפסט נישט גיין אין ערגעץ ביינאכט.

און מיט'ן אייבערשטנס הילף אז דו וועסט מתפלל זיין אסאך פאר דו בעטס דיינע עלטערן אז ווילסט האבן אזא זאך, און דו וועסט נעמען די שריט, וועסטו אנקומען, ויבוא ישועה מכל מקום, צי דורך אונז צי דורך די התעוררות וואס אונז האמיר דא געמאכט אין די ביכל, וועט אנקומען צו אנדערע, השי"ת וועט העלפן אז דו וועסט זיכער זוכה זיין צו אנקומען גאר הויך און גאר שטארק און הערליכע לעכטיגע דורות ביז משיח צדקינו וועט קומען במהרה בימינו אמן.

# א טיפערן בליק

מיט גרויס פרייד ווערט אויפגענומען די נייעס אז דעם בין הזמנים הבאה לקראתינו לשלו' וועלן די חשובע בחורי הישיבות אויך קענען געניסן פון די אינהאלטסרייכע און גרונטליכע "שיעורי יסוד והצלחת החיים" צוגעשטעלט פאר די בחורים אן אייגנארטיגע פארמאט פון די וועלט-בארימטע שיעורים וואס האבן שוין אויפגעראכטן אלופי אלפי ישראל.

צוגעשטעלט אונטער'ן נאמען "יסוד והצלחת החיים," זענען די שיעורים געצילט מיט'ן תכלית צו העלפן די בחורים אויסשטייגן אויפ'ן בעסטן וועג אין יעדן תחום פון לעבן סיי שוין יעצט במשך די ימי הבחרות און סיי צו שטעלן די ריכטיגע תורה'דיגע פונדאמענטן אויף לאורך ימים ושנים טובים.

ביי עלטערן און מחנכים שליט"א הערשט א קענטליכע אינטערעסע זיך צו פאראינטערעסירן איבער די שיעורים פאר די בחורים החשובים און זיי איינשרייבן בעוד מועד ווייל די פארלאנג איז גרויס.

די גוטע גריסן פון די עלטערן און מחנכים שליט"א קומען צו גיין אדאנק די אויסערגעווענליכע התפעלות אויף די שיעורים אין פריערדיגע "בין הזמנים" צייטן במשך די יארן.

דאהיביים יהדות החרדית אין ניו יארק און בכל קצוי תבל קלינגען די אויפטוען פון די קלאסן מיט פילע טויזנטער אידן פון אלע שיכטן און קרייזן וואס זענען גליקליך מיט'ן אדורכגיין די שיעורים. די חשובע עלטערן וואס האבן נאכגעהערט די הצלחה דערפון ביי אזויפיל היימישע משפחות, האבן פארלאנגט מען זאל צושטעלן די זעלבע זאך אין א ספעציעלע פארמאט לכבוד די בחורים בימי בין הזמנים, און במשך די פארלאפענע יארן איז דאס אראנדזשירט געווארן בס"ד בעסער ווי סיי וועלכע ערווארטונגען.

•••••

למעשה, צו ערקלערן באריכות דעם באדייט פון "שיעורי יסוד והצלחת החיים" איז טאטאל איבעריג. אשרי להם ואשרי חלקם וואס האבן זוכה געווען דערצו ביז היינט און וואס גרייטן זיך אנטייל צו נעמען אין די שיעורים אין דער צוקונפט אי"ה.

די רואיגקייט, צופרידנהייט, שמחת החיים, וואס באגלייטן די משתתפים און אלע זייערע נאנטע איז פרעצעדענטלאז.

ס'איז נישט קיין וואונדער פארוואס. די שיעורים שטעלן אוועק א קלארן מהלך החיים אויף יעדע מצב אין לעבן. מיט אויסגעפרואווטע עצות און פראקטיצירונגען ווערן אויפגעבויט אין מענטש זיינע אמת'דיגע כשרונות, נאטורן וואס האבן אויסגעזען שווער ווערן איבערגעדרייט פאר מעלות; עצלות ווערט זריזות, לויזקייט ווערט זהירות, נאכגעלאזטקייט ווערט באשיידענע זעלבסט-זיכערקייט, ענגשאפט ביים רעדן ווערט באקוועמע קאמיוניקאציע, כעס און פרוסטראציע ווערט פארשוואונדן פון די סצענע, אזש ס'איז ממש א ברכה צו מאכן. ענינים וואס מען האט געמיינט אמאל זיי זענען נישט צום דערגרייכן ווערן אויסגעפירט בעז"ה, די הצלחה איז למעלה מן המשוער - וויבאלד אין די ימי הבחרות איז, ווי יעדער פארשטייט, די ריכטיגע צייט צו הארעווען אויף די יסודות פון א תורה'דיגע השקפה'דיגע לעבן, און מיט'ן שליסל פון די שיעורים ספעציעל געאייגנט פאר די בחורים באווייזט מען ב"ה די הערליכע פירות.

## וויאזוי ארבייט "שיעורי יסוד והצלחת החיים"?

למעשה, מען וויל דעם תכלית פונעם בחור, מען וויל זעהן נחת און שטייגן, טא פרעגט מען, ווער האט צוזאמגעשטעלט די שיעורים, וויאזוי ארבייטן די שיעורים. מען האט שוין אזויפיל געהערט, אבער דאך וויל מען וויסן מער.

די סעריע וועלט-בארימטע שיעורים ווערן אהערגעשטעלט דורכ'ן לאנגיעריגן ערפארענעם מדריך הרב יעקב יצחק שטיינמעטץ שליט"א, געבויט אויף די עצות הדרכות און מעטאדן פון לאנגע יארן ערפארונג דורך גדולי המחנכים ובראשם הגאון המפורסם משיירי כנסת הגדולה וגדול המחנכים בדורינו הגה"צ מהרי"א מאסקאוויטש שליט"א אבד"ק שאץ-מאנסי.

די סעריע קלאסן אין פיל ערליי פארמאטן ווערן שוין אהערגעשטעלט העכער 15 יאר כולן שוין לטובה, ווען טויזנטער אידן כולם פה אחד לויבן אויס די שיעורים אלס לעבעדיגע עדות אז וויפיל מען זאגט און מען שרייבט איז נאך אונטערגעשאצט אויף וויפיל די טיפע אפעקטיווע קראפט פון די שיעורים איז בכח צו טוישן דעם מענטש, און אים בעז"ה פארוואנדלן אין א רואיגער, פרייליכער, מסודר'דיגער מענטש, און פיל מער.

די שיעורים העלפן מענטשן אין אלע תחומים פון לעבן ווייל ס'איז אדרעסירט צום גאנצן מענטש, און בויט אויף דעם "אדם השלם", די באשטאנדטיילן וואס יעדער בשר ודם דארף האבן כדי צו וואקסן, די ריכטיגע געדאנקען צו טראכטן, די בעסטע וועג וויאזוי צו רעדן מיט אנדערע, די נויטיגע מאס פלייסיגקייט און ענערגיע, די ריכטיגע געצייג וויאזוי צו ליכטיג מאכן ווען דער מענטש איז פארנעפלט, און דער מענטש ווערט פשוט אויפגעלעבט אין פולסטן זין פון ווארט. נאכ'ן הערן און באקומען דעם ריכטיגן מהלך החיים, נאכן זיך מסדר זיין די געדאנקען און די מעשים, די דיבורים און די שטרעבונגען, ווערן שוין פון זיך אליין עלימינירט דער גרעסטער חלק פון די פראבלעמען, און אויף די וואס זענען נאך נישט פארראכטן, באקומט מען די פאסיגע געצייג צו ארבעטן דערויף און צוביסלעך אליין צו מאכן בעסער און בעסער, און אויב דאס איז נישט מעגליך אינגאנצן צו טוישן, קען מען דאס כאטש פארבעסערן

פראבלעמען קענען זיך מאכן זיך ביי יעדן די שאלה איז צו ס'ווערט אונטערגעשטיפט אונטער די קארפעט ביז ווען ס'קען קומען א זמן און ס'פלאצט ארויס, אדער ס'ווערט פאראכטען באצייטענס ווען ס'איז נאך קליין און באהאלטען.

ביי די באטייליגטע ווערן אויפגעדעקט פארשידענע בליינד-ספאטס און פלוצלונג זעהט מען א נייע וועלט, און אזויפיל וועגן און געדאנקען וויאזוי צו מצליח זיין, וויאזוי צו טראכטן גראד און טוען וואס מען האט צו טוען, מיט א פעסטקייט, רואיגקייט און שטארקייט, אן קיין מורא פון פאלשע פחדים, בושות, א.א.וו.

עס איז ממש מפליא פלאות ווי דער אויבערשטער האט אריינגעגעבן פאר מענטשן די מעגליכקייט אויסצוגעפינען די וועגן און געצייגן ווי אזוי מען קען זיך פארבעסערן און באקומען קאנטראל און פארבעסערן און ארויפברענגן מיט פילע שטאפלען אלע אספעקטן פון לעבן.

## בחורים וואס זענען מיט אלעם מסודר האבן וואס צו קומען צו די שיעורים?

דער פאקט באווייזט אז אסאך מענטשן שטויסן זיך אן אין שוועריגקייטן שפעטער נאך די חתונה, און דאן נאך אסאך הארעווניע געפינען זיי אויס ווי אזוי מען קען גוט לעבן מיט אנדערע, און ווי אזוי יעדער נאטור האט די מעגליכקייט צו פארשטיין אנדערע. אבער עס איז קלאר אז ווען מען האט ארויס די יסודות החיים נאך איידער מען טרעט אריין אין די גרויסע וועלט איז די גאנצע לעבן געבויט אויף פעלזן-פעסטע יסודות ביי אלע ענינים, ספעציעל ביי שלו' בית און חינוך אין שטוב.

דעריבער איז באמת דער ריכטיגער צייט ווען צו קומען צו די שיעורים און זיך איינהאנדלן דעם ריכטיגן צוגאנג אויפן לעבן נאך אלס בחור, און אזוי ארום צוגיין צו די שידוכים יארן און חתונה האבן אויפן ריכטיגן אופן און קענען לעבן מיט א עזר כנגדו רואיג און גליקליך' און צוגאב צו די עיקר אויפטו אז מען האט אויסגענוצט פיל שטערקער די בחורישע יארן

נאך די חתונה איז שוין פיל שווערער זיך צו אויסצולערנען וויאזוי זיך צו טוישן נאטור אין פאל די פרוי איז היפך הטבע שלו, און דאן פארלאנגט זיך שוין שווערע ארבעט - טראצדעם וואס עס איז קיינמאל נישט צו שפעט ס'גייען דאך אן קלאסן פאר יונגעלייט כסדר ווייל מ'קען זיך כסדר אויפארבעטן - אבער עס איז זיכער פיל בעסער און מער אפעקטיוו אויב מען ווערט אויפגעבויט מיט די וויכטיגע יסודות נאך זייענדיג אין עולם הישיבות, אויסער דעם וואס דעמאלט איז בכלל די ריכטיגע צייט דערפאר ווייל מען איז נאך גאנץ יונג און ס'איז גרינגער זיך צו לערנען יעצט דעם פאך פון טוישן נאטורן, און זיך אוועקשטעלן אויף די ריכטיגע רעלסן אויפן גאנצן לעבן.

און נאך מער, ס'איז אסאך מאל פארהאן געוויסע נישט גוטע טבעיות אין א מענטש וואס אלס בחור ווען מען לעבט רואיג אין ישיבה און מען האט נישט קיין עול אויפן קאפ, דערקענט זיך עס נישט, אלעס פארט גלאטיג, אבער ווי נאר מ'טרעפט זיך אלס יונגערמאן, אדער נאך מער ווען מ'גייט שוין ארויס זוכן פרנסה מיט'ן גאנצן רחיים על צווארו, איז שוין א נייע וועלט. פלוצלינג קומען ארויס אומבאקאנטע נאטורן אין אלע פארבן, און מען דערזעהט זיך אז מען ווייסט נישט ווי אזוי זיך אומצוגיין אין פילצאליגע תחומים אין לעבן, ווי למשל פארנאכלעסיגקייט, שווערע קאמיוניקאציע, אומגעדולדיגקייט, פארשלעפטקייט, וכו', וועלכע קען זייער שטערן דאס לעבן ווען מען האט שוין די פליכטן אלס מאן און טאטע און מען קומט עס נישט נאך.

מ'קען די אלע זאכן אויפפאסן נאך פון יונגן עלטער אלס בחור, צוליב דעם קלארן צוגאנג אין די קלאס צו אויסלערנען דעם מענטש, ווי אזוי מען האט "זיך" אליינס ארויס, און מען דערקענט די פראבלעמען וועלכע מען דארף פאריכטן און מען גייט אריין אין ערוואקסענעם לעבן אויף די ריכטיגע רעלסן.

אבער חוץ מזה וואס די שיעורים העלפן ארויס אויפ'ן גאנצן צוקונפט, איז דאס אויך אומבאשרייבליך אויף די בחור'ישע יארן זעלבסט.

די שיעורים ארבעט, מ'הייבט אויף יעדן בחור פון דארט וואו ער האלט, א בחור וואס קען זיך קאנצעטרירן פאר קוים 10 מינוט וועט דאס ארויפברענגען בעז"ה צו קענען קאנצעטרירן א גאנצע שעה וואס דאס וועט טריפלען זיין הצלחה, א חוץ אויב ס'האט שייכות צו א כראנישע פראבלעם וואס דאן ווערט עס אריבערגעפירט נאך די קלאסן צו די פריוואטע הילף אפטיילונג, און צוגאב ארבעט מען צו פארשטארקערן די זיכרון וואס דאס מיינט קענען מסכתות אויסעוויייניג, נישט ווערן נערוועז ווען מ'פארשטייט נישט, זיך מער מעמיק זיין אנשטאט אויפגעבן.

יא! א וואוילער בחור אין ישיבה וואס לערנט און דאווענט, האט פיל כשרונות וואס קען ווערן אויסגענוצט אויף דעם ריכטיגן וועג, אויב ווייסט מען ווי אזוי. עס זענען אבער פארהאן זייער אסאך בחורים וואס צוליב דעם וואס זיי האבן נישט דעם ריכטיגן צוגאנג, נוצט מען נישט אויס ריכטיג פיל כשרונות, די כשרונות וואס וואלט געהאלפן די בחורים אויסשטייגן פיל שענער לשם ולתפארת, ווערן פארפאטשקעט.

די שיעורים זענען נישט געמאכט און געבויעט דוקא צו "פארריכטן פראבלעמען" רוב בחורים וואס האבן ב"ה אזוי שיין מצליח געווען אין די פריערדיגע "בין הזמנים" שיעורים זענען געקומען אן קיין פראבלעמען אינגאנצן, נאר פשוט קונה צו זיין וואס די קלאסן שטעלן אהער צו שטייגן און ווערן בעסער, פלייסיגער, אקטיווער, ערליכער און צופרידענער בעסער לעבן מיט די גאנצע משפחה. דאס האט מען געזען די פריערדיגע

בין הזמנים'ס זייער קלאר אז ס'געשעהט, און דעריבער איז דער פארלאנג אזוי גרויס אויף די קומענדיגע שיעורים בימי בין הזמנים הבעל"ט.

## פרטים איבער "יסוד והצלחת החיים"

די שיעורים, ווי געזאגט, וועלן פארקומען אין די יעצטיגע בין הזמנים אין א סעריע פון 8 שיעורים, און כדי צו ארייינפעדעמען די מהלך פונעם ארויפברענגען די לעבן, שטעלט מען שוין צו איין שיעור אויפ'ן טעלפאון נאך איידער די בין הזמנים פאנגט זיך אן, וואס דאס איז אויך געאייגענט פאר א בחור וואס לערנט אין אויסלאנד, כדי דער בחור זאל קענען דורך דעם שיעור אריינקומען אין די זאך, און זעהן צו ס'איז פאר אים, און אויפ'ן פארלאנג קען מען דעם שיעור מיטהאלטען פריי פון אפצאל, אזוי אז דער בחור זאל זיך פילן פריי צו מחליט זיי צו ער וויל בין הזמנים אדורך גיין דעם קלאס.

פאר גאר ערנסטע בחורים וואס ווילן מאכן די בעסטע לעבנ'ס טויש וואס איז מעגליך, ווערט ערמעגליכט צו הערן אויפ'ן טעלפאון אנגעהויבן פון יעצט די גאנצע קלאס, צו וויסן וויאזוי צו אנהייבן מיט די עבודה על עצמו נאך פאר'ן בין הזמנים, וואס דאן פארשטייט מען עס פיל בעסער ווען מ'הערט עס במשך'ן בין הזמנים, און מ'קומט אן פיל ווייטער.

די שיעורים אדרעסירן א רייע טעמעס און מעגליכע פראבלעמען וואס בחורים קענען דורכגיין און ווילן באקומען דעם ריכטיגן צוגאנג ווי אזוי זיך דערמיט צו ספראווען אדער צו טוישן, און צווישן אנדערן אויסשמועסן די פאלגענדע טעמעס:

קאנטראלירן שווערע געפילן, מכניע זיין צום מגיד שיעור, זיך האלטן שטארק ווען איינער מאכט אים אוועק, זיך נישט פארלירן ווען עס גייט אים נישט גוט, ערלעדיגן זאכן באצייטנס, בזריזות, אויסרייסן סיי וועלכע פוילקייט, זיך קענען לייגן באצייטנס, קענען אויפשטיין פארטאגס אפילו מידערהייט, זיין אנגענומען בין אדם לחבירו, קענען מאכן א קשר מיט נייע חברים, זיך קאנצעטרירן ביים לערנען, קענען לערנען פלייסיג שעות רצופות, קענען דערגרייכן צילן, זיין מער פאזיטיוו אין לעבן.

פון די אויבענדערמאנטע ליסטע זעהט מען וואספארא וויכטיגע טעמעס עס וועלן אויסגעשמועסט ווערן, און ווי וויכטיג עס איז פאר די הצלחה פון א בחור צו הערן די שיעורים און באקומען דעם קלארן מהלך החיים.

עס איז קלאר אז די בחורים וואס וועלן זיך באטייליגן ביי די שיעורים וועלן האבן א געוואלדיגן תועלת אין ישיבה אריינטרעטנדיג אין דעם קומענדיגן זמן, האבנדיג דעם ריכטיגן צוגאנג און מהלך אויף אלע אספעקטן אין בחור'ישן לעבן.

פארשטייט זיך ס'איז דא אלע דרגות בחורים אין די נושא פון גרייט זיין צו ארבעטן אויף זיך, איינער ווען ער ליינט אפ דעם רובריק גייט ער עס צייגן פאר זיין טאטע'ן צו הערן וואס ער זאגט דערצו, ווייל ער וואלט געוואלט ארבעטן אויף זיך, א טאטע פון אזא בחור זאל טאנצען פאר שמחה אויף די מתנה טובה וואס דער אייבערשטער האט אים געשיקט, א טייער קינד וואס איז גרייט צו ארבעטן אויף זיך און אדרבה מיר וואלטן געוועו זייער פרייליך אזא בחור זאל קומען ביי אונז ווייל ער גייט די מערסטע אויפטון, די רצון איז דא די וויכטיגסטע וואס פעלט אויס צו הצלחה.

א צווייטער בחור טראכט איך בין אלעס מסודר איך האב נישט וואס בעסער צו ווערן, און ווען די טאטע וועט אים זאגען מיין טייער קינד די דארפסט בעסער ווערן אין פארשידענע ענינים וועט ער זיך גאר באליידיגן אנשטאט זאגען יש"כ.

א דריטער טראכט פאר מיר וועט עס נישט ארבעטן, איך האב שוין אלעס פרובירט, און ער איז אינגאנצען מיואש.

א פערטע פאל איז א בחור וואס האט באמת א פראבלעם וואס איז צו פארצווייגט צו מסדר זיין אין פארמאט פון קלאס, וואס אין אזא פאל דארף דער בחור קודם האבן פריוואטע הילף און הערשט נאכ'ן ארויף קומען צו די דרגה פון די בחורים וואס קומען אין די קלאסן, וואס דאן וועט ער די מערסטע בענפטירן פון די קלאסן.

און אזוי אויך איז דא פארשידענע סארט מציאות'ער ביי עלטערן, ס'איז דא ווער ס'ליינט און טראכט אז מ'איז מגזים, ס'איז דא ווער ס'טראכט אז זיין קינד איז משה רבינו (אגב די מדרש זאגט אז ער האט גאר שווער געארבעט אויף די מידות, אבער ער האט דאך עס געטון אליין אן אנווייזונגען) און נאך פארשידענע סארט וועגן וויאזוי מענטשן טייטשן אויס ענינים וואס זיי ליינען.

מיר ווילן רעדן צו די עלטערן וואס ווען זיי ליינען אפ די ארטיקעל פארשטייען זיי אז דאס איז א ווערטבארע ארטיקעל, "מיין בחור גייט ב"ה אנהייבן זיך ארויפצוארבעטן" ס'איז ווערט אלע געלטער, אבער ס'איז זייער מעגליך אז זייער בחור האלט נישט דערביי, ער איז פון די צווייטע אדער דריטע קאטעגאריע, און איינמאל מ'האט אים געפרעגט אויף די נישט ריכטיגע אופן, האט מען מעגליך דערלייגט, אדער איז ער גאר פון די פערטע און ער באלאנגט נישט און די פארמאט פון א קלאס

צוליב דעם איז ראטזאם אז די חשוב'ע עלטערן שיחיו וואס טראכטן תכלית פאר זייערע בחורים, זאלן ערשט איבערשמועסן דעם ענין מיט'ן מדריך פון די קלאס, נאך איידער מען רעדט וועגן די שיעורים מיט'ן זון אין שטוב, צו זעהן צו ס'איז דער ריכטיגער וועג וויאזוי צו דערגרייכן דעם ציל און תועלת פאר'ן בחור נ"י. און צו רעדן צום מדריך הרב יעקב יצחק שליט"א רופט 845.232.1079 עקס. 4

## עלה והצלח בהצלחת החיים.

# הרימותי בחור מעם:

# קען דען איין געלונגענער "בין הזמנים" העלפן אויפבויען הצלחה פון לעבן ברוחניות וגשמיות?

עלטערן און מחנכים ערווארטען מיט שפאנונג בארימטע "שיעור יסוד והצלחת החיים" פאר וואוילע בחורים במשך ימי בין הזמנים הבעל"ט האבן אבער פראגעס וואס וועט מעגליך דא פארענטפערט ווערן

## וואס לערנען די בחורים?

מיט א בליק אויף השלמה אין די ימי הבחרות, און אוועקשטעלן די אבן הפינה פאר די שפעטערדיגע יארן, ווערן די שיעורים אויסגעארבייט צו העלפן דערגרייכן דעם ריכטיגן תכלית אויף פיל וויכטיגע ענינים. צווישן זיי, אזעלכע טעמעס ווי קאנטראלירן שווערע געפילן, מכניע זיין צום מגיד שיעור, זיך האלטן שטארק ווען איינער קלאפט אראפ, זיך נישט פארלירן ווען עס גייט נישט גוט עפעס, ערלעדיגן זאכן באצייטנס און בזריזות, אויסרייסן פוילקייט מכל וכל, זיך לייגן באצייטנס, קענען אויפשטיין פארטאגס אפילו מידערהייט, זיין אנגענומען צווישן חברים, האבן גוטע קאמיוניקאציע אין שטוב און מיט אנדערע, זיך קענען קאנצעטרירן ביים לערנען און קענען לערנען פלייסיג שעות רצופות, קענען דערגרייכן צילן, און בכלל זיין מער פאזיטיוו אין לעבן.

עס איז קלאר און פארשטענדליך אז ווען מען בויעט אויף די דאזיגע יסודות החיים מיינט דאס סיי אן הצלחה פאר די בחורישע יארן, און אוודאי איז דאס וויכטיג זיך צו אויסבויען, נאך איידער מען טרעט אריין אין די גרויסע וועלט, כדי די גאנצע לעבן זאל זיין געבויט אויף פעלזן-פעסטע יסודות ביי אלע ענינים אין שפעטערדיגע יארן, זייענדיג דער ראש בית אב אינעם אייגענעם מקדש מעט.

מאנכע עלטערן שליט"א הערן דאס אלעס מיט פארגעניגן, אבער האבן א פראגע,

## וויאזוי קען מען זעהן אזעלכע גוטע פירות אין אזא קורצע צייט?

וויאזוי קענען די שיעורים ארבייטן אזוי שנעל, אין בלויז עטליכע קלאסן במשך די פארנומענע טעג פון בין הזמנים?

דער תירוץ אויף דעם איז זייער פשוט, ספעציעל פאר עלטערן און מחנכים מיט ערפארונג צו קינדער אין די ימי הבחרות, ווייסן זיי צו זאגן, אז ווען מען בויעט אויף די יסודות, התנהגות, השקפות און כשרונות מיינט עס זיך געטוישט אויפ'ן גאנצן לעבן.

אבער ס'איז מער פון דעם פארוואס די שיעור קען אזוי טוישן א בחור אין אזויפיל ענינים, ווייל ס'ארבעט וואו למשל איינער פארט אויפ'ן שאסיי, און ס'איז דא געפערליכע טרעפיק. די קאר איז ממש סטאק. פון מינוטן ווערט שעה'ן, נאכדעם גאנצע טעג. ער קען נישט פארן און האט נישט קיין אהנונג וויאזוי צו פארן ווייטער. ער רופט ארום, דרייט איבער א שטאט, ער איז הינגעריג ער האט נישט וואס צו עסן ער איז דארשטעריג, ער איז קאלט ווייל די מאטאר איז אויסגעלאשן ווייל די געז איז כמעט אויסגעגאנגען ס'איז נישט דא קיין סטיעם, ער איז מיעד ער קען נישט אזוי שלאפן. און צוגאב קומט צו די קלעמעניש און ווייטאגן פשוט נישט וואוסענדיג וואס גייט דא פאר, פלוצלינג, הייבט מען אן צו פארן, א שטרעקע ווייטער קומט אויס צו זעהן וואס האט פאסירט, נעמליך, א בוים איז אראפגעפאלן און געשטאנען אין וועג, ביז מען האט עס באזייטיגט. מיט איינמאל וואס מ'האט עס אוועקגענומען וואס האט גענומען אפשר א האלבע שעה, זענען אלע זיינע פראבלעמען

## עלטערן:

ווילט איר אז אייער בחור
זאל ריכטיג אויסנוצן דעם
בין הזמנים, ס'זאל ברענגען
תכלית פאר א גאנץ לעבן?

## בחורים:

ווילסטו ריכטיג אויסנוצן
דעם בין הזמנים, ס'זאל זיך
דיר פיין אויסצאלן פאר'ן
קומענדיגן זמן?

**שיעורי יסוד והצלחת החיים**

שטעלט צו אויך דעם
בין הזמנים

**א קורס פאר בחורים**

פון 15-19 יאר

איבער מערערע ענינים
וואס יעדע בחור וויל
אנקומען.

## הזורעים בדמעה ברינה יקצורו...

### חשובע עלטערן:

אייער בחור וועט זיך
בעז"ה לערנען:

- **צו קענען קאנטראלירן שווערע געפילן.**
- **זיך צו מכניע זיין פאר עלטערן און מגי"ש.**
- **זיך צו פארטראגן מיט די געשוויסטער.**
- **זיך נישט צו פארלירן ווען עס גייט נישט גוט.**
- **צו ערלעדיגן זאכן אין צייט.**
- **זיך צו קאנצעטרירן ביים לערנען.**
- **צו קענען לערנען שעות ברצופות.**
- **צו שפירן א טעם אינעם דאווענען.**
- **צו אנקומען צו זיינע צילן.**
- **צו זיין מער פאזעטיוו.**
- **לייגן/אויפשטיין אין צייט.**

היות די קלאסן איז נישט געאייגענט פאר
יעדע בחור, ביטע אונז רופן איידער איר
רעדט דערוועגן צו אים.

## ראה נתתי לפניך היום את החיים... ובחרת בחיים...

### טייערע בחור:

דו וועסט זיך בעז"ה
אויסלערענען:

- **וויאזוי זיך נישט צו פארלירן ווען עס גייט נישט ווי געפלאנט.**
- **צו זיין באליבט ביי דיינע חברים.**
- **זיך צו קענען האלטן שטארק ווען איינער מאכט דיר אוועק.**
- **זיך צו פארשטיין מיט די מגי"ש און עלטערן.**
- **צו קענען זיין רואיג און זיכער מיט זיך פאר א פארהער.**
- **צו קענען זיך לייגן און אויפשטיין אין צייט.**
- **צו קענען מאכן החלטות גרינג.**
- **צו קענען אויסשמעוסן ווייטאג.**
- **צו וויסן און אויסנוצן דיינע כשרונות.**
- **און פיל מער...**

מען קען קומען מיט אדער אן א חבר;
מ'וועט זיך אויסלערנען וויאזוי צו מאכן
נייע חברים!

## רעגיסטראציע

די קורס באשטייט פון
א סעריע פון

**9 קלאסן**

במשך ימי ביה"ז

אויך מעגליך
מיטצוהאלטן
די ספעציעלע

**הצלחת החיים טעלע-קורס**

אין פאל מען קען נישט
מיטהאלטן פערזענליך.

התחלה פאנגט זיך אן
תיכף ווען מ'שרייבט
זיך איין, דורך אן

**הקדמה שיעור אויפ'ן טעלעפאן**

זיך פארצוגרייטן
צו די סעריע.

**הערט אויס די ריפלעי צוגעשטעלט פאר עלטערן און בחורים צו וויסן מער אינפארמאציע, אויף פין 1-1 דרערנאך עלטערן 24-29, בחורים 30-37.**

**מדברי כ"ק הגה"צ משאץ שליט"א: שיעורי הצלחת החיים, איז די פלאץ וואס ברענגט אריין תורה תפילה ויר"ש אינעם בחור, ער ווערט א בעל מידות טובות פאר א גאנץ לעבן.
הערט אויף די האטליין 1-1 24**

**איבערגעגעבן דורך המדריך המפורסם זה רבות בשנים,
הר"ר יעקב יצחק שטיינמעטץ שליט"א
מנהל שיעורי עבודת הנפש**

**אינפארמאציע/רעגיסטראציע:
845.232.1079
האטליין: 718.887.9311**

געווארן מסודר אויפאיינמאל.

די זעלבע זאך איז מיט די חשובע בחורים. זיי האבן בלאקירונגען אין וועג וואס שטערט זיי אין אזויפיל תחומים, דאס האלט זיי אפ פון שטייגן פאראויס, ס'קען זיין זיי שפירן ממש פארקלעמט און פארוויטאגט, אבער איינמאל מ'נעמט אוועק די בוים - די בלאקירונגען - נעמט זיך אלעס פארן אזוי שיין און רואיג.

מען שטייט און באטראכט וויאזוי די בחורים נעמען זיך שטייגן און בליען, בתורה ויראה, ממש ווי די רואיגע טרעפיק נאכ'ן אוועקנעמען דעם בוים, און מען וואונדערט זיך, מ'האט זיך נישט גע'חלומ'ט אמאל מ'וועט נאך אמאל אנקומען אזוי ווייט... דערפאר זענען דא די "יסוד והצלחת החיים" שיעורים, צו קענען אנקומען שנעל צום ציל פונקט.

## די בחורים זיצן א גאנצן זמן אין ישיבה, מ'לערנט דארט תויר"ש ומידות טובות, פארוואס זאלן זיי דארפן א עקסטערע קלאס?

דאס איז א ברענעדיגע פראגע, און די תירוץ איז אויך ברענעדיג.

א פונקט אין די בחור זייט, און א פונקט אין מחנכים'ס זייט, פארן בחור'ס זייט: די כלל איז, א מענטש נעמט ארויס די מערסטע פון א זאך וואס ער טוט, אדער פון א מקום וואס ער גייט, דאס וואס ער האט געצילט ווען ער איז דארט געגאנגען.

ווען א בחור גייט אין ישיבה איז די שאלה וואס איז זיין ציל פארוואס גייט ער? ס'קען זיין איינס אדער מער פון די: 1) יעדער גייט אין ישיבה. 2) צו קענען לערנען. 3) זיך צוטרעפן מיט נאך בחורים. 4) צו האבן וואס צו טון מיט'ן טאג. 5) טאטע מאמע שיקן אים ארויס פון אינדערהיים, א.א.וו.

אפילו די בעסטער בחור איז כמעט נישט קיין מציאות אז ער זאל טראכטען איך גיי אין ישיבה כדי זיך אויסצואורבעטן מיינע שווערע תכונות הנפש אדער שווערע מידות, ווייל ער גייט דאך צו לערנען, פארוואס זאל ער טראכטן איך גיי צו ארבעטן אויף מידות, ער איז דאך די גוטע בחור, ער האט דאך נאר גוטע מידות מסתם אויך.

ווייטער פאר די מחנכים איז זייער שווער צו קרוטיקירן און פארעכטן די אויפירינג פון א בחור וואס לערנט, ער טוט דאך וואס ער דארף דא טון, מימלא איז עס אסאך שווערער ער זאל ארבעטן אויף זיינע מידות.

ווען א בחור קומט אהער צו אזא קלאס קומט ער נאר פאר איין סיבה, זיך צו פארבעסערן זיינע תכונות הנפש, אויסארבעטן זיינע כשרונות, און אז דאס איז די עיקר ציל פארשטייט זיך געשעהנט עס פי כמה.

און צו די מחנכים'ס זייט: די מציאות איז אז וויבאלד די וויכטיגסטע זאך אין א ישיבה איז: לערנען און נאכאמאל לערנען, און אזוי דארף טאקע זיין, איז דאס די עיקר ציל פון די מחנכים, און אויב ס'קומט אריין צו ארבעטן אויף מידות, איז עס געווענליך בעיקר אויף מידות וואס שטערט פון לערנען און דאווענען אדער שטערט די סדר הישיבה, וועט דען א מגיד שיעור וויסן אז א בחור פלאגט זיך מיט אינערליכע כעס, אדער ער איז איין שטיק קנאה, און וואס איז די דאגה אויב ער איז צו שטיל און ער רעד נישט ארויס וואס באדערט אים, ס'שטערט נישט די ישיבה.

ס'איז אפילו מעגליך אז זיין מחנך זאל טראכטן אדרבה זאל ער נישט רעדן, וואס דארף ער זיך אפרעדן און נאכדעם וועט דא זיין שווערע.

די מחנכים וואס האבן שוין אבער געהאט בחורים וואס זענען געווען איבער'ן בין הזמנים ביי א ניסן קלאס, וואס דאס איז אינמיטן יאר, זענען געווארן אויסער זיך צו זעהן וואו שיין מיר האבן געמאכט די ארבעט, סיי אים אויסגעלערנט צו רעדן, און קענען אויספאלגען דעם חכם מכל אדם, וואס זאגט דאגה בלב איש ישיחנה לאחרים, און סיי צו רעדן מיט אזא שיינעם שפראך אז זייער געפיל איז געווארן איבערגענומען פון די געשמאקייט פונעם בחור.

די מחנכים האבן פלוצלונג געזעהן אז זיין אפטע צוקנייטשטע שטערן האט זיך אויסגעליכן, א שמייכל קומט מער ארויף אויף זיין פנים, ער געט כבוד פאר חבירים און אוודאי פאר די מחנכים, אה איז געשמאק צו האבן אין ישיבה א בחור וואס איז שוין געווען ביי די קלאסן!!!

ס'איז זייער קלאר אז די מחנכים טוען די שווערסטע ארבעט איבער'ן זמן מיט די בחורים, אריינצוברענגען אין זיי תורה ויראת שמים און מידות טובות, אבער ס'איז פשוט נישט מעגליך אז ס'זאל נישט פארזעהן ווערן פארשידענע וויכטיגע פרטים וואס האט א שייכות פערזענליך מיט'ן בחור.

די קלאסן זענען אבער געמאכט ספעציעל פאר די וויכטיגסטע ענינים וואס איז בשייכות דרך ארץ קדמה לתורה, מידות וכשרונות, און צוגאב וואס מיר האבן זיך ספעציעל אריינגעלייגט צו דערגיין וויאזוי מ'קען אויפארבעטן די כח ההסברה כח הזיכרון, כח הזריזות, און פיל מער וויכטיגע כוחות, וואס דערנאך זענען זיך די מחנכים און די עלטערן זיך מחיה זיין מיט דעם בחור, זאכן פארן גרינגער און בעסער, און דער בחור איז זיך מחיה זיין מיט זיי.

## אויפבויען די גוטע רצונות

דער שליסל ליגט אינעם רצון פונעם בחור. אז מען גייט מיט קלארע ווילן, באשלאסן ביי זיך מיט א פארטיגע החלטה אז איך וויל זיין בעסער און שטייגן, איז שוין א גרויסע חלק פון די עבודה געטאן געווארן, און דעמאלט גייט עס צען מאל שנעלער ווי אויב דער בחור זעלבסט האט נישט קיין ערנסטע חשק צו די גאנצע זאך. דעמאלט דארף מען ארבייטן א האלבע יאר צו עפענען דעם בחור און אויפארבייטן א רצון.

נו, וויאזוי באווייזט מען טאקע די קונץ אז די בחורים קומען צו גיין מיט אזא אינערליכע פעסטע רצון? דאס איז געוואנדן אין די פרטים פון יעדן בחור באזונדער, וואס עלטערן שמועסן מיט'ן מדריך "בעפאר" מען רעדט צום בחור וועגן די תועלת פון די שיעורים, און אזוי ברענגט עס די מערסטע הצלחה באלד פון די ערשטע מינוט בס"ד.



## וויאזוי קען זיך די הדרכה האלטן, לאורך ימים ושנים טובים?

זייער פשוט, ווי די פריערדיגע גליקליכע משתתפים האבן שוין געזען. די שיעורים זענען אזוי גרונטליך געבויט, אז זיי טוען אויפבויען א קריטיש וויכטיגע מהלך, און איינמאל מען האט עס קונה געווען, איז עס שוין נקנה לצמיתות ווי א קינד וואס לערנט זיך רעדן אדער גיין יונגערהייט, איינמאל מ'קען עס, קען מען עס אויף לעבנסלענגליך.

## פארוואס נישט "יעדער" און איבעראל"?

די הצלחה איז געוואנדן ווען דער בחור שפירט ער דארף גיין מיט די אייגענע כוחות קעגן די שטראם, נישט "ווייל יעדער." דאס איז א הויפט שליסל צום שטייגן פונעם בחור, ער זאל שפירן דעם "אם אין אני לי מי לי, ואם לא עכשיו אימתי." ער, און נאר ער אליינס, קען יעצט מאכן דעם "ובחרת בחיים," נישט ווייל "יענער אויך," נאר ווייל "איך" וויל גיין בדרך המלך, לערנען, דאווענען, זיין אן ערליכער איד, זיך נישט לאזן קעגן די נסיונות הזמן, נישט ווערן צובראכן ווען ארומיגע גייען נישט אין זעלבן שפאן ווי איך, נאר קאנצענטרירן די גאנצע עבודה אין אויפבויען די אייגענע כוחות אויף יעצט אין די ימי הבחרות און בס"ד אויפ'ן גאנצן לעבן.

אזוי קומט דער בחור ארויס פון די שיעורים מיט'ן תכלית הנרצה, מיט'ן פולן רצון בלב ונפש, מיט'ן גאנצן התלהבות און זריזות, אן דעם וואס סיי וועלכע זייטיגע נסיונות, קאמענטארן, פאסירונגען, זאלן אים שטערן, מיד ולעתיד.

## די הצלחה איז מעגליך פאר יעדן בחור?

די "שיעורי יסוד והצלחת החיים" האבן שוין אין די פריערדיגע בין הזמנים סעריעס בסייעתא דשמיא געשטעלט אויף די פוס בחורים בינונים צו ווערן מצויינים און בחורים מצויינים צו ווערן געהויבענע אידן יר"ש גאונים מופלגים אויפ'ן וועג צו זיין מורי הוראות בישראל, און אוודאי הונדערטער בעלי בתים יראי ד' חסידים ואנשי מעשה.

חשובע עלטערן פארשטייען די מעלות פון זייער בחור, און די שטריכן וואו מ'קען זיך משלים זיין. ביי די "שיעורי יסוד והצלחת החיים" דעם בין הזמנים הבעל"ט, וועלן די בחורים אנטדעקן זייערע מעלות, כשרונות, כוחות און טאלאנטן, אסאך מער ווי פריער, און דאס אלעס אויסנוצן למעשה צום בעסטן תכלית. זיי וועלן זיך אויך אויסלערנען וויאזוי זיך משלים צו זיין אין אלע ענינים, בתורה ויראה ומעשים טובים, לתפארת הוריהם ומוריהם, בס"ד, אן לאזן סיי וועלכע שטרויכלונגען שטיין אין וועג.

פאר נאך שאלות ותשובות זעהט די מדור שאלות ותשובות.

# דער סוד צום יסוד



**דרשת המדריך שליט"א**
להורי בחורים החשובים

## *בהנושא: וואס קענען מיר טוען צו פארזארגן אונזערע בחורים מיט א לעכטיגן לעבן לאורך ימים ושנים.*

טייערע חשוב'ע עלטערן, די קשיא פון די יודעי דבר וואס האבן מיטגעהאלטן די לעצטע זמן וויפיל גיטין ס'איז פארגעקומען, און דוקא ביי וואוילע חשוב'ע בחורים פון געלונגענע געבויטע שטיבער, וואס האבן שיין געטראפן און חתונה געהאט זייער גוט, און ס'האט זיך ליידער געענדיגט מיט א טראגישע גט אדער ליידער האלט עס נאך אינמיטן וועג פון אנקומען צו א גט. מ'האלט אינמיטן א שווערע דורכגאנג פון א צוטיילונג רח"ל די קשיא ברענט וואס איז דא געשעהן???

ניין! קיינער וויל נישט הערן... קיינער וויל נישט טראכטן... אז מ'דארף עפעס טון אז חלילה וחס זיין בחור זאל נישט דארפן דורכגיין עפעס נישט גוטס, ווייל ס'וועט זיכער זיין גוט! דער אייבערשטער וועט שוין העלפן. אבער די גמרא זאגט אין מס' גיטין: אשרי אדם מפחד תמיד ומקשה לבו יפול ברעה, אז דער מענטש וואס זארגט זיך, דער מענטש וואס מאכט דער ידאגו כל בני חבורה ווען עפעס געשעהט, און ער טראכט וואס קען איך טון זיך צו ראטעווען פון די פגע, דער ראטעוועט זיך! ומקשה לבו, און טראכט, איך דארף גארנישט טון דערצו, איז ח"ו יפול ברעה.

יעדער איינער קען טראכטן פון זיין קוק ווינקל וואס ס'קען זיין די סיבה פון די פארמערטע שלום בית פראבלעמען, ער קען אפשר טראכטן, דאס איז דוקא געווען ביי יענע שטוב אדער ביי יענע בחור אדער דווקא ביי יענע מיידל; אבער דעס וועט נישט ברענגן דעם ריכטיגן תכלית צו פארמיידן די שוועריקייטן ביי זיך.

איינע פון די גרעסטע סיבות וואס מיר קענען מיטיילן אלץ די סיבה פון די פארמערטע שלום בית פראבלעמען איז:

- ווי מער די לעבן ווערט באקוועמער, מער פראפעשענעל, מער לאקזשעריס און פיטשערס, ווערן מענטשן מער סענסיטיוו. און די היינטיגע צייטן, וואס א יאר ס'גייט אריבער אלס מער סענסיטיוו איז די מיידל וואס האט חתונה, זי עקספעקט מער

א מאן וואס זאל זיך אהערשטעלן מיט אלע קליפערלעך געצייגן, לאו דוקא אין די נושא פון געלט אדער לוקסוס, מער אין די נושא פון מיטפילן, מיטלעבן, פארשטיין און זיין א בעסערע לעבנס שותף.

• וואס א יאר ס'גייט אדורך ווערט די געדולדיקייט דרגה שוואכער און שוואכער, וואס דאס קלאפט אויס די מערסטע צו האבן די געדולד צוווארטן ביז ווען זאכן וועלן זיך איינגעבן, און די נישט געשמאקע אפמאך: 'די זאך איז נישט פאר מיר, ס'וועט זיך נישט אויסארבעטן' קומט צו שנעל, נאך פאר ס'איז אפילו געווען א מעגליכקייט עס צו מאכן ארבעטן.

• דער בחור וואס דארף אריינקומען אין די יונגעלייטישע לעבן אויסגעארבעטערהייט זיך צו באפאסן מיט די עזר וואס איז געווענליך א כנגדו ביז ווען זי ווערט אן עזר. קומט אריין היינט שוואכער ווי אמאל, מיט ווייניגער געדולד ווי אמאל און ווייניגער אויסגעארבעט ווי אמאליגע צייטן.

די סיבה: וויל וואס מער די וועלט ווערט שנעלער און פארגעשריטענער אלץ מער ערווארט מען מען אז ארבעט וואס איך טוה זאל אויך געשעהן שנעל, און די ארבעט פון עבודת האדם איז די זעלבע פון אמאל, אדער גאר לענגער, און דערפאר פילט מען סאיז נישט מעגליך זיך צו טוישן.

ס'איז אמת אז צוליב דעם לייגט מען טאקע היינט צוטאגס אריין מער תוכן אינעם חתן פאר די חתונה, דער חתן רבי גרייט צו דעם בחור ער זאל פארשטיין וואס מיינט צו מיטפילן, רעספעקטירן, שעצן, מיטגיין אינאיינעם, פארקוקן אויף די טעותים, ווייניגער קריטיקירן, זיך האלטן צו צייטן וואס מען שמועסט אפ, געדענקן צו מאכן פאון קאלס ווען מען פארשפעטיגט זיך, זיך אויסגלייכן און איבערבעטן אויף די ריכטיגע אופן, אויב ס'איז יא געווען א ריס אדער א קריגעריי.

אבער מיט די אלע שעה'ן אויף שעה'ן, לימודים וואס די חתנים רבי'ס שטעלן צו, שטעלט זיך ארויס אז די פראבלעמען האבן זיך צוריקגעהויבן צו די הויעכע ציפערן, און די סיבה איז פשוט, ווייל אין די לעצטע חדשים פאר א חתונה קען מען נישט טוישן אויף איינמאל די שווערע געוואונהייטן, ווייל דאס דארף מען זיך אויסארבעטן במשך די בחור'ישע יארן, און די לעצטערע יארן ווערט עבודת המידות ביי בחורים שוואכער און שוואכער.

די צייט צו ארבעטן אויף זיך איז אלץ בחור, ווען מען לעבט נאך מיט די משפחה, אויב איז מען נישט אהיימגעקומען אין צייט, לאזן וויסן פאר די עלטערן; ווען עלטערן קריטיקירן, רעאגירן מיט כבוד; ווען די

> **גמ' מס' גיטין: אשרי אדם מפחד תמיד ומקשה לבו יפול ברעה, דער מענטש וואס זארגט זיך, און טראכט וואס קען איך טון זיך צו ראטעווען פון די פגע, דער ראטעוועט זיך!**

ברידערס און שוועסטערס האבן עפעס מער פון אים, פארגינט מען מיטן גאנצע הארץ; ווען א חבר פארשעמט אים, זיין אפען מיט אים און זיך אויסקומען, מאכן ער זאל עס נישט טון נאכאמאל; און ווען מ'לעבט מיט א צווייטן זיך פארשטייען מיט יענעם. יעדע בחור האט מענטשן אין אלע זייטן, ווי ער קען פון פאראויס זיך אויסבויען אין די אלע ענינים, וואס מען דארף שוין זיין אויסגעבויט ווען מען שטעלט אויף א אידישע שטוב.

און די פאקט שטעלט זיך ארויס אז אפילו מצויינים שבמצויינים קענען פארנאכלעסיגן די וויכטיגע פונקטן פון מידות טובות וואס פארלאנגט זיך קריטיש ס'זאל זיין אויפגעבויט און אוועקגעשטעלט בעת מען שטעלט אויף א אידישע שטוב, אנשטאט מען זאל שוין זיין צוגעוואוינט צו די טוישינגען במשך די בחורישע יארן, אז ס'זאל שוין זיין א טבע שני נאך די חתונה, זי זאל נישט באמערקן אז ס'איז געווען אמאל אנדערש, ווערט אנגעזעהן אלע זיינע דורכפעלער וויבאלד מ'פאלט אדורך און די מידות ענינים וואס ער האט געלערנט אין די לעצטע חדשים פאר די חתונה, וויל ער איז דאך אנדערש געוואוינט.

ליידער איז א מציאות אז פון יעדע עידזש פון הונדערט בחורים, נישט קיין חילוק פון וועלכע קהלה, פון וועלכע שטאט, איז דא בערך פינף פראצענט גיטין. דאס קען יעדער מעיד זיין. און די פראבלעם איז אז אין די לעצטערע יארן האט זיך עס פארמערט און די פראצענטן האלטן שוין היינט זייער גרויס.

אבער ב"ה א שטערן שיינט, אין די לעצטע צוועלף יאר זענען פארגעקומען יעדן בין הזמנים קלאסן, וואו טויזנטער בחורים זענען עס אדורכגעגאנגען און זיך גענומען ארבעטן אויף אלע סארט מידות און שוואכקייטן וואס יעדע מענטש קען האבן, זיי האבן באקומען א פארשטענדליכקייט ווי אזוי מען ארבעט אויס א תכונה, א מדה, א כשרון, א חסרון, זאל ווערן א מעלה, און יא במשך די יארן האט זיך ארויסגעשטעלט די ריזיגע דיפערענץ וואספארא הויכע דרגא שלום בית די בחורים, היינט צוטאג יונגעלייט מיט שטיבער מיט קינדערלעך, האבן, און וואספארא הערליכע שיינע לעבן זיי פירן ב"ה.

ס'איז זייער פשוט פארוואס, ערשטנס, איינמאל א בחור האט זיך געלערנט און אויסגעארבעט די מידות טובות און די כשרונות און זיך אויסגעבויט ווי אזוי מען ארבעט און מ'האנדלט מיט א צווייטען, ווי אזוי מ'פארשטייט א צווייטע מענטש, און אפילו מיט די נישט קליגע ברודער אדער שוועסטער וואס ער האט געמיינט אז מיט זיי קען מען זיך נישט אויסקומען, איז ער זיך אויסגעקומען, איז ער זיך אוודאי אויסגעקומען מיט זיין חשוב'ע בני בית נאך די חתונה, ער האט דאך שוין געטון פיל שווערער פון דעם.

צווייטענס, ווען א מענטש האט חתונה האט ער אסאך זאכן וואס ער דארף צולייגן צו זיין סדר און צו זיין לעבן, און ס'איז נישט געאייגנט אז דאן זאל ער זיך הערשט נעמען ארבעטן אויף זיינע מידות, די נפש אין די מענטש קען נישט אויפאיינמאל פארנעמען אזויפיל טוישינגען, אוודאי גייען נאכדעם זאכן און די נישט ריכטיגע דירעקציע.

און רבותי די וואס בלייבן ב"ה יא אינדערהיים און די לעבן פארט ווייטער, איז דען דא די עכטע ריכטיגע שלום בית? אדער נאר למחצה לשליש ולרביע?

ליידער זענען די שלום בית אפיסעס און די מערידזש קאנסעלטעישענס ארגאניזאציעס פול מיט קליענטן, ביי אסאך פון זיי קען מען נישט באקומען קיין אפוינטמענט ביז וואכן און חדשים. פאר וועלכע סיבה? און ביי די פראצענט ראטע וויפיל האבן שלום בית פראבלעמען, איז נישט פינף אדער צען פראצענט, די נומבערס לויפן אין דרייסיג פערציג פראצענט, זייער זייער ווייטאגליך.

אנדערש זענען די יונגעלייט וואס האבן געארבעט אויף זיך אלס בחור, זיי זענען ב"ה תיכף ומיד מצליח אויפצושטעלן א גוטע שלום בית, א געזונטע הערליכע שטוב, וואס דאס מיינט נאכדעם געזונטע גוטע קינדער.

די עלטערן וואס האבן געשיקט די בחורים במשך אין די אלע יארן האבן געקענט טראכטן, וואס פעלט עס אויס, ער איז א וואוילער בחור, לאז לויפן! אבער זיי האבן געהאט שכל, זיי האבן אינוועסטירט אין זייער קינד. מיר דארפן דאנקן דעם אייבערשטן אז צווישן אלע טויזנטער בחורים וואס זענען דורכגעגאנגען במשך די אלע יארן איז ניטאמאל דא א פערטל פראצענט וואס האט זיך געענדיגט מיט א גט, און ס'איז א זעלטענהייט אז ס'זאל זיך בכלל מאכן שלום בית פראבלעמען.

אין צוגאב, איינמאל מען קומט צו די בין הזמנים קלאסן, איז עס פארשטייט זיך נישט בלויז א לימוד לכשיגיע לפרק האיש מקדש, נאר מ'לערנט אים אויס די עבודה וואס איז נוגע פאר די בחורישע יארן. די ריכטיגע וועג פון אמת'דיגע הכנעה, און דווקא דער מצוין דארף הערשט האבן דעם לימוד וויבאלד ער קען זיין צו גרויס ביי זיך, דארף ער זיך לערנען זיך מכניע צו זיין פאר די מנהל, די מגיד שיעור, ווי גוט און וואויל ער איז נאר; דארף ער נאך מער ארבעטן אויף זיך אויסקומען מיט שוואכערע חברותות וואס קענען נישט אזוי גוט לערנען ווייל זיי זענען שוואך אין כשרון אין הבנה, צו האבן א גוטע קשר מיט יענעם און זיך אראפלאזן צו אים און אים גאר ארויפברענגען.

וועלכע בחור וואלט נישט געוואלט האבן א בעסערע כח השפעה און כח הסברה, יעדער מצוין וואלט געקענט אסאך בענעפיטירן ווען ער הייבט זיך צו א בעסערע דרגא.

און אוודאי א בינוני האט ברייט פלאץ צו גיין העכער און ווערן א מצוין, זיך אויסארבעטן דא און דארט, צי אין דאווענען, צי אין אויפשטיין צופרי, אפשר גאר פאר-פארטאגס, צי אפשר צו אביסל לערנען זייטיגע לימודים, צי אפשר לערנען בזמן הלימוד אויף א בעסערע וועג, מער ברצופות.

און אזוי אויך איז אונזער ארבעט אז פארשידענע סארט שוועריגקייטן וואס קען אמאל זיין באהאלטן טיף באגראבן אין די בחור, וואו למשל אין די נושא פון רואיגקייט, געדולדיגקייט און סבלנות, זאל די בחור באקומען א מהלך וויאזוי עס מסדר צו זיין.

און דא וויל איך שטארק ארויסברענגען פאר די חשובע עלטערן א וויכטיגע נקודה, ס'קען זיין אמאל אז א בחור קומט מיטיילען פאר'ן טאטן א שווערע אינערליכע געפיל וואס ער האט, געווענליך קומט עס אן זייער שווער פאר א קינד דעס צו מיטיילן, אבער איינמאל ער איז געקומען זאגן פאר'ן טאטן, און די טאטע האט עס אוועקגעמאכט, און דערווייל ברענט עס און פלאקערט עס אין אים ווייטער, מאכט עס די מצב אסאך ערגער.

וויפיל יונגעלייט קומען אן צו אונז נאך די חתונה, ותוכו אכל, די גאנצע נפשיות'דיגע סיסטעם איז צורידערט, ס'איז טאקע נישט געשען קיין שלום בית קרעש, אבער יא א נפשיות'דיגע קרעש, און מיין קשיא צו דעם יונגערמאן איז: פארוואס האסטו נישט געטון וועגן דעם אלס בחור, סיי ס'איז גרינגער צו פארעכטן, און סיי די ב"ב דארף דאס נישט מיטהאלטען, האסט נישט געזען אלס בחור אז ס'האט זיך שוין אנגעהויבן? זאגט ער: נאך ווי, אבער מיין טאטע האט מיך אוועקגעמאכט, און יעצט בין איך שוין אויף די אייגענע אחריות קען איך קעיר נעמען פון מיר.

איי וואו ווייטאגליך איז די געפיל, מיין טאטע האט נישט קעיר גענומען פון מיר, מיין טאטע האט געהאלטן אז איך טרייב איבער, 'שטותים, מאך דיך נישט נאריש, איינרעדעניש איז ערגער ווי א קרענק', איך האב געפילט אז זייער גוט, זאל עס זיין א איינרעדעניש, איך קען אבער זיך נישט א עיצה געבן זיך ארויסצודרייען פון דעם איינרעדעניש, ס'האט געפלאקערט, ס'האט געברענט. אבער למעשה יעצט ווען די כוחות הנפש איז שוין חרוב איז שוין סאך שווערער צוריקצושטעלן זאכן אויפ'ן פלאץ.

טייערע אידן, אויב דיין בחור קומט צו אייך און זאגט: איך וויל מען זאל מיך העלפן, האט עס גענומען חדשים ביז ער האט מחליט געווען ער זאל עס זאגן, און אז ער איז שוין געקומען, און מ'האט אים אוועקגעמאכט, קומט ער שוין נישט נאכאמאל, אויב דערמאנט איר זיך אז ער האט אייך שוין געזאגט אפילו א יאר צוריק, 'איך ק ע ן



באשטיין איינער זאל מיר העלפן' גייט נאך יעצט צוריק צו אים, און זאגט: 'איך האב הערשט יעצט פארשטאנען וואס דו האסט געוואלט, איך וויל דיך העלפן זיך שטארקן קעגן די אלע געפילישע שוועריגקייטן וואס קענען זיך אמאל מאכן ביי בחורים' עס קען ווען אדורכגיין ווי גארנישט, אבער אויב מען נוצט נישט די ריכטיגע מיטלען קען עס ח"ו בלייבן, שטערקער און גרעסער ווערן און וואקסן אין די ראנג דירעקשן פונקט ווי א בוים וואס וואקסט שיף וואס נאכדעם קען מען שוין נישט אויסגראדן.

און אויב דאס איז די פאל, און מימלא איז די קשיא וואו פאנגט מען אן צו ווען גייט מען, עמוישענעל זאכן איז דאך א מים שאין להם סוף, מ'גייט און מ'גייט און מ'גראדואירט נישט קיינמאל, איז די גוטע נייעס פאר די חשובע עלטערן, אז די קלאסן קומט מיט א עמוישענעל פילניג סטראקשער אויפבויאינג, ס'איז צוגעשטעלט פאר יעדן סיי פאר דער וואס האט נישט קיין שום געפילישע שוועריקייטען, פאר אים ארבעט עס, ער זאל ווערן געבויט און שטארק און נישט 'ארייגפאלן' אין די סארט שוועריקייטען, און סיי פאר ווער ס'האט שוין יא, זאל זיך קענען ארויסדרייען דערפון.

רעדענדיג פון עמוישענעל שוועריקייטען מוזן מיר באטאנען פאר די געלונגענע בחורים וואס קומען צו אונזערע קלאסן, אז דא רעד מען נישט פון נעבעכ'דיגע בחורים וואס איז מעגליך די וואלסט נישט געוואלט זיין אין זייער חבורה. געפילשע שוועריקייטען קענען אסאך מאל קומען דווקא פון קלוגשאפט, און דא קומען אסאך געלונגענע בחורים וואס די וועסט דיר מחיה זיין צו זיצן מיט זיי.

ווייטער פאר דער וואס פלאגט זיך דערמיט ווילן מיר זאגען דארפסט נישט מורא האבן אז יעדער גייט זעהן דיינע פראבלעמען, ס'איז געווענליך עפעס וואס קיינער זעהט נישט נאר די מענטש אליין, און ווען מ'גייט אדורך אונזערע קלאסן קריכט מען אויטעמאטיש ארויס דערפון בעז"ה אן דארפן זאגען פאר איינעם א ווארט איבער דעם.

און פאר די עלטערן וויל איך זאגען אז ס'איז מעגליך אז מ'זאל האבן פעיר פרעשור, 'ווער גייט זען, ווער גייט וויסן, אפשר וועט מען טראכטן אז ער האט א פראבלעם, אפשר וועט עס שאטן צו שידוכים', איך וויל זיי זאגען אז ב"ה פונקט פארקערט, די וואס ארבעטן אויף זיך, מען טוישט זיך מ'בויעט זיך אויף, שיקט אים דער אייבערשטער דער מזווג זיווגים א העכערע און בעסערע זיווג, קיינער קען נישט אין דעם אריינרעדן, ס'איז נאר דער באשעפער אליין, און דער באשעפער קוקט, לויט ווער ס'האט געארבעט אויף זיך, ווי סאך ער האט געארבעט אויף זיך, ווי גוט ער האט זיך ארויפגעארבעט.

**אפילו מצויינים שבמצויינים קענען פארנאכלעסיגן די וויכטיגע פונקטן פון מידות טובות וואס פארלאנגט זיך קריטיש ס'זאל זיין אויפגעבויט און אוועקגעשטעלט בעת מען שטעלט אויף א אידישע שטוב,**

רבותי, מיר זעען עס, די וואס זענען דא געווען זענען אנגעקומען צו די שענסטע שידוכים און אויפגעשטעלט די שענסטע שטיבער ב"ה, עד אין לשער.

אודאי טוט מען די השתדלות ס'זאל זיין קאנפידענשל, די אייגענע חברים ווייסן נישט ווען א בחור גייט, דאס מוזן מיר סיי וואו טון אפילו ווען א בחור האט נישט קיין פראבלעם, און איז מסכים אז יעדער זאל וויסן ווייל ס'איז א גוטע זאך, ארנדזשירן מיר אז מ'זאל נישט מיטיילען מיט די חבירים, צוליב ווייל די קומענדיגע בחורים וואס גייען אנקומען זאלן נישט פילן אז מ'גייט זיי באהאנדלען ביי די קומענדיגע פרישטיגס אין ישיבה.

און פאר די וואס קומען אויך און זעהן יא ווער נאך ס'קומט, איז דאך זיכער נישטא קיין בושה, ווייל ער קומט דאך פונקט אזוי ווי דער וואס קומט, און וויבאלד יעדער קומט צוזאמען מיט'ן זעלבן ציל איז עס נישט קיין שום בושה, און פארשטייט זיך אז זיי געבן נישט ארויס קיין נעמען.

ב"ה ס'קומען נאר ווואילע גוטע בחורים, פון דרגה בינוני און ארויף, בחורים וואס זוכן תכלית און ערנסטקייט, א שוואכערע בחור קומט נישט דא, וואס א יאר שפעטער זעהן מיר אז די שוואכערע בחורים געפינען זיך נישט דא - שוואך אין יראת שמים רעדן מיר - זיי האבן וואס צו טון בין הזמנים, ליידער די טעקנאלעדזשי וועלט איז אפען בין הזמנים אויפ'ן גרעסטן פארנעם ווי קיינמאל בעפאר, ליידער ליידער.

דא קומען ערנסטע וואוילע בחורים וואס ווילן זיך אויפארבעטן זייערע תכונות און ווילן שטייגען אויף א העכערע און בעסערע דרגא, און עס ווערט דעליווערט, היינט צוטאג איז די הצלחת החיים בין הזמנים קלאסן ברייט באוואוסט אז דאס ווערט געגעבן אונטער די הסכמה והשגחה פון שאצער רב שליט"א, און איז צוזאמגעשטעלט געווארן רוב רובו דורך די מהלכים פון זיינע בארימטע באוויסטע שיעורים פון שיעורי מנוחה און שיעורי שליטת הדעת, שיעורי הדרכה למדריך, מ'געט אריין די קלארע אנווייזונג פאר די בחור ווי אזוי מען ארבעט אויף א תכונה פון א' ביז ת'.

די מהלך קען דער בחור נוצן פאר אלע סארט תכונות, דאס איז א פאסיגע מהלך פאר אלע סארט טוישינגען וואס א מענטש דארף מאכן, יעדע בחור נוצט עס פאר זיינע טוישינגען וואס ס'פעלט פאר אים אויס צו מאכן, וואו למשל קענען צוגיין זיך פארשאפן חברותות, קענען אפזאגן וועלכע חברותא ער וויל נישט האבן, אויב ער לויפט אים צו סאך נאך; צי ס'איז די קאנטראל וויפיל זיך צו זארגן און וויפיל זיך נישט צו זארגן, מען דארף זיך אמאל זארגן און מען דארף זיך אמאל נישט זארגן, ווי סאך, ווי ווייניג; צו די גאנצע וועג פון האבן גוטע קשר מיט די ארומיגע, מיט חברים, מיט ברידערס און שוועסטערס; צו זיין מער פלייסיגער און ערלעדיגן זיינע זאכן, נישט זיין פארשלעפט און נאכגעלאזט, און מער געשיקטער.

מען דארף נישט זיין אין עפעס גאר גרויסע פראבלעם אז מען זאל דא קומען, פונקט פארקערט, א סטאבילער בחור האט פון די קלאס די מערסטע בענעפיט. אין פאל דער פראבלעם איז יא גרויס מוז מען האבן פארשידענע הקדמות און הכנות און פערזענליכע ארבעט וואס ווערט צוגעשטעלט דורך א עקסטערע אפיס וואס הייסט "מכון עזר לנפש", וואס דאס איז געמאכט פאר פריוואטע הילף. די נומער צו רופן די אפיס איז .718.298.2388

א סטאבילע און מצוין בחור, און אפילו א מצוין שבמצוינים בחור, קען זיין אז אין די נושא פון לערנען איז ער מצוין, אבער אין אנדערע ענינים האט ער וואו צו שטייגן און צו וואקסן, די קלאסן וועלן זיין די בעסטע פאר אים, ווייל דא וועט ער נישט פילן ארופגעקלאפט, ווייל ער גייט צו עפעס פריוואטע הילף, פונקט פארקערט, ער פילט מורא'דיג געהויבן און חשוב צווישן אנדערע גוטע געלונגענע בחורים מיט וועם ער טרעפט זיך דארטן, און יעדע בחור וואס האט געמיינט ער וועט זיך טרעפן מיט עפעס ווייס איך וועם, ווערט געכאפט און א סורפרייזט נאכ'ן קומען די ערשטע מאל.

די וועג ווי אזוי מען שרייבט זיך איין איז, אז איר גייט יעצט תיכף ווען איר ליינט די שורות רופן ווי שנעלער ווייל ס'נעמט צייט, אמאל דארף מען זיך צוגרייטן פאראויס כדי די קלאס זאל האבן די בעסטע עפעקט און די בעסטע בענעפיט, צי מיט א געוויסע שיעור וואס מען הערט קודם אויפ'ן טעלעפאן, צי מיט א געוויסע פריוואטע הילף, מימלא איז דאס רופן די ערשטע מינוט וויכטיג.

אמאל איז דא א פאל אז די עלטערן ווילן טאקע דער בחור זאל גיין, אבער דער בחור איז נאכנישט גרייט, איז דא ספעציעלע מהלכים ווי אזוי מען העלפט אים ווערן גרייט, מען מאכט ער זאל פארשטיין וואס דאס איז, און דאס נעמט צייט און אזא פאל דארף מען זיכער תיכף רופן, ווייל די צייט גייט פארביי און מען פארלירט נאך א זמן פון עבודת האדם עבודת הנפש, אנשטאט מ'זאל שטייגען מיט דאווענען און לערנען און מידות טובות יעדע יאר פון די בחור'שע יארן, ווערט פארלוירן גרויסע שטיקער פון זיין לעבן, ווי מער א העכערע דרגה א בחור גייט ארויף אלץ בחור, מיינט עס שפעטער גאר אסאך מער און סאך העכער.

און צוליב דעם גייט פארקומען די קומענדיגע נעכט ספעציעלע מעמדים וואו עלטערן קענען אריבערקומען לעבעדיג און זען וואס מיר טוען, און זיכער מאכן אז דאס איז א גוטע פלאץ, און מער דערטאפן אויב זיי ווילן אז זייער זון זאל זיך באטייליגען און אונזער פראגראם, ס'איז

**איי וואו ווייטאגליך איז די געפיל, מיין טאטע האט נישט קעיר גענומען פון מיר, מיין טאטע האט געהאלטן אז איך טרייב איבער...**

אינו דומה שמיעה לראיה און ווען מען זעט דאס, האט מען די ריכטיגע אפמאך וועגן דעם.

הונדערטער עלטערן וואס האבן שוין געשיקט זייער בחור במשך אין די פארגאנגענע יארן זענען גרייט סיי ווען מען זאל זיי רופן פרעגן איבער זייער גוטע אינפארמאציע וואס זיי האבן איבערצוגעבן וועגן די קלאסן, זיי זענען גרייט מיטצוטיילן ווי ווייט זייער בחור איז אנגעקומען, ווי ווייט ער האט זיך געטוישט און אויפגעבויט א דאנק די קלאסן, און אויב איז דאס וואס די עלטערן ווילן קענען מיר געבן דירעקטע נומערן.

און אויב א בחור איז דער וואס ליינט די שורות און ער פילט אז, יא ער וויל זיך נעמען ארבעטן אויף זיך, ער וויל באקומען די וועג פון ווערן א אויפגעבויטע בחור, און ער האט שוועריגקייטן למשל ווי אזוי עס צו זאגן פאר'ן טאטן, אדער צו מאכן פאסירן, קען ער אויך רופן די אפיס 845-232-1079, מען דרוקט נומבער 4, און מיר וועלן אים העלפן, מיט די הסכמה פון שאצער רב שליט"א קענען מיר רעדן צו א בחור ווי אזוי ער זאל רעדן צו זיין טאטע, צו מסביר זיין וואס איז די מהלך פון שאצער רב שליט"א צו בויען א בחור.

און די זעלבע זאך פארקערט, להשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבות, עלטערן וואס ווילן רופן צו זען ווי אזוי מען קען מאכן זייער בחור זאל פארשטיין די מהלך, וועלן מיר בעזר ה' העלפן ס'זאל פאסירן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל האבן אסאך הצלחה מיט די חשובע קינדער, און אויב מיר וועלן זיין די גוטע שליח וועלן מיר עס פרובירן צו טון מיט די בעסטע כוחות בעז"ה.

דעת קנית מה חסרת



# דרשה פאר בחורים

**ע"י הר"ר יעקב יצחק שטיינמעטץ שליט"א,**

**איבערגעגעבן פאר בחורי הישיבות**

אין באגלייטונג פון עלטערן און מגידי שיעור

# שאך-מאט מיט די שוועריגקייטן

# געווינט אייער לעבן!



ברוכים הבאים פאר אלע חשוב'ע בחורים, חשוב'ע עלטערן, מגידי שיעורים און פריוואטע מלמדים, וואס האבן גענומען זייער צייט ווען ס'איז נישטא קיין ישיבה, און זענען געקומען דא אויפן ליין, צו מיטהאלטן לעבעדיג דעם פראגראם היינט, וואו מען וועט אויסשמועסן די מעלות פון א בחור, וואס וויל זיך נעמען ארבייטן אויף זיך, וואס וויל ווערן אביסל העכער פון זיין געוועגליכע סדר היום, וואו ווייט און וואס אלץ ער קען אנקומען.

און עקסטערע ברוכים הבאים פאר די חשוב'ע מגידי שיעורים וואס זענען געקומען דא אויפן ליין, כדי צו קענען איבערגעבן פאר די בחורים אין זייערע כיתות, וויאזוי זיי קענען ווערן בעסער אין זייערע ענינים, וויאזוי זיי קענען שטייגן, וויאזוי זיי קענען בעסער צוהערן זייער אייגענעם מגיד שיעור, און אויספירן זיינע הדרכות אויף למעשה.

ווי אויך אן עקסטערע באגריסונג פאר די חשוב'ע עלטערן וואס זענען דא אויפן ליין, מיטן ציל צו הערן וואס קען זיין א גוטער תכלית פאר מיין בחור, וועלכער וויל ווערן בעסער, ער וויל שטייגן, אבער ער וויל נאר וויסן דעם וועג וויאזוי.

און ווי אויך א באגריסונג באזונדער פאר די פריוואטע מלמדים וואס זענען דא אויפן ליין, ווייל זיי ווילן הערן וואס זיי קענען עצה'ן זייערע תלמידים, וויאזוי זיי קענען ווערן בעסער און חשוב'ער, און וויאזוי זיי קענען שטייגן אין העכערע דרגות.

## א ווארט צו די בחורים

ראשית דברים, וויל איך אבער רעדן צו די בחורים, פאר וועמען דער היינטיגער שיעור איז בעיקר געמאכט:

א בחור וואס איז יעצט דא אויפן ליין איז מעגליך נאר געקומען צוליב נייגעריגקייט, ער האט שוין אזויפיל געזעהן שרייבן וועגן די שיעורים, ער האט שוין אזויפיל געהערט פון בחורים וואס זאגן דערוועגן לכאן ולכאן, האט ער געטראכט: וואס דארף איך הערן פון בחורים פון צווייטע האנט - ספעציעל ווען זיי זענען מעגליך קיינמאל נישט דארט געווען, קען זיין ער זאגט נאר זיין אייגענע מיינונג, אן קיין שום שייכות צום מציאות, לאמיר עס אליין הערן פערזענליך, ממילא איז ער דא אויפן ליין, כדי צו קענען הערן מיט די אייגענע אויערן.

א צווייטער בחור קען זיין וואס איז דא אויפן ליין, ווייל ער האט שוין לאנג געוואלט טון דעם שריט, צו אנהייבן ארבייטן אויף זיך כדי צו ווערן א בעסערער בחור, ער האט נאר געזוכט דעם מהלך וויאזוי, און יעצט איז ער געקומען צום באשלוס אז לויט ווי ס'זעט אויס, און לויט ווי ער הערט נאך די לעצטע יארן, איז אזא ארגאניזאציע וואס גייט שוין אן יארן מיט הצלחה ב"ה, און מען לייגט אלץ צו נייע זאכן, און מען טוט אלץ אויף מער און מער, דארף צו זיין די ריכטיגע פלאץ און האט די קוואליפיקאציע מיך אויסצולערנען וויאזוי צו ווערן מער מוצלח'דיג אין מיין לעבן, און ווערן א בחור וואס איז מוסיף והולך, דהיינו ער נוצט אויס זיינע כשרונות וואס דער אייבערשטער האט אים געשאנקען, און האט א ברייטע בליק

אויף זיין לעבן ווייסט וואו איין און וואו אויס, און ועוד ועוד וואס אלץ מען קען בעסער ווערן.

אט די אלע בחורים, נישט קיין חילוק פאר וועלכע סיבה זיי זענען דא, ווען זיי לכאורה מיט די זעלבע ציל ארויסגיין פון דא היינט נאכט. ס'וועט זיך ביי זיי אנצינדן א געוויסע פונק טיף אין הארץ, צו טראכטן און קלערן: פארוואס זאל איך טאקע נישט אנהייבן ארבייטן אויף מיר, פארוואס זאל איך נישט וועלן ווערן א בעסערער בחור?!... כאטש איך בין א צופרידענער בחור, אבער בין איך טאקע צופרידן איבעראל? בין איך צופרידן ווען מיין עלטערער ברודער, און אוודאי מיין יונגערער ברודער, באקומט א גרעסערע און שענערע מתנה, אדער מער חנוכה געלט פון מיר? בין איך טאקע צופרידן ווען מען קויפט אינדערהיים א נייע בעט, און מיין יונגערער ברודער באקומט עס, און איך האב די אלטע בעט? אדער אפשר בין איך נאר צופרידן ווען ס'קומט צו תכלית'דיגע זאכן, וואס דאס איז דאך דאס מערסטע נוגע פארן עתיד פון מיין לעבן?... פלוצלינג ווערט דארט ביי מיר א מין בטחון און א צופרידנקייט!... וואס איז דאס?! איז דאס נישט אפשר א חלק פון מיין שוואכקייט, אז אין צוגאב צו די זאכן וואס איך דארף אלס אויסארבייטן, האב איך נאך דעם פראבלעם אויך, אז איך בין צופרידן מיט מיינע פראבלעמען?..

פאר אזא בחור קען מען זאגן, אז די אויפטוה פון די היינטיגע שמועס זאל דאס טאקע זיין, אז דו זאלסט ווערן אומצופרידן פון די דרגא וואס דו ביסט געווען ביז יעצט, און אנהייבן צו האבן א שאיפה און א ציל צו וועלן זיין בעסער און חשוב'ער פון דעם!

## און וואס ביסטו טאקע? וויאזוי ווערסטו באטראכט אין דיין ישיבה?

זאל יעדער בחור זיך אליין פרעגן: וואס איז מיין סטאטוס אין ישיבה? איך הייס א שוואכער בחור, איך הייס א בינוני, אדער איך הייס א מצוין?!

איך גיי נישט אריין וואס מען איז טאקע, לאמיר קודם זען וואס מען הייסט.

## דער שוואכער בחור

אויב דו הייסט א שוואכער בחור... ביסטו צופרידן פון דעם? ווילסטו בלייבן מיט דעם נאמען? ווילסטו אלעמאל הייסן א שוואכער בחור? ווילסטו דיך ארומדרייען מיט אנדערע שוואכע בחורים? דו זעהסט עס אלס א גוטער עתיד פאר דיין לעבן, ווען דו גייסט ווערן עלטער אויפן זעלבן וועג? אדער דו טראכסט: ווען איך וועל ווערן עלטער, וועל איך שוין דעמאלטס קעיר נעמען דערפון?!

דו האלטסט אז די אלע וואס האבן נישט קעיר גענומען אין די בחורישע יארן, און זענען געבליבן שוואכע בחורים, האבן נישט אזוי געטראכט ווען זיי זענען געווען אזוי אלט ווי דיר? זיי האבן אויך אזוי געטראכט. און וואס איז געשען צום סוף, ווען זיי זענען געווארן עלטער האבן זיי ווייטער אזוי געטראכט, אז שפעטער וועט מען עס מאכן, און זיי האלטן נאך אלץ אינמיטן אזוי טראכטן.

אין די אנדערע זייט איז געווען אן אנדערער בחור, וואס האט געמאכט אן אנדערן חשבון: ווי לאנג גיי איך אזוי טראכטן, נאך א יאר? האלטסטו טאקע אז א יאר ארום גיי איך ווערן בעסער? פארוואס זאל איך נישט אנהייבן צו ווערן יעצט שוין בעסער! אדרבה, לאמיר עס אויספרובירן! לאמיר שוין יעצט אנהייבן! און אויב איך קען נישט יעצט אנהייבן, וויאזוי גיי איך א יאר ארום יא קענען?!...

## גלייבט איר אז פארגאנגענעם זמן...

גלייבט איר אזא זאך אז פארגאנגענעם זמן זענען בחורים זיך צוזאמגעקומען וועכנטליך אויפ'ן טעלעפאון און אויסגעשמועסט וואס זיי זענען בעסער געווארן אין ענינים ווי לערנען ברצופות; מער חשק צום לערנען און דאווענען; אנקומען מער מקצועות; בעסער אינזין געהאט דעם דאווענען; באקומען נייע חברים; זיך אויסגעקומען בעסער מיט חברים; אויפגעשטאנען גרינג גאר פרי ליל שישי און סיי ווען מ'האט געוואלט אין אנדערע צייטן; און אין די זעלבע צייט האט מען אויסגעניצט דעם צוזאמקום אפצומאכן נאך א בעסערן פלאן אויף דעם פאלגנדן וואך.

און די רעדע איז דווקא פון פיינע וואוילע בחורים וואס אמאל טאקע צוליב זייער התמדה, ערליכקייט און מדות טובות זעען זיי נישט וואו זיי קענען ווערן בעסער, אבער דורך די ריכטיגע מהלכים און קוראזש וואס זיי געלערנט ביי "הצלחת החיים" זענען זיי געוואר געווארן אז מ'קען יא כסדר שטייגן מעלה מעלה.

אן א שיעור מיט הצלחות אויף ארויף וואס מ'האט געהאט איבערן זמן אדאנק די שיעורי "הצלחת החיים" וואס זיי זענען דורך בימי בין הזמנים, וואס האט זיך נישט געענדיגט נאכ'ן קלאס, די בחורים זענען געבליבן גרופירט, מ'ארבייט ווייטער מיט די בחורים און אויסשמועסן זייער הצלחות, זעהן וואו זיי זענען בעסער געווארן, און זאלן אויספירן וואס זיי האבן געלערנט ביי די קלאסן.

וואלט איר נישט געוואלט זיין אין אזא חבורה אלס בחור? וואלט איר נישט געוואלט אייער זון זאל אריינקומען אין אזא חבורה דעם קומענדיגען זמן? אויב די ענטפער איז יא: דאן נעמט שוין שריט. רופט שוין אריין די "הצלחת החיים" קלאסן, וואס וועט אצינד ווידעראמאל פארקומען דורכאויס די ימי בין הזמנים, און זיי וועלן דערנאך קענען ממשיך זיין מערערע מאל אויפן טעלפאון צו שטייגן כסדר ווייטער און ווייטער.

## דער בינוני בחור

ס'קען דא זיין איינער וואס איז א בינוני בחור, און ער איז נישט אזוי באקוועם דערמיט, ער ווייסט אז זיין פלאץ באלאנגט צווישן די מצוינים, און ער זוכט טאקע א וועג אנצוקומען צום העכערן ראנג, דערפאר קומט ער אהער דא אויפן ליין, כדי צו געפונען דעם ריכטיגן וועג.

אבער עס קען א בינוני וואס איז איינער וואס איז יא רואיג אויף זיין פלאץ, ער איז אפילו צופרידן דערמיט; ער פארהערט זיך וואס מען מוז, ער לערנט וויפיל מען מוז, און קען דאס וואס מען מוז. ער דאווענט וויפיל מען מוז, און אלעס גייט לויטן זעלבן חשבון, צו נאכקומען וויפיל מען מוז זיין. וואס געשעהט און אזא פאל, אז ער פארלירט מעגליך גאנצע דרגות און כשרונות וואס ער וואלט געקענט אנקומען, ווען ער גייט ווען ארויס פון זיין גרעניץ; פון וואס מען מוז, צו דאס וואס ער וואלט געדארפט וועלן, צו דאס וואס ער וואלט געקענט.

אין צוגאב צו דעם, דער גדר וואס מען מוז איז געווענליך נאר א פאר יסודות: למשל וויפיל מען דארף לערנען, וויפיל מען דארף דאווענען, וויפיל מידות, ס'איז באגרעניצט לויט וויפיל מ'פארלאנגט. - אבער ס'איז דא נאך הונדערטער זאכן וואס דו דארפסט אליין טון, אויב דו ווילסט האבן א גוט לעבן בעזר ה', במשך פון די קומענדיגע 80-90 יאר, און נאך לענגער אויב משיח קומט - וואס דעמאלטס איז דאך עד אין שיעור ווי לאנג מען גייט לעבן, אויב וויל מען האבן א הצלחה'דיגע לעבן סיי בזה און סיי בבא, איז נאך דא א לאנגע ליסטע פון זאכן, וואס אויף די מינוט זעהט נישט אויס אז מען מוז, עס זעהט אויס אז מען קען פארקוקן דערויף, אבער שפעטער האט מען חרטה; געוואוסע זאכן וואס אלץ בחור האט מען נישט געמוזט, קומט ארויף שפעטער אויף גאר א שטארקע ווערסיע פון שוועריקייטן, פאר זיך און פאר די ארומיגע. און פארשטייט זיך, ווען די ארומיגע האבן שוועריקייטן, מיינט עס אז דער מענטש אליין האט אויך שוועריקייטן...

דערפאר שטעלן מיר אים פאר א פלאץ וואו ער זאל זיך עפענען, און אנהייבן זעהן וואס נאך ער וויל, און וואס נאך ער וואלט געוואלט וועלן; אונזערע קלאסן און טעלעפאן ליניעס זענען ב"ה אויסגעשטעלט אויף אזא פארנעם, אז מען עפענט אויף א רייע געדאנקען, וואו דער בחור קען אלץ וואקסן, און וויאזוי ער קען אלץ וואקסן.

גאנץ אפט איז די באגרעניצונג וואס א מענטש אדער א בחור האט ארויפגעלייגט אויף זיך, פשוט געקומען פון יאוש... - יאוש? חס ושלו', ווער האט יאוש? - אבער צוליב די צענדליגער מאל וואס ער האט פרובירט ער זאל ווערן בעסער, און ס'האט נישט געארבייט, פרובירט ער מער נישט. אט דאס מיינט יאוש. ווייל פארוואס פרובירט ער מער נישט, ווייל ער האלט אז וועט עס שוין נישט מאכן. אויב אבער וועט מען אים געבן עצות און מהלכים אין די האנט, וויאזוי ער זאל עס יא קענען מאכן, וועט די יאוש אויטאמאטיש פארשוואונדן, ספעציעל ווען מ'לערנט אים א וועג וויאזוי נישט אויפצוגעבן, און וויאזוי נישט צו פילן שלעכט נאכן אדורכפאלן; וואס די שלעכטע געפיל מאכט ער זאל נישט נאכאמאל פרובירן, ווייל אפשר גייט ער נאכאמאל אדורכפאלן.

און אוודאי פארן בינוני בחור, וואס האט יא חשק צו ווערן א מצוין, ער פארשטייט אז טוב שם טוב משמן טוב', און כתר שם טוב עולה על גביהן', כאטש ער ווייסט נאך נישט די טיפקייט פון די ווערטער וואס מיינט שם טוב, אבער עפעס ווייסט ער יא, און ער פארשטייט אז מיט'ן שטייגן און וואקסן וועט ער האבן א גוט לעבן בזה ובבא, איז זיכער זיין פלאץ צו קומען דא מיטהאלטן מיט אונזער חבורה, וואס וועט אים אויסלערנען די וועגן וויאזוי מען קומט אן דערצו, און וויאזוי עס אויסשפרייטן און אנקומען צו אן אויסוואל פון מדריגות וויאזוי א בחור איז, אז ער זאל קענען פון דארט ארויפגיין העכער און העכער

ס'איז נישט קיין שווערע זאך צו ווערן א מציון, איינס פון די זאכן וואס אונז לערן מיר אויס די בחורים איז: נעם איין זאך שטארק און פעסט, וועט עס דיך ארויפרוקן אויפ'ן לייטער, און נאכדעם וועט דיר שוין זיין גרינגער די אנדערע זאכן מיטצוגיין!

## דער מצוין בחור

און צו דעם מצוין וואס זיצט דא אויפן ליין און הערט זיך צו, און ער טראכט: איך בין ב"ה פון די מצויינים - דער אייבערשטער זאל אים אודאי העלפן ווייטער - וואס קען מיר אים דא צוגעבן?'

דער מצוין, קען זיין ער איז א מצוין צוליב א געוויסע זאך וואס ער טוט, למשל צוליב זיין לערנען, אדער צוליב וויאזוי ער דאווענט, אז ער האט באקומען דעם נאמען: מצוין! - ווייל ס'איז דא געוויסע זאכן וואס ווען א מענטש טוט עס זייער גוט, גיט עס אים א גוטע נאמען צוליב דער דאזיגער זאך אליין; כאטש וואס ס'איז פאראן א מעגליכקייט, אז אין אנדערע זאכן איז ער נישט אזוי ספעציעל.

אזוי, אז ס'קען זיין אז מען הייסט טאקע א מצוין, אבער ס'איז דא אסאך אנדערע זאכן וואס זענען פארנאכלעסיגט, וואס אין א צייט שפעטער, אויב די זאכן וועלן נישט פארראכטן ווערן, איז ער אויס מצוין.

יעדער איינער ווייסט, אין חדר זענען געווען אסאך געלונגענע יונגלעך, וואס האבן באקומען די גאלדענע כתבים, און עפעס איז געשעהן ביי זיי אין די בחור'ישע יארן, אז זיי זענען געווארן אויס געלונגען. איינער ווייסט פארוואס? - מען שטייט און מען טראכט און מען זוכט פארוואס דאס איז געשעהן. ס'האט זייער אסאך סיבות, א יעדע מעשה קען האבן אן אנדערע סיבה, פארוואס ס'איז אזוי געווארן.

מען קען למשל אנווייזן צוויי דריי סיבות, כדי אויב איינער פון די צוהערערס האט עס מיטגעמאכט, זאל ער זיך אליין טראכטן וואס איז געווען ביי אים:



אויב דאס יונגעל איז געווען א מושלם אין איין נושא, און צוליב דעם איז ער געווארן אין חדר א מצוין, אבער אין ישיבה האט מען געדארפט זיין א מושלם אין דריי צו מערערע נושאים למשל, און וויבאלד ער האט זיך נישט צוגעשטעלט דערצו, איז ער געווארן אויס מצוין, און ממילא האט ער נאכגעלאזט אלע אנדערע זאכן אויך.

נאך א שטארקע סיבה וואס קען זיין, אז וויבאלד אין ישיבה האבן זיך זאכן שטארק געטוישט, אסאך מאל נאטורליכע טוישינגען, פשוט א יונגעל ווערט א בחור, אדער פון מכינה לישיבה גייט מען אריין אין ישיבה, וואס ברענגט אויך א גרויסע טויש, אדער מעגליך צוליב די ארומיגע, אז אנדערע בחורים האבן אנגעהויבן מער מצליח זיין (אסאך מאל צוליב דעם בחור'ס אייגענע תפילות, אדער די עלטערנ'ס תפילות, אפילו ס'איז נישט געווען קיין ספעציעלע אנשטרענגונג, ס'איז נאר געווען א נס) אבער לכבוד דעם, ווערן די אנדערע וואס זענען געווען מצוינים ביז היינט געלייגט אין שאטן, זיי פילן פלוצלינג אז יענער שטייגט זיי איבער, און יעדער קוקט יעצט ארויף יענעם, אלץ דער וואוילער בחור.

און גראדע איז דא א חילוק פון דער בחור וואס איז געווארן אויסגעארבייט אין די בחור'ישע יארן, און איז געווארן א וואוילער בחור ווען ער איז שוין געווען אביסל ערוואקסן, אז אזא איינער איז אסאך מער אויסגעארבייט, און איז אוועקגעשטעלט אסאך שענער, ווי איינער וואס איז געווען וואויל נאך פון די יונגעלישע יארן.

פארוואס? - ווייל זיין פיינקייט איז מעגליך געווען אויפן קינדערישן וועג צו הייסן גוט און וואויל, און ער איז נישט גענוג געווארן בעסער לויט די ערוואקסענע בחור'ישע באגריפן, משא"כ דער וואס האט געארבייט אלס בחור, האט עס שוין געטון מיטן בחורי'שן שכל.

אוודאי איז דא וואס זענען געווען גוט אלס קינד, און זיי זענען נאך אלס אין דערהייער אין די בחור'ישע יארן, אבער דאס איז נאר טאמער זיי ארבייטן ווייטער אויף זיך.

אונזער בחור האט נישט געארבייט אויף זיך, און אינמיטן איז געקומען א צווייטער, און האט יעצט אנגעהויבן מיט א פרישקייט, איז ער אנגעקומען אסאך העכער. - ממילא וואס געשעהט איז, אז דער בחור וואס איז געווען אלעמאל ביז היינט גוט, פאנגט אן צופאלן.

און דאס קען געשעהן סיי ווען אין די בחורישע יארן, וואו למשל ווען מען גייט אריין אין א נייע ישיבה אדער אין ישיבה גדולה, קען געגעהן אזא קראך, קומען צו די שיעורים מיינט זיך באהיטן די בעסטע מעגליך פון די אלע פראבלעמען.

סך הכל דאס זיך אויסלערנען צו ארבעטן אוף זיך כסדר, וועט אהער שטעלן דעם שוואכן פאר א בינוני, דער בינוני פאר א מציון, און דער מציון פאר א מציון שבמציונים, ולכל הפחות ער זאל נישט ווערן אויס מציון.

## דער שווערער געפיל פון קנאה

און אז מ'רעד פון סיבות וואס שלעפן אראפ מענטשן פון זייערע דרגות, פארגעסן מיר נישט פון נישט פונעם גרעסטן סיבה, וואס דאס איז קנאה, דהיינו ווען מ'זעהט א צווייטער שטייגט איבער מער פון מיר מ'ווערט פארקלעמט און דאס איז תחילה לכל פרעניות.

אויב וואלט מען כאטש שוין געהאט אויפגעארבעט די איין זאך, דער נושא פון פילן א חשיבות אינעווייניג אין הארץ אויף זיך, וואס זאל נישט זיין געוואנדן אין דעם וואס יענער זאגט. ס'זאל נישט זיין געוואנדן אין זאכן חוץ פון אים, נאר זאל זיין געוואנדן אין זיך אליין. וואלט עס אים נישט גורם געווען קיין קנאה, צו מקנא געווען דעם צווייטן וואס ווערט יעצט געשעצט, און ממילא, ווייל יענער ווערט געשעצט, שטעלט ער אים אין שאטן.

ווען דער בחור קומט צו אונז, סיי טאמער ער איז שוין אראפגעפאלן און איז שוואכער געווארן צוליב נישט קענען יענעם נאכלויפן און מ'האט אויפגעגעבן, און ער וויל יעצט צוריק גוט ווערן, און סיי אויב ער וויל זיך פארזיכערן בעז"ה אז ער זאל נישט שוואכער ווערן צוליב דעם ווייל א צווייטער שטעלט אים אין שאטן, איז דער מהלך וואס מען ארבייט דא, צו הייבן און שטארק מאכן די אינערליכע כוחות פונעם מענטש, די נאטורליכע קוראזש וואס איז דא אינעווייניג אין יעדן בחור. איינמאל דאס איז אויפגעארבעט, איז נישט שייך מער קיין קנאה. ס'האט נישט קיין ארט, און די גאנצע קנאה געפיל ווערט אויס.

דער אמת איז, אז דער פראבלעם פון קנאה געפיל איז עד אין לשער.

וויפיל שווערע מצבים און צרות וואס מיר האבן שוין מיטגעהאלטן, צוליב די שרעקעדיגע ווארט קנאה. די עצם זאך פאר זיך, דער געפיל פון קנאה, איז זייער א ווייטאגליכע מין געפיל. ס'איז דא זייער אסאך געפילן וואס מען קען שפירן, אבער פון די שווערסטע געפילן, איז דער געפיל פון קנאה. דאס עסט אויף דעם מענטש. חוץ די עצם שפור אז ס'פילט שווער און ווייטאגליך, מאכט עס די גרעסטע שאדנס סיי פאר די גייסטישע כוחות פון די מענטש און סיי פאר די פיזישע איברים פונעם מענטש; ממש ס'מאכט די מענטשליכע אברים זאלן צוגיין ח"ו. אוודאי געשעהט עס נישט אין איין טאג, אבער ווען ס'קומט די ערוואקסענע יארן, קען זיך א מענטש פלוצלינג טרעפן מיט שוואכע ווייטאגליכע ביינער, און ער קומט צום דאקטאר כדי צו זעהן וויאזוי דאס איז געשעהן, צי ער איז אזוי געבוירן געווארן, וואס גייט דא פאר. און נישט מער און נישט ווייניגער, ס'שטעלט זיך ארויס אז ס'איז געקומען פון קנאה, וואס ער האט געהאט אויף א צווייטן אלע יארן.

שלמה המלך זאגט עס קלאר אין משלי (יד) ורקב עצמות קנאה, אז קנאה מאכט פארפוילט די ביינער. און ס'איז נישט נאר א שטראף פאר יענע וועלט, לאחר מאה ועשרים, נאר דאס איז א זאך לעבעדיגערהייט, ווען דער מענטש לעבט נאך. און ווער ס'פארשטייט נישט וויאזוי ס'ארבייט אז א געפיל פון קנאה זאל צומאלן הארטע שווערע ביינער, ווייסט ער מסתם נישט אז א ביין וואס א מענטש האט, איז נישט א גאנצע צייט די זעלבע ביין, נאר א ביין ווערט די גאנצע צייט אויפגעפרישט און צוריק באשאפן, און עס ווערט נאכאמאל צוריק באשאפן פונעם כח וואס דער אייבערשטער האט געגעבן פארן מענטש, אויב זענען זיינע גייסטישע כוחות שטארק איז עס א שטארקע ביין. אבער אויב דער כח און גייסט איז שוואכער, צוליב די קנאה געפילן, באשאפט עס שוואכע ביינער אין מענטש, במשך השנים.

און נאך די ערשטע צוויי פראבלעמען פון קנאה: דער עצם שווערער געפיל, און די פיזישע שוואכקייט אין די ביינער, קומט די דריטע זאך: עס מאכט חרוב דעם מענטש, אז נישט נאר ער זאל נישט האבן וואס ער האט נישט, נאר ער זאל אויך נישט האבן וואס ער האט יא! - די יודעי דבר ווייסן, דאס האט צו טון מיט חמדה, מיטן גאנצן מין סיסטעם וויאזוי דער מענטש ארבייט, אז ס'נעמט אוועק אלעס וואס ער האט יא. דאס איז ממש בדרך הטבע, ס'איז נאכנישט קיין שטראף.

וואס מיין איך א שטראף, ביי א שטראף איז דאך דא די מדה של רחמים פון השי"ת, אז ער איז אן ארך אפים, וואסווארט און גיט א געלעגנהייט צו תשובה טון. אבער ביי קנאה איז נישט אזוי, ווייל ס'איז נישט קיין שטראף, נאר ס'געשעהט אויטאמאטיש, בדרך הטבע, גלייך שנעל און געשיקט. מען דארף פשוט האבן א נס, אז ס'זאל נישט געשעהן.

ממילא דער בחור דער מצוין איז באמת איינגעשטעלט צי ער וועט בלייבן דער מצוין. אפילו אויב ער איז דער גרעסטער מצוין אין ישיבה איז ער איינגעשטעלט אז א צווייטער וועט ווערן גרעסער פון אים, וואס וועט ער דעמאלטס טון? -וואספארא מין קנאה וועט ער האבן צו די העכערע פון אים: א קנאה וואס צומאלט אים די ביינער, א קנאה וואס מאכט אים פילן שלעכט, אדער אפשר א געזונטע קנאה, קנאת סופרים תרבה חכמה, א קנאה וואס מאכט אים פילן געהויבן.

דער חילוק פון קנאת סופרים און די אנדערע שלעכטע קנאה איז זייער א דקות'דיגע, מען זאל אליין פרובירן עס מסביר צו זיין, וועט מען זען ווי דקות'דיג ס'איז.

אבער ווען מען האלט דא מיט אין אונזער סיסטעם, אין אונזער חבורה, וואס מען לערנט אויס קלארער וואס מיינט א געפיל, וויאזוי עס ארבייט א געפיל; וואס איז א גוטע געפיל און וואס איז נישט א גוטע געפיל - אויב מען פארשטייט דערצו, וועט מען זייער שנעל משיג זיין וואס די געפיל פון קנאה איז, און וואס איז די געפיל פון געהויבנקייט, פון קנאת סופרים... דאס איז גאר א צווייטע זאך; די ערשטע פילט מורא'דיג ווייטאגליך, און די צווייטע פילט מורא'דיג פרייליך, מורא'דיג געשמאק. די ערשטע גיט אן אראפגעקלאפטקייט, מען האט נישט קיין געדולד צו גארנישט, און די צווייטע גיט אים חשק, עס מאכט אים ער זאל בעסער טון.

וויאזוי מ'מאכט אזוי און אזוי די קנאה, דאס דארף מען זיך לערנען. אויב קען מען עס ווען לערנען אין איין שעה, וואלט איך עס אודאי געטון. - אבער ס'איז נישט אזוי, נאר ס'דויערט שעה'ן אויף שעה'ן. מען דארף אריינגיין אין יסוד פון די יסוד וויאזוי ס'ארבייט, וויאזוי א מענטש פונקציאנירט, וואס ער דארף זיך לערנען, און וויאזוי זאכן ארבייטן... וואס טוט די שכל, וואס טוט די הארץ, וואס טוען די דיבורים, און וואס טוען די מעשים... און אז מען פארשטייט די אלע ענינים פון מחשבה הרגש דיבור ומעשה, קען מען נאכדעם וויסן וויאזוי צו נוצן יעדע זאך ריכטיג.

פארשטייט זיך מען דארף וויסן וואס צו טון מיט די אלע פיר כוחות, וועלכע מעשים צו טון. איינמאל מען ווייסט וועלכע מעשים מ'דארף טון, און וויפיל מען טוט, און אז איינס קומט פאר צוויי, און וואס איז איינס און וואס איז צוויי, וועלכע זאכן זענען וויכטיג, וועלכע זאכן קען מען נישט פארנאכלעסיגן... דעמאלט איז אלעס אנדערש.

## טייערער בחור: דיין הצלחה ליגט דא באהאלטן!

טייערער בחור! יא סאיז אמת בין הזמנים איז דיינס און סאיז געמאכט יעדע לפי דרגתו צו לענרנען אייגענע לימודים אדער זיך אביסול אפצורוען און ערלעדיגען אייגענע זאכן, אבער איזהו חכם הרואה את הנולד,

אויב ווילסטו דעם קומענדיגן זמן קענען אנהייבן מיטן רעכטן פיס, און נישט נאר אנהייבן נאר אויך ענדיגן; אויב ווילסטו האבן א פאזיטיווע קשר מיט דיינע מגידי שיעור און חברים; אויב ווילסטו קענען שטייגן אין לערנען און אנקומען צו דיינע צילן; אויב ווילסטו קענען זיין מער א געבויטער בחור מיט שטארקייט, מיט פעסקייט, מיט רואיגקייט און געשמאקייט, דאן איז דיין פלאץ ביי די שיעורי יסוד והצלחת החיים, וועלכע וועלן פארקומען דעם בין הזמנים, וואו עס וועלן אוועקגעשטעלט ווערן די ריכטיגע געצייג אויף אט די אלע זאכן און אויף נאך פיל מער.

די מעגליכקייט צו מיטהאלטען איז אסאך גרינגער וואו אמאל צוליב ווייל מקען עס אויך מיטהאלטען אפען טעלפאון, און אויב דיינע עלטערן זענען דערווייל נישט מסכים אז דו זאלסט קומען צו די שיעורים, וועט נישט ערמעגליכט זיין דיר אנצונעמען, אבער דאן זיי מתפלל פון טיפן הארצן, אדער אז דו זאלסט יא קענען אנקומען צו די שיעורים אויב עס איז גוט פאר דיר, אדער זאלסט אנקומען צו דיין הצלחה מיט אנדערע מיטלען, אבער אויב דיינע עלטערן זענען יא מסכים ביזטו באמת גליקלעך, און קום מיט חשק.

געדענק! די הצלחה פון דיינע קומענדיגע יארן ליגט אין דיינע הענט, ובחרת בהצלחת החיים!



## די ישיבה

ס'איז ריכטיג אז א בחור קען פרעגן: איך זיץ א גאנצן טאג אין ישיבה, וואו מ'לערנט גמרא, רש"י, תוספות, שולחן ערוך, מוסר, חסידישע ספרים, און מ'הערט אויך אסאך דרשות, אויב אזוי וואס קען מען מיר דא נאך מוסיף זיין?!

דער ענטפער איז:

יא, ס'איז ריכטיג. און ס'זענען טאקע געווען דא אסאך בחורים וואס זענען געקומען פון ישיבות וואו מען האט געלערנט די זעלבע ענינים, די זעלבע נושאים, וואס מען לערנט דא, און מען האט טאקע געקענט זעהן א גרויסע חילוק פון דעם בחור פון די דאזיגע ישיבה, אקעגן די בחורים פון אנדערע ישיבות. און אפילו דער בחור אליין איז אויך געווען א גרויסער חילוק, וויאזוי ער איז געווען בעפאר ער איז געגאנגען אין די דאזיגע ישיבה, און וויאזוי ער האט מצליח געווען נאכדעם.

פונדעסטוועגן, וויבאלד ס'איז דא פארשידנארטיגע ישיבות, וואס יעדע ישיבה האט זיך איר ציל וואס זי לייגט אריין מער: איין ישיבה לייגט אריין כוחות אין שיעור עיון, אין טיפקייט, צו פארשטיין גרונטליך א גמרא; א צווייטע ישיבה לייגט אריין כוחות אין הלכה, צו ענדיגן מקצועות התורה אין הלכה, צו קענען אנקומען צו הוראה; ווידער א דריטע ישיבה לייגט אריין מער אין כמות, אין בקיאות, צו דורכלערנען אסאך בלעטער גמרא. פארשטייט זיך דער וואס לערנט אין די ערשטע ישיבה וועט קענען וואס מ'לערנט אים אויס דארט, און נישט וואס מ'לערנט אין די צווייטע ישיבה, אא"וו.

און ס'איז נישט קיין פראבלעם, אזוי דארף עס צו זיין. פאר סיי וועלכע סיבה דו לערנסט אין דיין ישיבה, צי ווייל דו האסט עס לכתחילה געוואלט, אדער ס'איז נישט געווען דיין רצון, נאר דער אייבערשטער האט אזוי געפירט דורך פארשידענע סיבות, סיי וויאזוי זאלסטו עס אויסנוצן אויפן בעסטן אופן, און זיך אפילו נישט מתמרמר זיין מיט ווייטאג: איך האב ענדערש געוואלט קענען שולחן ערוך, ענדיגן הוראה, אדער קונה זיין מער בקיאות, - ניין... דאס איז דער רצון הבורא, און דאס איז גוט פאר דיר, און נאר אזוי, אויף דעם מהלך, וועסטו מצליח זיין ארויסצונעמען דאס בעסטע פון דיין ישיבה. ווייל אויב נישט, וועסטוביידע נישט האבן.

און יא, דאס איז טאקע איינס פון די זאכן וואס מען לערנט ביי אונזערע שיעורים: די צופרידנהייט מיטן פלאץ וואו מען איז, און עס גוט אויסנוצן. און אפילו אזוי אויך נישט זיין אינגאנצן צופרידן מיט זיך, נאר כסדר וועלן ווערן בעסער. - דאס איז דער ריכטיגער גדר וואס יעדער בחור דארף האבן.

אבער וואס מיר ווילן דא פארשטעלן איז, אז אויב לערנט מען עס נישט אויס אין ישיבה, זע'מיר אונז דא דיר צו געבן דעם כח, אז דו זאלסט קענען זיין א גוטער בחור אין די ישיבה וואו דו ביסט. אין סיי וועלכע פלאץ, סיי וואו א בחור געפונט זיך, זאל ער דארט קענען שטייגן און וואקסן, און אויסנוצן זיינע כוחות פיל שטארקער און בעסער, וויאזוי?

דורך וויסן וויאזוי צו ארבייטן אויף די אייגענע פנימיות, ער זאל זיך אריינלייגן אין זיין אייגענע נפש און עס אויפארבייטן, ער זאל פארשטיין: פארוואס האב איך היינט נישט קיין חשק צום לערנען?! פארוואס האב איך היינט נישט קיין געדולד?! - און איינמאל ער פארשטייט דערצו, זאל ער זעהן וואס ער קען טון יא צו האבן חשק, יא צו האבן געדולד

און לאמיר זיך דא אפשטעלן א מינוט: די דאזיגע עצם איינפיר, אז טאמער דארף איך עפעס טון און איך האב נישט קיין געדולד דערצו, זאל איך מיך קענען ברענגען צום ריכטיגן חשק עס יא צו טון, איז דען פאראן עפעס בעסער פון דעם צו קענען מצליח זיין אין ישיבה?! אדער צו קענען בכלל מצליח זיין אין לעבן?!

דאס זעלבע, אויב זעהט מען אז א חבר שטערט, ער שטייט אין וועג, וויאזוי גיט מען זיך אן עצה? זאל איך מיך גיין קריגן מיט אים? זאל איך אים באזידלען מיט בייסיגע ווערטער? - אזוי צי אזוי איז דאך דאס נישט קיין באַ'טעמ'ט עסק, איז וויאזוי גייט מען ווייטער?!

על כן בואו ונחשוב חשבונו של עולם: אין א ישיבה וואו מען דארף אנקומען אזויפיל מקצועות התורה, וויפיל צייט קען מען דען אוועקגעבן צו מסביר זיין פאר די בחורים, וויאזוי איין בחור זאל האנדלען מיט אן אנדערן בחור?! - און אין געוויסע פעלער איז עס אפילו נישט שייך, ווייל אפילו ווען דער ראש ישיבה זאל מסביר זיין וויאזוי זיך אן עצה צו געבן, וועט דער בחור וואס שטייט אין וועג באלד טרעפן עפעס א נייעם מהלך וויאזוי ער גייט בלאקירן דעם חבר, אפילו מיט די עצות וואס דער ראש ישיבה האט געגעבן, ווייל ער האט דאך עס אויך געהערט.

אויב אזוי, איז דען דא עפעס בעסער פון דעם, אז ער הערט פון א דרויסנדיגע פלאץ א גוטע עצה און מהלך, וויאזוי ער זאל זיך באפאסן מיט דעם בחור, אז ער זאל אים נישט שטיין אין וועג?! - און דאס אלעס אויף אן אופן וואס ער טוט נישט קיין שום עבירה, אין די ענינים פון בין אדם לחבירו, פארקערט ער איז אפשר נאך מקיים א מצוה דורך שכל'דיג אויסגראדן די שוועריקייט וואס ער האט מיט אים.

ווייטער א פראגע וואס קען שטארק רודערן ביי א בחור: ווען מען באקומט א חברותא וואס האלט נישט יעצט ביים לערנען געווג לויט מיין דרגא, וואס טוט מען?!

קען דען א בחור אלעמאל האבן א חברותא וואס לערנט פונקט ווי ער, נישט צו שטאטער און נישט צו שנעלער?! קען מען דען פארזיכערן אז דער חבר לערנט נישט א מינוט מער פון וויפיל איך לערן, ווייל אויב איך לערן נישט, וויל דאך אים דער ראש ישיבה אוועקנעמען אז ווען דער חבר וועט וועלן לערנען זאל ער נישט ווערן געשטערט דורך מיר, און דער חבר זאל אויך נישט לערנען א מינוט וויניגער פון מיר, ווייל דעמאלטס וויל איך דאך לערנען, און איך וויל נישט ער זאל מיך שטערן?!

איז דען בכלל דא אזא בחור אין דיין ישיבה וואס איז פונקטליך די זעלבע ווי דיר, אין אלע נושאים וואס זענען נוגע ביים לערנען? - זעלטן! און אויב יא קענסטו דען לערנען מיט אים א גאנצן טאג פון צופרי ביז ביינאכט? - ניין.

קומט אויס, אז מ'האט פארשידנארטיגע בחורים פאר חברותות, שטאטערע, שנעלערע, וויניגער אינטערעסירט, און מער אינטערעסירט, איז וויאזוי גיט מען זיך אן עצה מיטן חברותא?

דער תירוץ איז: מ'פרובירט דאס בעסטע וואס מעגליך, אבער ווען דו זאלסט האבן די ריכטיגע מהלכים וואס מען לערנט אויס דא אינעם שיעור יסוד הצלחת החיים.וויאזוי צו האנדלען, קען מען ארויסנעמען דאפלט פון די צייט; מ'קען מאכן יענעם לערנען, און מ'קען אסאך מער מצליח זיין ביים לערנען...

ווידער איז פאראן א פראגע וואס אסאך בחורים מאטערן זיך דערמיט: וויאזוי האנדלט מען מיט א ברודער, מיט א שוועסטער, ווען מ'קומט אן אהיים און זיי הויבן אן מאטערן מיט קשיות און פראגעס.

אזא פראגע איז בכלל זעלטן אז א ישיבה זאל זיך באפאסן דערמיט, צו לערנען די בחורים וויאזוי מען האנדלט אינדערהיים. פארוואס? - ווייל דער עיקר ציל פון די ישיבה איז לערנען תורה, יראת שמים און ערליכקייט, און אויף דעם הארעוועט מען די גאנצע צייט, נו זיך אריינלייגען אין אייגענע צייטען אביסול ארבעט זיך צו פארגריגערן די לעבן אינדערהיים, איז נישט קיין שלעכטע זאך.

ובנוסף לזה איז פאראן אזא זאך, צו ארבייטן דירעקט אויפן נפשיות'דיגן חלק פונעם מענטש, אויף זיין פנימיות, ווייל ווען מען ארבייט דירעקט אויף דעם דאזיגן ענין, קומט ארויס דער לימוד מיט גרעסערע רעזולטאטן.

אזוי ווי ס'איז דא א ישיבה וואס ארבייט דירעקט אויף עיון, אדער אויף הלכה, קומט ארויס דער לימוד מיט מער תוצאות, צו קענען אנקומען דורכצולערנען טיפע ענינים בעיון, אדער אסאך מקצועות אין הלכה, דאס זעלבע איז אויך דא, אויב לייגט מען זיך אריין דערין מיט א דירעקטע כוונה, קען מען גאר אסאך אנקומען.

דאס איז אונזער מהלך, וואס אונז טוה מיר דא די לעצטערע יארן, אז בחורים זאלן זיך אריינלייגן אין די ענינים אויף א שטיק צייט.

## א בחור א מתמיד, ווערט געשטערט

און ווען די רעדע איז דא פון א בחור א מתמיד שטאלפערט מען זיך שטארק אן, אז ב"ה דער בחור האט נישט קיין צייט, און איך וויל דא באמערקן: ס'וועט גארנישט אוועקנעמען פון לערנען, מען וועט די זעלבע אנקומען ווי מען איז אנגעקומען ביז היינט. אפילו מ'האט אוועקגעגעבן צייט פאר די שיעור, צוליב די פרישע און שטערקערע חשק מען באקומט פונעם שיעור, און נאך א פאר וואכן וועט מען אפילו מער אנקומען אויך אין תורה והתמדה, ווייל דאס וואס מען לערנט דא ביי אונז וועט אנהויבן צו ארבייטן, אז אפילו ער וועט נאך אוועקגעבן צייט צו הערן דעם שיעור, זאל ער נאך אלץ אנקומען מער אין די שיעורי הישיבה, און אפילו אין זייטיגע שיעורים, וואס ער וועט צולייגן צו דעם וואס ער איז אנגעקומען ביז היינט - א דאנק די הדרכה און אנווייזונג וואס ער וועט באקומען ביי אונזערע שיעורים, וויאזוי התמדה קען ווערן שטערקער דורך בויען זיך מיט די גוטע סארט קוראזש.

און בעזר ה' וועט ער קענען דערגרייכן צו זיין א מושלם נישט נאר אין תורה און יראת שמים, נאר אויך אין בכל מעלות ומדות שמנו חכמים, ווייל די שיעורים, נעמען אריין גאר אסאך וויכטיגע ענינים, וואס מ'לערנט און מ'ארבייט דערויף.

און וויפיל צייט גייט אוועק ווען די בחור איז איין טאג נישט אין די מאד, וויפיל צייט גייט דאן אין מיסט! אים אויסלערנען וויאזוי צו קאנטראלן ווען מ'איז נישט אין די מאד, איז ביטולו זו קיומו.

## האבן אן אחריות

לאמיר נעמען פאר א משל דעם ענין פון אחריות:

א יונגעל האט געווענליך וויניג אחריות, א יונגערמאן האט געווענליך מער אחריות. פארשטייט זיך בייביידע איז אויך דא פארקערט, אבער אין נארמאלע אומשטענדן גייט עס אזוי. - איצט לאמיר זעהן: ווען טוישט זיך עס, פון די יונגעלישע וויניג אחריות צו די ערוואקסענע מער אחריות?

צווישן די בחור'ישע יארן דארף מען זיך טוישן. אבער נישט ביי יעדן איינעם פאסירט עס...

וואס מיינט אחריות? וואס איז די אויפטוה פון אחריות? וואס גיי איך פארדינען טאמער איך וועל האבן אחריות? וויאזוי גיי איך אויסקוקן טאמער איך וועל נישט זיין קיין בעל אחריות? און ווי וויכטיג איז צו זיין א בחור מיט אחריות אויף זיינע ענינים וואס ער האט צו טון סיי ברוחניות און סיי בגשמיות?

אויב נאר דאס אליין צו לערנען, איז שוין ווערד דורכצוגיין די גאנצע קלאס.

## זעלבסטזיכערקייט

בעצם דער געפיל פון זיין מער זיכער מיט זיך; א בחור קען טון זאכן פונקט ווי יעדן איינעם, און קיינער וועט נישט זאגן אז ער איז נישט זיכער מיט זיך, אבער ער אליין ווייסט, אז ער איז נישט אינגאנצן זיכער מיט זיך. ער אליין פילט א שוואכקייט בשעת ער טוט עס, ער פילט א צוריקגעצויגענע געפיל, וואס שטערט אים זייער שטארק: איך טוה דאך וואס איך דארף, און דאך איז דא א מחשבה וואס מוטשעט.

אמאל קען עס זיין דער געפיל פון נעגאטיווקייט, אז יעדע זאך קוקט ער אן מיט א שלעכטע בליק... דערפאר שפירט ער כסדר אז ער לעבט א שווער לעבן, ער האט א שווערע ישיבה, שווערע מגידי שיעורים, וויניג חברים, אא"וו. און די נעגאטיווע געפיל איז זייער נישט באַ'טעמ'ט, עס שטערט גאר שטארק.

אט פאר דעם אליין צו פילן מער זיכער מיט זיך, מער פאזיטיוו, און צופרידן, איז ווערד צו דורכלערנען אונזער לימוד וואס מען לערנט דא אויס ביי די שיעורים.

דער לימוד איז מסביר וויאזוי די געפילן ארבייטן אז מען זאל זיך שפירן צופרידן, מ'זאל פילן פאזיטיוו, אא"וו.

ס'איז נישט גענוג בלויז אז דו הערסט, אדער דו ווייסט, אז ס'לוינט זיך צו זיין פאזיטיוו, נאר מ'דארף בעצם ווערן פאזיטיוו. און דאס איז א גרויסע עבודה

איך וויל זיין פאזיטיוו, דאס איז די ערשטע זאך, מען דארף עס וועלן. אבער וויאזוי בין איך מצליח צו ווערן פאזיטיוו... פאר דעם זענען פאראן מהלכים

פאר דעם איז נישט גענוג בלויז דרשות. פון בלויז הערן א דרשה, 'מען דארף זיין פאזיטיוו' 'מען דארף מער קוקן מיט א גוטע בליק אויף דער וועלט', ווערט מען נאך נישט אזוי. כאטש יעדער ווייסט און גלייבט



אז דער אייבערשטער איז דער מקור הטוב, און ער האט באשאפן די וועלט, האט ער אודאי באשאפן א גוטע וועלט. און דו אליין ביסט אויך א חלק פון זיין גוטע וועלט... - אבער ביז מ'זאל טאקע שפירן אזוי, ס'זאל זיין אין די ביינער, פאדערט נאך אסאך ארבייט.

אבער מיט אן אויסגעשטעלטע סעריע, ביי וועלכן די זיבעטע שיעור האט א שייכות מיט די צווייטע, און די 9'טע מיט די 7'טע, און אזוי ווייטער, וואס אלעס האט א קשר צום ציל וואו מ'וויל אנקומען, צו ברענגען די בחורים צו זיין במציאות מער פאזיטיוו מיט זיך, מער זיכער מיט זיך, און מער אחריות'דיג - אט אזוי קען מען בעזהשי"ת דערגרייכן.

## שמחת החיים

און וואס איז מיט אומעטיגקייט; וויפיל מאל קען מען פילן אזא אומעטיגקייט, מ'שפירט זיך אראפגעקלאפט, ביז אז מ'האט נישט קיין אפעטיט צום לעבן. ווייל עס פעלט אביסל שמחה, אביסל פרייליכקייט, אינעם בחור. - כאטש ס'מוז נישט ארויסשיסן אין אלע זייטן, אבער אינעווייניג אין הארץ דארף מען יא פילן מער אויפגעלעבט.

און מען קען זעהן במציאות, אז אין א טאג וואס מען איז מער גוטמוטיג, קומט מען אן מער און בעסער דעם שיעור אין ישיבה, מען קען בעסער אויסהערן, און די חברים זענען מער אינטערעסירט צו רעדן צו דיר.

דאס איז נישט קיין נס, נאר פשוט א דרך הטבע. מען דארף נאר וויסן וואס די טבע איז, און וויאזוי עס ארבייט, אז ווען מ'איז פרייליך, איז מען אויטאמאטיש מער מצליח מיט חברים, און מ'קען בעסער טון אלעס, ברוחניות ובגשמיות.

אבער וויאזוי ווערט מען באמת פרייליך, דאס איז די ארבייט דא צו לערנען וויאזוי. אזוי אויך העלפט מען דא פראקטיצירן די וועגן וואס ברענגען שמחה, און מען גיט אנווייזונגען וויאזוי צו פראקטיצירן יעדע זאך, כדי מ'זאל עס אויספרובירן. עס ווערן פארגעשלאגן פארשידענע וועגן, וואס און וויאזוי מ'זאל טון כדי מ'זאל זיך עס אויסלערנען.

און די פראקטעצירונג גייט: וואס פילסטו יעצט אז דו האסט אזוי און אזוי געטון, פילסט אזוי?!' - דעמאלטס איז גוט. פילסט נישט אזוי?!' - דאן מען דארף טון אנדערש.

יעדע לימוד גיט ארויס זיין 'עקסערסייז', וואס מאכט אז מ'זאל פילן די געפילן - און לויט די וועג וואס מיר האבן לעצטנס איינגעשטעלט, און עס איז שוין געווארן ארויפגעלייגט אויך אויפ'ן טעלעפאן, איז עס אסאך גרינגער צו קענען מיטהאלטן.

איך דארף דא באמערקן, אז עס זענען פאראן געוויסע בחורים וואס האבן אלץ א נעגאטיווע שפראך אויף יעדע גוטע זאך, און אויף נעגאטיווע זאכן וואס איז טאקע נישט גוט, האבן זיי א פאזיטיווע וועג. בקיצור זיי זענען מחליף זה בזה. - ס'איז קלאר אז אזא מין זאך ווי ארבייטן אויף זיך איז ביי זיי אפגעפרעגט, ווייל דאס מאנט צו ארבייטן אויף זיך. און אויב יעדער וועט ארבייטן אויף זיך, וועלן זיי ווערן אויסגעשפילט. ווייל זייערע ארומיגע חברים, וועמען זיי קלאפן כסדר אוועק, וועלן מיטאמאל קלוגער ווערן, און וועלן אביסל מער פארשטיין וויאזוי זיך אן עצה צו געבן. דערפאר וועלן זיי אוועקמאכן א בחור וואס וויל ארבייטן אויף זיך. אבער מ'דארף נישט נתפעל ווערן דערפון, נאר טון וואס איז ריכטיג, נישט קיין חילוק וואס יענער וועט זאגן.

און פארשטייט זיך אונז פון אונזער זייט לייגן מיר אריין א שטארקע קאנדפידעשעל דגוש אז יעדן באטייליגערס נאמען זאלן בלייבן פריוואט, און זיין נאנטסטער חבר זאל ניטאמאל וויסן דערפון.

און פאל אז דער בחור האט גאר שטארקע פעיר פרעשור פון חברים (אויך איינע פון די שוועריקייטען וואס דארף ארויסגעריסן ווערן) איז נאך דא א מעגליכקייט צו מיטהאלטן די שיעורים, ביי זיך אינדערהיים אויפ'ן טעלעפאן לעבעדיג, אן דעם וואס מ'זאל דארפן פערזענליך אריבערקומען.

אט די שיעורים געבן אריין א לעבעדיגקייט. ס'איז אינטערעסאנט וויאזוי ס'קען זיין, אז מען זאל קענען ביי זיך אין טעלעפאן פלוצלינג ווערן לעבעדיג, אבער אזוי גייט דער מהלך פון די דאזיגע שיעורים.

די וואס האבן מיטגעהאלטן די שיעורים ביז היינט האבן דערציילט, אז זיי האבן פלוצלינג געפילט אזא מין גוטע געפיל, זיי האבן געפילט אזוי ווי ס'לעבט זיי אויף... - פשוט נאר פון הערן דעם שיעור. און אוודאי ווען זיי האבן אויסגעפירט די זאכן וואס מען האט גערעדט, וואס מען זאל אויספירן אלס היים ארבייט.

ס'איז אויך פאראן אן אויסוואל, צו לערנען די שיעור פערזענליך פריוואט, געוואנדן לויט די צייט מעגליכקייט. און וועלכע סארט ענין מ'וויל אויסארבעטען.

ס'איז אויך דא אן אויסוואל צו באקומען א גוטע חברותא צו ארבעטן אינאיינעם מיט די טולס פונעם שיעור. - פארשטייט זיך אז דאס איז נאר נאכדעם וואס מען קען זעהן ווער דער בחור איז, און די מנהל קען ביידע בחורים, צו זיכער מאכן אז די חברותא'שאפט איז פאסיג, און וועט פאר ביידע קענען ארבייטן; צו ברענגען נאר א גוטע תועלת פאר ביידע, אנצוקומען צו פאזיטיווקייט, זיכערקייט, מער אחריות און מער פרייליכקייט.

## זיין אמת'דיג און רואיג

דערנאך איז פאראן א מציאות, אז א בחור איז נישט גענוג אמת'דיג מיט זיך אליין, אדער נישט גענוג אמת'דיג מיט זיינע ארומיגע.

דאס איז א גרויסער שטער אין לעבן, סיי יעצט און סיי אין עתיד.

וויאזוי טוישט מען דאס?

דער ענטפער איז, אז ס'איז מעגליך אז די גאנצע סיבה פארוואס ער איז נישט אמת'דיג איז, ווייל ער וויל געפעלן פאר אנדערע. און אויב וויל מען געפעלן אויפן נישט ריכטיגן אופן, ברענגט עס א חורבן הנפש והגוף.

דארף מען זעהן וויאזוי קען מען אויף אים ווירקן, אז ער זאל נישט אזוי שטארק וועלן געפעלן פאר אנדערע. ער זאל נאר וועלן געפעלן פארן הייליגן באשעפער און פאר ערליכע אידן, און נישט מער.

*

דערנאך איז פאראן אן ערשיינונג וואס רופט זיך: א פארביסענע אומרואיגקייט.

דאס קומט אפט נאכדעם וואס עס איז געווען א געוויסע דורכגאנג ביי א משפחה, אדער ביים בחור זעלבסט, וואס האט געשאפן אזא אומרואיגקייט פארן בחור. קיינער ווייסט נישט דערפון נאר זיין משפחה, אדער נאר זיינע עלטערן. און אסאך מאל זיי אלע אויך נישט, נאר ער אליין ווייסט. - און זייער אסאך מאל פילט ער די אומרואיגקייט, און ער ווייסט אפילו נישט פארוואס ער פילט עס.

דער בחור טראכט יעצט - געוואלדיג! פון וואו ווייסט דער וואס רעדט דעם דאזיגן סוד? ער האט אפילו נישט געוואוסט אז ס'איז דא וואס ווייסן אז ס'איז דא בכלל אזא זאך... אבער ביי אונז, ביי די שיעורים איז עס זייער קלאר.

אזא צייט דארף מען דערגיין וואספארא סארט שוועריקייטן קען דער בחור אפשר האבן, ווייל דאס פארשטאטערט זיין הצלחה. ווייל אויב דארף מען זיך כסדר אפגעבן מיט אזא געפיל פון נערוועזקייט, דעמאלטס האלט עס אין איין שטערן; פארשטייט זיך אליין אז אין אזא פאל מען קען זיך נישט אפגעבן צו לערנען געהעריג.

דאס איז אונזער ארבייט, אונז וויל מיר זעהן, אז די אלע שטערונגען וואס שטערן זאלן גיין אין די זייט.

וויפיל מאל איז דא וואס מען הערט, אז מען האלט פאר א פארהער און ס'איז דא א שטארקע דרוק אויפן בחור, אזוי אז לכבוד דעם קען ער שוין מער נישט לערנען... איך האב נאך אזויפיל צו לערנען ב'יז אהער, און ווייל איך האלט אזוי צוריקגעבליבן, וועגן דעם בין איך נאכמער געדרוקט, און וועגן דעם קען איך נאך ווייניגער לערנען... - און אזוי גייט עס ווייטער, ס'שפארט אים איין מער און מער.

יעצט אויב קען מען גיין צו א שיעור און מיטהאלטן א פאר וואכן, כדי הערן מהלכים וויאזוי איך זאל בעזר ה' דעם סוף זמן שוין נישט ווערן צודרוקט, נישט ווערן אונטערדרוקט, מען רעדט נישט פון ווערן אומ'אחריות'דיג און קאלט, אז ס'זאל נישט אנגיין צי איך זאל קענען ביים פארהער... נאר פארקערט, און גאר הנאה האבן פון א פארהער. אודאי וועלן קענען, אבער אן ווערן צודרוקט פונעם גרויסן דרוק. - די דרוק זאל מיר העלפן צו טון וואס איך דארף טון, אבער נישט מיך צודרוקן. ווייל ווען מען ווערט צודרוקט קענען אסאך כוחות הנפש צורינען, חוץ דעם וואס מען קען נישט אויספירן וואס מען וויל אויספירן.

## אונטערנעמען שווערע זאכן און רואה את הנולד

און דאס זעלבע אויך, וואס מיר האבן פריער דערמאנט, נישט מורא האבן צו אונטערנעמען זאכן וואס זענען שווער.

א בחור קען אסאך מאל מורא האבן צו טון א זאך וואס איז שווער, פשוט ווייל ס'איז שווער, און ער האט מורא דערפון. - אבער אונז לערן מיר אים אויס אריינצוטאנצן אין שווערע זאכן. דער וואס טאנצט אריין אין שווערע זאכן, דער קומט אן צו גרויסע הצלחות, ווייל אלע גרויסע הצלחות האבן זיך אנגעהויבן מיט שוועריקייטן. אזוי האט דער אייבערשטער באשאפן די וועלט.

ווייטער איז דא ווער עס גייט נישט אריין אין אזא זאך, ווייל ער האט מורא פון א ריסק. ער האט מורא צו נעמען אויף זיך א זאך וואס קען דורכפאלן... - דאס איז א פרישע זאך וואס מען לערנט דא טאקע, אז מען זאל קענען נעמען א ריסק, און מען זאל נישט מורא האבן פון קיין דורכפאל.

און וואס טוט זיך מיט שטייגן פון א דורכפאל?! - דאס לערנט מען אויך דא, מ'זאל גאר קענען שטייגן פון א דורכפאל: געדענקסט, אונז האב מיר געהאט א דורכפאל, ס'האט זיך נישט אויסגעארבייט א געוויסע מקצוע וואס איך האב געוואלט לערנען, אדער א געוויסע חברותא מיט וועמען איך האב געוואלט לערנען...

מען קען ווערן אזוי צוקלאפט דערפון, אז מען לאזט נאכדעם נאך אזויפיל זאכן, און מען פאלט טיפער און טיפער, ח"ו פאר קיין שום איד נישט געזאגט.

איז ווען מען האלט שוין אז מען פאלט נישט פון א דורכפאל, האלט מען שוין זייער שיין. אונזערע בחורים וואס האבן מיטגעהאלטן די לעצטע פאר יאר די שיעורים דערציילן פאקטן, ווי ווייט דורכפעלער האט זיי געברענגט אז זיי זאלן שטייגן פילפאכיגער.

*

איינער פון די בחורים וואס זענען דא אויפן ליין, האבן שוין אמאל אדורכגעטון וואס מיינט איזהו חכם הרואה את הנולד?! וויאזוי קען מען זען דעם נולד? בין איך עפעס א נביא אז אזוי גייט פאסירן? ווער זאגט, אפשר גייט זיין אנדערש? און וואס האב איך אז איך זעה עס, און וויאזוי זעה איך עס? אפשר וועט דאסמאל פונקט נישט זיין אזוי דער נולד?!

ס'איז א גאנצע מסכתא דער רואה את הנולד, א גאנצע מקצוע וויאזוי מען זעהט דעם נולד, און וויאזוי מען קען אנקומען דערצו בעזר ה', נו אז מ'לערנט אזאך וועט מען עס קענען אי"ה.

## עבודת המדות

מען דארף זיך נישט פילן צוקלאפט ווען מען גייט זיך לערנען די זאכן. - אזוי ווי ווען איינער גייט זיך לערנען צו זיין אן עלעקטערישן פילט ער דען אראפגעקלאפט אז ער קען נישט עלעקטריק, און ער דארף זיך עס יעצט גיין לערנען? א מענטש דארף עפעס אלעס קענען? ער דארף קענען וואס איז אים וויכטיג פאר זיין לעבן. אבער אויב ער קען עס נישט, און ער גייט זיך עס יעצט לערנען, מיינט נישט אז ער איז נישט גוט - פונקט פארקערט ס'מיינט אז ער גייט עס יעצט יא קענען, און ער גייט זיין גוט.

יא, ס'איז דא אזא מין פראבלעם פון פאלטשע סיפוק: 'איך בין צופרידן', , איך בין גוט אזוי ווי איך בין, וואס דארף איך זיך גיין לערנען? -'איך האב בטחון' ס'וועט אלעס זיין גוט אין פארטיג, אבער דאס איז נישט דער דרך התורה. מען קען נישט האבן בטחון וואס איז קעגן די תורה. און דער אייבערשטער וויל נישט א בטחון וואס איז א סתירה מיט'ן גיין טון וואס מען דארף צו טון.

ספעציעל ווען מען רעדט דא פון א זאך וואס דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט אז נאר דער מענטש דארף עס טון, און ערווארט אז ער זאל עס טאקע טון, און ספעציעל אין די נושא זאגן די ספרים, אז דער מענטש פירט אויס זיין אויפגאבע, צו ארבייטן אויף זיך אין עבודת הנפש.

## א אויטעמאטישע סיסטעם פאר מיליאנען מצוות...

דער הייליגער רמב"ם זאגט, אז די מידות וואס א מענטש ארבייט זיך אויס, מיינט אז ער האט נישט געטון נאר איינמאל א מצוה, נאר ער האט געמאכט אז אויפאיינמאל זאל ער טון די נעקסטע יארן טויזנטער טויזנטער מצוות. ווייל ווען איינער ווערט א בעל חסד, דעמאלט טוט ער שוין אויטאמאטיש חסד. קומט אויס אז די איינמאל וואס ער האט געארבייט אויף זיך צו ווערן א בעל חסד, האט ער זיך אריינגעברענגט אין טויזנטער מצוות.

ווען איינער איינער ארבעט למשל אויס די כח פון אהבה צו ליעב האבן וועם מ'דארף ליעב האבן, פארדינט ער אויף איינמאל מיליאנען מצוות במשך די צייט, ווייל אהבה איז פון די מצוות וואס זענען תלוי בלב, און יעדע רגע וואס מען פילט א אהבה איז דאך נאך אן מצווה. ס'שטייט נישט אין די תורה א שיעור ווען די מצווה ווערט. ס'איז נישט קיין שיעור פון א גרוגרות אדער א כזית. נאר ס'גייט אויף סעקונדעס. און ממילא איז עס מורא'דיג. יעדע סעקונדע וואס איך האב ליעב איינעם איז נאך אן מצוה.

דאס זעלבע ווען איינער ארבייט זיך אויס זיין שנאת הלב וואס ער האט אויף זיינע ארומיגע, האט ער אויף איינמאל זיך פארשפארט מיליאנען עבירות. ווייל שנאה איז דאך אויך פון די עבירות וואס זענען תלוי בלב, און יעדע רגע וואס מען פילט א שנאה איז דאך נאך אן עבירה. ס'שטייט אויך נישט אין די תורה א שיעור ווען די עבירה ווערט. ס'גייט מעגליך אויך אויף סעקונדעס. און ממילא איז עס שרעקליך. יעדע סעקונדע וואס איך האב פיינט איינעם איז נאך אן עבירה.

אבער וואס קען איך טון, איך וויל זייער שטארק, אבער איך שפיר נישט קיין אהבה איך שפיר א שנאה?!

אין בחור טייערער ווילסט נאך זיין צופרידן, אז ס'איז גוט אזוי ווי ס'איז? - ווי קען מען עס זאגן



אפילו.

## איך בין א בחור איך וויל יא, אבער...

איך פארשטיי אז ס'קען זיך מאכן אז א בחור זאל באקומען א חשק צו טון אין דעם נושא, אבער ער טראכט אז פאר זיין טאטע וועט עס נישט אינטערסירן, ס'איז נישט ריכטיג געווענליך, ס'איז מעגליך א קאמפלעקס, מען מעג בעטן אויף א שיינעם אופן פון א טאטע, אז דא וועט זיין א שיעור וואס איך פיל אז ס'קען מיך העלפן, איך זאל ליב האבן בעסער מיינע חברים, איך זאל מיך קריגן ווייניגער מיט מיינע חברים...

ווען א טאטע הערט ריכטיג אזא בקשה, וועט ער אוודאי גרייט זיין צו טון אלעס וואס מעגליך, אז דו זאלסט קענען אנקומען דערצו, אויב נישט דורך אונז וועט ער טרעפן אן אנדערע וועג, וואו אויך קען דער בחור רופן מיט רשות פון איינע פון די עלטערן צו רעדן מיט מיר אפאר מינוט, און איך וועל אים מעגליך געבן אנווייזונגען וויאזוי ער קען עס מאכן פאסירן בסייעתא דשמיא.

די פארגאנגענע יארן האב איך געהאט אז בחורים זענען געגאנגען צו זייערע עלטערן זאגן אז זיי ווילן קומען דא אהער, אבער דער טאטע האט זיי צוגעשטעלט עפעס אנדערש. היינט זענען שוין די בחורים יונגעלייט, וואס זענען מיר געקומען באדאנקען: דו ווייסט א דאנק די התעוררות צו אנהייבן צו ארבייטן אויף מיר, בין איך געגאנגען צו מיין טאטן, און מיין טאטע האט מיר טאקע געגעבן עפעס אנדערש, וואס האט מיך געהאלפן פון דארט

ווייל וואס מיר רעדן דא איז נישט אז ווער ס'איז דא אויפן ליין זאל קומען דוקא צו אונזערע שיעורים, נאר דער ציל איז אז ער זאל אנהויבן ווען ארבייטן אויף זיך.

ס'איז אויך מעגליך צו ארבעטן אליין אן אנווייזונגען, נאר וויבאלד אויב מען ארבייט אליין קען מען זיך שטארק נארן, ווען מען לערנט א מוסר ספר קען מען טראכטן פון יענעם, אדער מיינען אז ס'מיינט נישט היינטיגע צייטן, ווייל די שפראך פונעם מוסר ספר איז געווענליך די שפראך פון פארצייטנס, און ס'קען זיין אז ס'זאגט נישט פונקטליך וואס רעדט צו מיר. – דערפאר שטעלן מיר פאר ביי די שיעורים דעם תוכן און סך הכל וואס די ספרים הק' זאגן בנוגע ארבייטן אויף זיך, מ'זאל וויסן וויאזוי עס אויסצונוצן אויף למעשה.

מיר האבן ב"ה געהאט דער חשוב'ער שאצ'ער רב, הגה"צ רבי יצחק אלעזר מאסקאוויטש שליט"א, וואס האט אונז געהאלפן אויסארבייטן א גוטע זיסע און געשמאקע מהלך, וויאזוי מען קען ארויפטרעטן אויפ'ן לייטער, אנצוקומען צו הויכע דרגות, פאר אלעמען: סיי פאר בחורים, סיי פאר יונגעלייט, סיי פאר מגידי שיעורים, סיי פאר עלטערן, אא"וו.

ב"ה מיר האבן געהאט די זכיה מיטצוהאלטן די אלע 7 סעריעס פונעם שאצ'ער רב שליט"א, 30-40 שעה יעדע איינע, און נאכדעם צוזאמנעמען און צוזאמקליבן א שיינעם סדר הלימודים, מיט פריוואטע טרענונג פונעם רב וויאזוי מ'זאל עס מאכן, מ'זאל קענען מער אויפטון אויף למעשה. נישט פשוט זאגען שיינע דרשות.

אזוי אויך באגלייטן מיר יעדן בחור וואס קומט, אז ער זאל אויספירן וואס ער דארף אנקומען און וואס ער קען דערגרייכן לויט זיין דרגא, און לויט זיינע כוחות הנפש וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן, און אין פאל ס'פארלאנגט זיך עקסטערע שעה'ן אויף פריוואט ענינים זענען מיר דא דערפאר.

## דער ציל פון די דרשה

אויב א טאטע וויל נעמען א פריוואטן מגיד שיעור, א פריוואטער רבי, וואס ספעציאליזירט זיך אין דאזיגן נושא, צו ארבייטן מיטן בחור אויף זיינע שוועריקייטן, איז מה טוב ומה נעים. עס קען אפילו זיין א מעלה אז ער זאל האבןביידע, סיי ער זאל נעמען א פריוואטן מגיד שיעור, און סיי הערן די שיעורים דא, ווייל אויב מ'ארבייט אויף ביידע פראנטן קומט מען אן סאך שנעלער; נאכדעם וואס מען האט שוין קונה געווען די יסודות ביי די שיעורים, וועט דער פריוואטער מגי"ש פיל בעסער קענען ארבייטן מיטן תלמידים.

ס'איז דא א געוואוסע פייער און קוראדזש זיך צו טוישן וואס א פריוואטער מדריך קען נישט מאכן אין א יאר צייט, קען א חבורה מאכן און א חודש, צוליב ווייל די ווינט איז דא זיך טוישן, און דער און יענער האט זיך שוין געטוישט וויל איך נישט ארויספאלן.

אסאך עלטערן האבן אויסגעדרוקט א באגער, אז מיר זאלן צושטעלן א פריוואטן מחנך, איינער פון אונזערע איינגעשטעלטע, וואס זאל לערנען פריוואט מיטן בחור, – עס איז אויך א גוטער מהלך, נאר ס'ווענדט זיך וואס דער פארלאנג איז. ווייל ס'קען זיין פארשידענע סארט מהלכים, סיי פון אונז, און סיי פון אויסער אונז, אויף סיי וועלכע אופן. נאר דער עיקר וואס מיר רעדן דא איז, אז דער בחור זאל זיין דער וואס וויל. דער בחור דארף וועלן זיין תכלית, און זאל וויסן זיין ציל זיך אויפצוארבייטן.

אט דאס ווילן מיר דא ארויסברענגען, אן אויפפאדערונג צום בחור: עס איז שוין געקומען די צייט אז דו זאלסט מחליט זיין. ס'איז דיין לעבן, ס'איז דיין ציל, דו וועסט סוף סוף נהנה זיין דערפון. עס וועט דיר ברענגען א גוט לעבן אויף דער וועלט, און א גוט לעבן אויף יענער וועלט. דער אייבערשטער וועט האבן א גרויס נחת רוח פון דיר. נאר איין זאך, נעם זיך דערצו וואס פריער, און לייג אריין דערין ארבייט, וועסטו אי"ה מצליח זיין.

## התגברות קעגן תאוות היצר

לאמיר צוריקגיין צו די ענינים, וואס ווערן באהאנדלט דורכאויס אונזערע שיעורים.

אט לאמיר נעמען די פראגע, וואס פלאגט יעדן בחור: וויאזוי קען מען באקומען אביסל מער קוראזש זיך צו שלאגן מיט די נאטורליכע גלוסטענישן, סיי די היתר'דיגע און אוודאי די איסור'דיגע?!

מיר דרוקן אויס א שבח והודאה צו השי"ת אז מיר האבן די זכי' צו טון אין אזא דבר גדול, צו געבן חיזוק און קוראזש פאר בחורים צו קענען זיך דערהאלטן קעגן נסיונות, מתגבר זיין קעגן תאוות היצר, און ווערן בעל הבית אויף זיך זעלבסט. איז דען פאראן געגוג ווערטער אין מויל צו דאנקען און לויבן דערפאר, אז מיר האבן געהאט די געלעגנהייט צו העלפן פיל פיל בחורים במשך די יארן.

אבער טייערער בחור'ל דו ביסט יעצט דא אויפן ליין, אונזער שאלה צו דיר איז: צי דו וואלסט אויך געוואלט האבן אזא קוראזש, צו קענען זיך מתגבר זיין אויף מחשבות, ווי איידער זיי לאזן לויפן ח"ו. – מען דארף פארשטיין צו א מחשבה, וויאזוי מען ווערט בעל הבית דערויף, כדי מ'זאל עס נאכדעם קענען אויספירן.

אודאי האט מען א בחירה צי מ'זאל זיך מתגבר זיין אדער נישט, אבער אונזערע בחורים זענען ב"ה געבענטשט מיט יראת שמים, אז וויבאלד זיי באקומען די עצה און אויסוועג, זענען זיי בוחר בטוב, און שטארקן זיך אויף די נסיונות. ווייל די יראת שמים ליגט זיי אין די ביינער, א דאנק דעם חינוך פון די חשוב'ע עלטערן, און די ערליכע הדרכה פון די ישיבה. ממילא וויל דער בחור זיין גוט, ער דארף נאר האבן דעם ריכטיגן מהלך וויאזוי עס אויסצופירן למעשה.

## א מסודר'דיגע בחור

און ווייטער א פראגע, וואס ווערט שטארק באהאנדלט ביי די שיעורים:

וויאזוי ווערט א בחור מער מסודר'דיג, געבענטשט מיט זריזות, צו טון און ערלעדיגן וואס ער דארף?

מיר זעען עס אלץ פאקטישע מציאות, ווי בחורים ווערן ארויפגעפירט אויף די ריכטיגע רעלסן: 'איך וועל בעזהשי"ת ארבייטן מער אויף סדר', 'איך וועל האפנטליך זיין מער א זריז'... – און עס פאסירט טאקע: בחורים ווערן מסודר, געשיקט, קענען ערלעדיגן זאכן, און זענען מער נישט פארשלעפט.

עס איז ממש אומגלויבליך וואו ווייט די בחורים זענען אנגעקומען.

און מען רעדט שוין דא פון טויזנטער מענטשן וואס זענען עס דורכגעגאנגען. און ב"ה די ארבייט איז מצליח, די מענטשן זענען געווארן צופרידן און גליקליך, און וואקסן און שטייגן ווייטער.

און אינטערעסאנט איז, נישט קיין חילוק צי מ'איז געווען ביי די שיעורים א יאר צוריק, אדער צוויי-דריי יאר צוריק, אדער גאר פינף יאר צוריק. כאטש וואס נארמאל איז אז במשך די צייט ווערן זאכן פארגעסן, אבער ביים דאזיגן נושא ווערט עס גאר מער און מער איינגעוואוינט, און אודאי נישט פארגעסן.

ווייל ווען קען מען בעסער שפילן אויפ'ן קעטאר, גלייך נאכ'ן זיך עס לערנען, אדער 2-3 יאר שפעטער?!

## ארויסברענגען באהאלטענע כוחות הנפש

און נאך מער, בחורים ווערן אפילו פארוואנדלט אין גוטע בעלי כשרונות. וויאזוי?

ווייל אין אמת'ן זענען זיי אלץ געווען געלונגענע בחורים, נאר זייערע תכונות הנפש זענען געווען באהאלטן, ממילא האבן זיי אויסערליך זיך געטראפן אלס שלימזל'דיגע בחורים, וועלכע קענען גארנישט. אבער נאך די שיעורים זענען די באהאלטענע כוחות מיטאמאל ארויסגעקומען, ממילא האבן זיי אליין אנגעהויבן באמערקן אז זיי זענען גאנץ טויגליך, אזוי ארום איז איינער געווארן אזא געבענטשטער בעל כשרון, און דער צווייטער אן אנדערער געלונגענער מומחה.

## אויפנעמען קריטיק

יעדער בחור קומט באגלייט מיט מענטשן ארום וואס קענען אים קריטיקירן, די פראגע איז נאר וויאזוי נעמט מען אויף די קריטיק?

קריטיק איז א נארמאלע און געזונטע ערשיינונג, ווייל אויב האט מען עפעס נישט גוט געטון, דאן זאגט מען קריטיק. –אבער די שוועריקייט איז, וויאזוי די נפש אין מענטש נעמט עס אויף, ווייל נאטורליך קלאפט עס אראפ די מוט, ס'מאכט אים שפירן ווערטלאז, אזוי אז ער ווערט שטארק אנטוישט אויף דעם וואס האט אים געזאגט די קריטיק. ער ווערט ברוגז, ס'ברענגט שנאה, און אסאך מאל אויך נקמה, ווייל ער שפירט זיך פארשעמט און דערנידערט.

אבער אויב קען מען אויסלערנען א וועג וויאזוי אויפצונעמען קריטיק, וויאזוי צו רעאגירן ווען מ'ווערט קריטיקירט, איז דאס אודאי א געוואלדיגע זאך. מ'גיט דאך אים ממש אן אנדערע סארט לעבן.

## וויאזוי ווערט מען רעספעקטפול?

ווידער א פראגע, וויאזוי קען מען זיך האלטן רעספעקטפול?

ביי די שיעורים באהאנדלען מיר אויך דעם ענין פון זיך האלטן מיטן אייגענעם רעספעקט, וואס איז נישט קיין גאוה, נאר פארקערט, דער גוטער וועג פון זיך האלטן רעספעקטפול, וועלכע פעלן זיך אויס פארן עקזיסטענץ פונעם מענטש.

אבער דאס מיינט נישט, אז מיטאמאל וועט מען פארוואנדלט ווערן אין עפעס א חשוב'ע פערזענליכקייט. נאר דאס גייט צוביסליך.

און דאס איז נישט א כלל פאר יעדן, ווייל עס האט אפט מאל פאסירט פארקערט, עס זענען געווען געוויסע בחורים וועלכע האבן זיך געהאלטן צו רעספעקטפול, העכער פון יעדן, וויבאלד עס קומט נישט פון א גוטע יסוד, און נאכן קומען צו די שיעורים זענען זיי מיטאמאל געווארן מעורב בין הבריות. זיי זענען פשוט געווארן בחורים בעלי ענווה ובעלי חן.

## אן אויסנאם פאל

עס קען אויך אמאל זיין אז איינער איז נישט אזוי מצליח, אפילו נאכן מיטהאלטן די גאנצע סעריע שיעורים, און מענטשן רעדן און פרעגן דערוועגן.

איז באקאנט דער משל מיטן לייב, וועלכער האט געזאגט פאר זיין קינד די לייבעלע: זאלסט וויסן אז דו ביסט די שטארקסטע חיה אויף דער וועלט, און דו דארפסט פאר קיינעם נישט מורא האבן'.

איין טאג איז די לייבעלע ארויס שפאצירן, און איז באלד צוריקגעקומען וויינענדיג.

– וואס איז געשעהן?

– איך האב געזען א בילד.

– וואס האסטו געזען אויפן בילד?

– ווי א מענטש צורייסט א לייב.

פרעגט אים דער טאטע לייב: זאג מיר, אויב דאס איז א נארמאלע זאך וואלט מען געמאכט א בילד דערפון?! נאר וואס דען, ס'איז געווען אמאל א מענטש מיטן נאמען שמשון הגבור, וואס האט צוריסן א לייב. אבער א געוועונליכער מענטש קען דאס נישט טון, ממילא דארפסטו נישט מורא האבן!

דער נמשל איז, אז אודאי קען פאסירן אן אויסנאמספאל, קעגן טויזנטער אנדערע נארמאלע פעלער וואס זענען יא מצליח, ווייל סוף סוף קענען מיר נישט אריינגעבן שכל אין קאפ. ווייל נאר דער אייבערשטער קעגן געבן און גיט שכל. – אבער אויב איינער האט עפעס גוטע כשרונות וואס קענען ארויסקומען, ארבייטן מיר דערויף אז זיי זאלן טאקע ארויפשווימען אויפן בעסטן אופן בעז"ה.

אין די צוויי דריי חדשים וואס מ'ארבייט דערויף קען עס נאך פילן אומנאטורליך, ווייל מען האלט נאך אינמיטן די ארבייט. אבער נאכדעם וואס דער בחור ווערט מסודר, איז עס ער אליין. און דעמאלטס זענען די כשרונות אויפן אויבערפלאך אויפן שענסטן אופן.

## זיין סטאביליזירט

איינס פון די זאכן וואס מיר לייגן דערויף גרויס געוויכט, איז צו זיין סטאביליזירט.

דאס הייסט, נישט ווען מען לערנט איבער זיין שטארק ביי זיך, זעלבסטזיכערקייט, זאל עס איבערגעטרייטשט ווערן אפילו אויף זאכן וואס זענען אוממעגליך, ווי למשל: דער בחור זאל צוגיין צו א פארהער מיט א זיכערקייט, אין צייט וואס ער הויבט נישט אן צו קענען, ממילא וועט ער שוין לכתחילה נישט לערנען געהעריג. – ווייל דאס איז דאך קעגן יעדע לאגיק.

אט דערפאר לערנען מיר צו זיין סטאביל ביי יעדע נושא וואס מען לערנט, ווייל יעדע נושא באזונדער קען מען ציען אויף ביידע זייטן. און ווען מען ציהט עס אויף די נישט ריכטיגע זייט ווערט עס אנשטאט א טובת הגוף און א תועלת הנפש, א חורבן הגוף און א חורבן הנפש.

ווען מען לערנט אויס מען זאל נישט מורא האבן פון א צווייטן, קומט עס מיט א באלאנסירטע הדרכה, נישט



צו מורא האבן פון א בחור וואס לאכט, און יא מורא האבן פון א מגיד שיעור וואסווארפט א בליק אויף דיין ריכטונג. מיר זאגן אן מ'זאל צוריקקוקן מיט דרך ארץ און עס נישט איגנארירן, ווייל מ'דארף יא וויסן אז ס'איז דא וואס מורא צו האבן.

פארקערט, מיר ארבייטן אוועקצונעמען די אומזיסטע פחד פון אן אויפגעבלאזענעם בעל גאוה צווישן די בחורים, און עס לייגן צו רעספעקט וואס מען דארף האבן צו אן ערוואקסענעם באזעסענעם מענטש.

## גאוה דקדושה און נאך

איינס פון די זאכן וואס דרוקן פאר א בחור איז, אז ער פארמאגט נישט קיין גאוה דקדושה.

דער בחור פרעגט זיך זעלבסט: 'פארוואס שעם איך זיך אויסצופירן הלכות וואס חז"ל זאגן? פארוואס קען איך נישט זאגן אמן יהא שמיה רבא הויך? פארוואס דארף איך נאכקלערן וואס יענער גייט טראכטן אויף מיר, אויב איך וועל עס זאגן הויך?'

די דאזיגע פראגע פאדערט טאקע מחשבה: פארוואס שעמט ער זיך? ער האט מורא אז מען וועט אים זאגן עפעס א שלעכט ווארט? ער האט מורא אז מען וועט לאכן פון אים? און אויב מ'וועט טאקע לאכן, וואס וועט שוין דעמאלט זיין?

דאס הייסט, די גאנצע געפיל אז מ'איז א מענטש, איז נאר טאמער יענער קוקט דיך ארויף, און אויב יענער לאכט פון דיר, דאן ביסטו אויס מענטש, ממילא האסטו מורא אז דו וועסט ווערן אויס מענטש. - אויב דאס איז דער גורם, האט מען טאקע א פראבלעם.

אבער אויב טוישט מען דעם דאזיגן געפיל, וועט מען זיך מער נישט שעמען צו טון א מצוה, א דבר טוב, ווי צום ביישפיל זיך אננעמען פאר א בחור וואס מען פארשעמט אים, אדער זיך חבר'ן מיט א בחור וואס איז אביסל געקלאפט, צוליב א נאטורליכע חסרון. אויף אלעם איז דא עצות, מ'דארף עס נאר אויסארבייטן.

## סענסיטיוויטעט

ווידער איז פאראן די פראגע פון סענסיטיוויטעט, וואס טרעפט זיך ביי בחורים, אז יעדעס ווארט וואס מען זאגט אים ווערט ער סענסיטיוו, און פילט זיך שטארק געטראפן. קיינער האט עס נישט ליב, ווייל עס איז זייער נישט בא'טעמ'ט צו זיין אזוי עמפפינדליך.

אט דא ביי די שיעורים לערנט מען אויס די צוהערע, וויאזוי מען קריכט ארויס פון סענסיטיוויטעט.

און אזוי נאך און נאך.

## נאכגעביג

איז מען געווג נאכגיביג? קען מען נאכגעבן פאר א צווייטן, אדער האלט מען זיך פעסט צו אייגענע פרינציפן, וואס מען דארף זיך נישט האלטן דערצו? - ווייל עס זענען פאראן פרינציפן וואס מען דארף זיך שטארק האלטן דערצו, און עס זענען פאראן פרינציפן וואס מ'דארף אויפגעבן. איז די פראגע יעצט: צו וועלכע פרינציפן דארף מען זיך יא האלטן און צו וועלכע נישט?

אויב וועט מען זיין קלאר דערמיט, וועט דאס לעבן אודאי זיין אסאך בעסער. ווייל מ'וועט וויסן ווען נאכצוגעבן, סיי אויב ס'קומט אן גרינג און סיי אויב ס'קומט אן שווער. און האפנטליך, נאך די שיעורים, וועט עס אודאי ווערן גרינגער, בעזר ה'.

## אן אפענע שפראך

ווידער איז פאראן א שווערע געפיל וואס דרוקט אויפן געמיט פון א בחור:

ווידער, בנוגע אן אפענע שפראך, פרעגט זיך פונעם בחור, די שטארקע פראגע:

אויב האסטו א טענה אויף דיין חבר, קענסטו אים זאגן אפען? אן ס'זאל ווערן מחלוקת, און ס'זאל האבן אן עפעקטיווע השפעה? אז מ'ווייסט נישט וויאזוי טוט מען עס נישט. און לכבוד דעם טראגט ער זיך ארום מיט א שווער הארץ אויף אים. - פארוואס קענסטו עס אים נישט זאגן? האסט מורא אז ער וועט זיין ברוגז אויף דיר, אפשר איז מעגליך צו טרעפן א וועג אז ער זאל נישט ווערן ברוגז.

מיר לערנען אויס א וועג וויאזוי צו קענען רעדן, אויסשמועסן, סיי וועלכע טענה מ'האט, סיי אויף א חבר און סיי אויף סיי וועמען. און אפילו אויב האט מען א טענה אויף א מגיד שיעור איז אויך דא א וועג וויאזוי צו זאגן - פארשטייט זיך, אויסגעהאלטן על פי התורה, לויט די כללים פון דרך ארץ, אזוי אז דער מגי"ש וועט עס אננעמען מיט צופרידנהייט. פארוואס?

ווייל דער מגיד שיעור וועט זעהן אז דער בחור רעדט ווי אן ערוואקסענער מענטש, מיטן ריכטיגן כבוד און דרך ארץ.

און אינדערהיים מיט די טאטע מאמע. וועלכער עלטערן וואלטן נישט געוואלט אז דער קינד זאל זיין אפען מיט זיינע שוועריקייטן וואס ער האט פונעם שטוב אדער פון סיי וואו, חשובע עלטערן ס'איז א שפרינג אוועק פון אייך.

אזוי ארום אז סיי וואספארא שוועריקייטן דער בחור האט, וועט ער זיי קענען אויסגלייכן אדער באַרואיגן, אויב ער וועט זיך געהעריג קענען אויסשמועסן מיט וועמען ער דארף זיך אויסשמועסן.

בחור טייערע, דו שפירסט אז דו האסט א גוטע השפעה אויף דיינע ארומיגע? ווען דו ווילסט עפעס פון זיי, קענסטו דיך אראפלאזן צו זייער שטאנד און בעטן וואס דו דארפסט? דו ווייסט וויאזוי מען לאזט זיך אראפ צו א צווייטן?

און אזוי ווייטער, אין אלע ענינים פון איבער'ן טאג, ווערן נתעורר די פראגעס:

וויאזוי גייט א דאווענען? קענסטו זיך קאנצענטרירן אינזין צו האבן דאס דאווענען? דו דאווענסט מיט חשק, מיט התלהבות? קענסטו זיך קאנצענטרירן ביים פארלערנען? ווען דו זוכסט א חבר צום לערנען, גייסטו אים פרעגן באגלייט מיט א ציטער, שעמעוודיגערהייט? דו טראכסט פריער הונדערט מאל ביז ווען דו גייסט, און דערוויל כאפט מען אים שוין אויס, אדער דו גייסט גלייך צו מיט די ריכטיגע שטארקייט?

וויאזוי לערנסטו, ברציפות אדער מיט הפסקות, ווייל צענדליגער זאכן קומען אריין פונקט אינמיטן לערנען?

וויאזוי פארטראגסטו זיך מיט דיינע שכנים? וויאזוי זענען דיינע געפילן בעת דו גייסט צו א חתונה, און דו טרעפסט דיינע קאזינס? אדער ווען דו טרעפסט חברים פון חדר, וועמען דו האסט שוין לאנג נישט געזעהן? דו גייסט צו רעדן מיט זיי, אדער זוכסטו צו אנטלויפן פון זיי?

יא, ס'איז פאראן אן אויסוואל פון פילע ענינים וואס מען קען אלץ אוועקשטעלן און באהאנדלען.

אט דערפאר איז ווערד צו קומען מיטהאלטן די שיעורים וואס פאנגט זיך יעצט אן טעלפאון און וועט בעיקר פארקומען בין הזמנים.

פארשטייט זיך ס'איז דא נאך פארשידענע סטואציעס וואס מיר האבן נישט אויסגעשמועסט, דעריבער זאל מען אריינרופן אין אפיס אויפן נומער: 845.232.1079 און דאן דרוקן 5 און מיר וועלן עס פרובירן צו איבערשמועסן מיט אייך, מ'קען לאזן א דיטעיל מעסידזש ס'גייט צו א פריוואטע וואיס מעיל.

און צום שלוס, אוודאי דארף מען מתפלל זיין.

און אז א בחור הערט דא צו, און וויל זיך טאקע נעמען ארבייטן אויף זיך, אבער ער קען נישט אנקומען צו אונזערע שיעורים, כדי זיך אויסצולערנען א וועג וויאזוי צו ארבייטן אויף זיך, איז אודאי וויכטיג א תפילה, בעטן דעם אויבערשטן ער זאל מצליח זיין. ער זאל טאקע דערגרייכן די אלע לימודים, און זיי קונה זיין בשלימות, פאר זיין הצלחה און תועלת בזה ובבא.



# לאמיר דערציילן

## עלטערן, בחורים און עסקנים טיילן מיט זייער ערפארונגען.

### טאטע מיט'ן זון הערן צוזאמען:

איך האב אויך אנגעהויבן הערן די שיעורים, קען איך צוזאמען דורכטון מיט מיין זון וואס איך האב פארשטאנען פונעם שיעור, ווי אזוי ער האט עס ארויסגענומען פון די שיעור.

**מדריך:** אז דער טאטע לערנט און דער קינד שמועסט איבער מיט'ן טאטן וועגן דעם, ווערט א נייע סארט קשר צווישן די קינד און דעם טאטן מיט דעם אליין.

**טאטע:** פאריגע וואך נאכ'ן שיעור, זאגט ער מיר, ער האט עס נישט אזוי טיף פארשטאנען, איך זאל עס אים בעסער מסביר זיין, איך האב אים געפרעגט וואס ער האט יא פארשטאנען, וואס נישט, ס'איז געווען א געוואלדיגע זאך, צוזאמען נאכאמאל דורכגעטון די שיעורים. די "טולס" ווי אזוי מען נוצט אלעס, ווי אזוי מען שטייגט, זייער זייער שטארק.

**מדריך:** 2 זאכן, איינס ס'איז געוואלדיג אז מען ארבעט דורך די טיפע נושאים, ס'איז דאך אזוי טיף די נושאים. צווייטענס דאס איז די גרעסטע שמחה, צו הערן אז א טאטע האט באקומען א קשר מיט זיין קינד, ער האט דאך בכלל נישט געהאט בעפאר דעם קיין קשר, והשיב לב אבות על בנים .

מיר קאכן שוין אין די ענינים צען יאר, איך ווער נאך אלץ געוואויר יעדן טאג נייע חידושים. דער בחור קען נישט אנקומען אפילו צו א הונדערטסטל פון די טיפקייט ווען ער ארבעט אליין. אפילו ווען ער ארבעט עס אדורך מיט אנדערע בחורים איז אויך נישט די מין טיפקייט ווי א באזעסענע נאנטע מענטש, ווער רעדט נאך פון די אייגענע טאטע ווען ער גייט איבער מיט אים די ענינים, ער גיט אים דאך צייט, ער איז נישט באגרעניצט, ער קען אים געבן נאך און נאך צייט, ס'קאסט דאך אים נישט קיין אפויטמענטס אפצאל צו רעדן מיט אים, בפרט אז ס'ווערט זיס און געשמאק צו רעדן מיט די בחור געט מען דאך טאקע צייט.

דעמאלט דארף איך שוין נישט געבן התעוררות פאר די עלטערן, רבותי: 'רעד צו ענקערע קינדער, ענקערע קינדער ווילן רעדן צו ענק..' ווייל ס'איז זיס, ס'איז געשמאק צו רעדן מיט אים. ווען ס'איז נישט געשמאק צו רעדן מיט די קינדער, דארפן מען האלטן אין איין טרייבן, ס'איז דא גאנצעטע דרשות מען זאל רעדן מיט די קינדער, און די עלטערן שרייען, וואס זאל איך טון, די קינדער ווילן נישט רעדן מיט אונז, ער לויפט אוועק, איך לייג ארויף א האנט אויף זיין פלייצע און ער פליט אוועק... און אפילו יא, אז איך דארף מיך דרוקן דערצו, האב איך דאך אויך קוים חשק. אבער אזוי, אז ס'איז דא וואס צו רעדן און ביידע קענען די זעלבע זאך און מען קאכט עס אויס, דער טאטע זאגט א חידוש, און די קינד האט הנאה... די קינד זאגט א חידוש, די טאטע פריידט זיך דערמיט און ער זאגט 'קוק אהער, איך גיי עס קענען נוצן', ווערט אזא מין גוטע קשר.

איך האב הנאה געהאט צו הערן וואס איר זאגט, האסט געזאגט א מורא'דיגע פוינט, ס'האט מיך איבערגענומען.

**טאטע:** דער אייבערשטער זאל העלפן חפץ ה' בידינו יצליח.

### אן עסקן דערציילט:

**עסקן:** א גוטן, דא רעדט משה פעקעטע, א צוהערער. אלס א יונגערמאן וואס לערנט מיט בחורים די לעצטע פאר יאר און איינער וואס איז אליינס אדורך די שיעורים פון פראדאקטיוו, וויל איך זאגן בתורת עדות:

איך וועל נישט רעדן יעצט וואס די קלאס האט אויפגעטון אויף מיר, וואס האט מיר געהאלפן צו רעדן מיט בחורים, צו קאנעקטן מיט זיי, וויאזוי צו האבן א השפעה אויף זיי. יעצט וויל איך בעיקר רעדן פון תלמידים וואס איך האב אליינס געלערנט, און בחורים וואס איך האב געזעהן ארום און ארום, וואספארא שינוי ס'האט געמאכט אויף זיי ווען זיי זענען אדורך די קלאס.

איך האב געלערנט מיט א בחור וואס פלעגט זייער רויט ווערן, ער האט זיך געשעמט, ער איז געווען פארמאכט, ער האט נישט גערעדט א.א.וו. ער איז יעצט דעם פארגאנגענעם בין הזמנים אדורך די קלאס, און ער האט אנגעהויבן גיין צווישן מענטשן און רעדן צווישן מענטשן, ער איז געווארן אן אנדערער מענטש, ער האט אויפגעלעבט! א נייע בריאה אינגאנצן.

נאכדעם איז געווען א צווייטער, איך קען נישט זאגן קיין נעמען, וואס א יאר צוריק איז ער געווען צופארן און נישט מסודר. ער איז אדורך די קלאס, און איז היינט אפילו געווארן אן עסקן, ער טוט אויף אין ישיבה, ער איז גבאי, ער מאכט אלעס. און צוגאב וואס ער לערנט. ער האט זיך פיין געשטעלט אויפ'ן פלאץ.

נאך איינער וואס האט געלערנט אין א שוואכע ישיבה, א ישיבה פאר שוואכע בעלי כשרונות, ער האט נישט געקענט לערנען קיין תוספות, און ער איז אדורך די קלאס, אפילו ס'איז עכט געמאכט פאר גוטע בעלי כשרונות, און לכבוד דעם איז ער געווארן ב"ה א גוטער בעל כישרון. ער איז יעצט אריין אין א געהעריגע ישיבה, ער לערנט געהעריג, ער לערנט תוספות. איך האב אלע נעמען פונקטליך קלאר. דערפאר זאג איך בתורת עדות: איך זעה וואס ס'טוט אויף פאר בחורים! טייערע עלטערן, אויב ווילט עטס אויפארבעטן ענקער בחור סיי אין תורה סיי אין דאווענען סיי אין כשרונות, תכונות ומידות, דא האט עטס די ריכטיגע אדרעס! מען קען מיך רופן אויף 347.683.2327, ווער ס'וויל רעדן צו מיר פערזענליך צו הערן וואס דא קומט אלץ פאר, אדרבה, מען קען מיך קאלן סיי ווען.

**מדריך:** פיין פיין, ר' משה א גרויסן יישר כח. איך האב א ספעציעלע הכרת הטוב פאר דיר, ווייל מען לייגט אריין ארבייט, און דו טראגסט עס פון דארט ווייטער. במשך די יארן, יעדע בין הזמנים, ווען ס'קומט א קלאס און איך פרעג געווענליך דעם בחור: "פון וואו ווייסט מען? וואס האט דיך געברענגט?" - זייער אסאך מאל הער איך דעם נאמען ר' משה פעקעטע. עכ"פ יישר כח פאר דעם!

### ווערטער וואס רעדט מער פון אלעס, וואס א בחור האט אליין ארויסגעברענגט.

**בחור:** א גוט יאר טייערע אידן, איך וויל דא נאר איבער געבן און קורצן מיין דאנק פארן חשוב'ן מדריך. פאריגע יאר בין איך געווען אין א שוואכע ישיבה, וואס מען האט כמעט נישט געלערנט, אבער נאך די שיעורים האב איך באקומען אזא שטארקע חשק צום לערנען. ממש איך קען עס נישט גלייבן.

**מדריך:** פיין זייער גוט. - וויפיל פלעגסטו לערנען אין איין ציה די מערסטע, בעפאר דו ביסט געקומען צו די קלאס?

**בחור:** אפשר צען פופצן מינוט.

**מדריך:** און וויפיל לערנסטו היינט אין איין ציה די מערסטע?

**בחור:** היינט האב איך געלערנט צוויי שעה רצופות פאר'ן דאווענען, און נאכ'ן לערנען, מען האט געענדיגט ישיבה 12:00 מיטאג, צוליב'ן תענית, האב איך געלערנט נאך א שעה לענגער.

**מדריך:** געוואלדיג, דאס איז שוין געווען די טאג פון א תענית. אבער דאס איז געווען פונקט היינט. איך פרעג אבער 'היינט' מיין איך נישט דוקא היינט, נאר

היינט צוטאג, דאס הייסט פון נאכ'ן שיעור, וויפיל איז שוין געווען די מערסטע וואס דו האסט געלערנט אין איין ציה?

**בחור:** ס'קען זיין, איך מיין דריי שעה די מערסטע.

**מדריך:** דריי שעה אין א ציה, איז זייער שטארק געשטיגן. דריי שעה איז מער פון 10 מינוט, נישט נאר איינמאל נאר מיט 18 מאל מער (180 מינוט = 3 שעה), נאך מער ווען דו וואלסט געלערנט עקסטערע צען מינוט איז עס 18 מאל מער. אבער ווען ס'איז אין איין ציה איז עס אסאך מער מאל ווי 18 מאל מער. דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט ווייטער מצליח זיין, און קענען לערנען ברציפות, און אזוי וועסטו אנקומען גאר אסאך, אסאך תורה און אסאך יראת שמים.

**בחור:** אמן.

## פונעם מגי"ש'ס קוקווינקל

**מגי"ש:** א גוטן, איך וויל נאר זאגן דא א ווארט ממש, איך האב מיך באמת נישט פארגעקוקט מיינע ווערטער, און וואס בעזר ה' מיר וועלן יעצט זאגן, וועט זיין וואס מען טראכט, און וואס מען פילט, און וואס מען געדענקט.

אונז הא'מיר מיטגעהאלטן לעבעדיג א בחור, ער האט געלערנט אין די ישיבה, און ב"ה ער האט געהאט א פיינעם מוח, ער קומט פון א מורא'דיגע גוטע שטוב, אבער מיט דעם אלעם האט מען געפילט כסדר ווי ער פארהאקט זיך, און ער קען זיך ממש נישט קיין עצה געבן. דאס האט צוגעברענגט ער זאל טשעפען אנדערע, וואס בעצם האט עס אים זייער וויי געטון. עס האט צוגעברענגט ער זאל שטערן דאס פארלערנען, ער האט אליין נישט געקענט מיטהאלטן דאס לערנען, און ס'האט אים זייער וויי געטון, ווייל בעצם איז ער געווען א בעל כשרון.

ווען ער האט זיך געקוקט, ווי מען זאגט, אין אן אייגענעם קוק ווינקל, האט ער אוודאי געפילט אז ער וואלט ווען געווען מורא'דיג אויסגעשטעלט אויס צו וואקסן א תלמיד חכם און א ירא שמים און א מבין אויף אלעם, קלארקייט, און ערנסטקייט, און דאווענען, און באמת אוודאי ווען ער האט געהאט די גוטע מינוט, האט ער זיך טאקע געפילט מורא'דיג אין פלאץ, אבער די גוטע מינוט האט געדויערט זייער לאנג ווי לאנג ס'איז אנגעקומען, און ווי עלטער ער איז געווארן האט עס אויפגעהערט אנצוקומען. און אוודאי חברים, איז געווען זייער שווער אים צוצושטעלן, און אפילו ער האט באקומען די בעסטע בחורים, וואס איך מיין די בעסטע, מיין איך נישט צו זאגן יעצט דוקא אין לערנען, איך רעד די בעסטע אין מידות, סבלנים, זענען זיי אויך נאך א פאר וואכן - אזוי איידלערהייט, ווי מען זאגט, געקומען זאגן אז זיי קענען נישט מער. אדער ער אליין האט געפילט אז ס'גייט נישט, עפעס פון זיך אליין זענען זיי צוטיילט געווארן...

בקיצור, ס'האט געהערשט א פארשטומטקייט דארטן, און קיינער האט נישט געקענט מסביר זיין פארוואס.

און פלוצלינג האט איך געזעהן, צוזאמען מיט די מגידי שיעור פון אלע זייטן, אז דער בחור טוישט זיך. מ'האט אים נישט דערקענט. און ב"ה יעדער איז געווען צופרידן. ער איז אנגעקומען מיט אן ערנסטקייט, נארמאל, ליכטיג, צופרידן, און פארשטאנען יעדע זאך וואס ער טוט, און זיך נישט געדארפט אנשטרענגען עס ארויסצוברענגען, נאר ב"ה ס'איז אים געגאנגען.

איז שמועסנדיג מיט אים, האט מען זיך דערוואוסט אז ער האט מיטגעהאלטן די געוואלדיגע שיעורים פון הרב ר' יעקב יצחק שטיינמעטץ, וואס הגם ער האט מיר נישט איבערגעזאגט וואס מען האט געזאגט - ווייל אזוי איז אויסגעשטעלט אז אלעס ארבייט פריוואט, עד כדי כך אז מיר האבן אפילו נישט געוואוסט אז ער איז געגאנגען, וואס דאס אליינס איז צו באוואונדערן, קיינער גיט זיך נישט איבער, אפילו די נאנסטע חבירים ווייסן נישט, איך האב א חשד אויף נאך אפאר חברה אז דאס איז אויך זיין ארבעט, ס'איז א מורא'דיגע פריוואטקייט - אבער בעיקר האט ער מיר ארויסגעברענגט די נקודה, אז די שיעורים וואס מען הערט דארט, די קלארקייט, דאס גייט אריין אין א מענטש, און צוביסלעך צוביסלעך, ס'ווערט אזוי ווי מען זייט איין קערעלעך און ס'וואקסט ארויס. אמאל איז דא מען הערט מוסר, און ווי א טאג שפעטער וועפט עס אויס, דא איז פארקערט, מען הערט זאכן און ווי א טאג שפעטער האלט מען אין איין דעוועלאפן, עפענען און צוזאמשטעלן זאכן, בעזר ה' מער און מער.

איז אוודאי איז עס פאר גוטע בחורים א געוואלדיגע אויפטוה, לויט וויפיל אונזערע אויגן האבן געזעהן בעזר ה', א גוטער בחור וואס פילט ער איז אויפ'ן גוטן וועג, אבער דארט אויפ'ן גוטן וועג שטויסט ער זיך אן אין פראבלעמען, דוקא דארט אויף יענעם פלאץ איז עס זייער גוט געאייגנט.

און בעזר ה' זאל דער אייבערשטער געבן הצלחה פאר'ן חשוב'ן מגיד שיעור הרב שטיינמעטץ, און פאר אלע בחורים, און פאר אלע עלטערן, וואס קוקן ארויס צו זעהן נחת גרינגערהייט, בסייעתא דשמיא, זאל דער אייבערשטער העלפן אז ס'זאל ברענגען ווייטער און ווייטער, און די פירות זאלן שטייגן און וואקסן, און אונז זאל מיר שוין אלע אויסגעלייזט ווערן בקרוב. יישר כח.

**מדריך:** פיין פיין דאס איז חיזוק, יישר כח, אז א מגי"ש זאגט אליין עדות, אז זיינס א תלמיד וואס ער האט אליין געזען א טויש, דאס איז א מורא'דיגע זאך. באמת א יישר כח פאר אייערע דיבורים. און איך בין זיכער אז די אלע מגידי שיעורים וואס זענען דא אויפן ליין, און די עלטערן און בחורים, ס'רעדט צו זיי אלע.

יישר כח.

## נאך א בחור ברענגט ארויס זיין ווארט

**בחור:** איך בין געווען צוויי יאר צוריק ביי די בחורים קלאסן, ס'איז געווען מורא'דיג, איך קען ענק זאגן אז ס'האט געטוישט מיין גאנץ לעבן פון אנפאנג ביזן סוף; פון אנגעפאנגען דעם טאג ביים אויפשטיין, איך בין אנגעהויבן אויפצושטיין גאר פריע, מיט א גרינגקייט, ס'האט זיך אנגעפאנגען מען האט געהאט עצות וויאזוי איבערצוקומען די שווערינקייט פון אויפשטיין מיט א התלהבות מיט א ברען, צו קענען גלייך גיין טון אלעס, און נישט זיין פויל, און אזוי אנקומען אין צייט אין ישיבה, ס'איז געווען א מורא'דיגע שטופ פאר מיך, דאס האט געגעבן די גאנצע פאוער צו קענען גיין ווייטער.

און אזוי נאכדעם וואס מען איז אנגעקומען אין ישיבה אין צייט, האט זיך אנגעפאנגען דער גוטער טאג, מען האט שוין געהאט אסאך מער א פאזיטיווע בליק, מען האט מער נישט געהאט קיין צופלויגנקייט, נישט געדארפט לויפן און כאפן, און אנקומען די לעצטע מינוט, מען האט אנגעפאנגען גלייך צופרי, מען האט יעדן איינעם געגריסט א גוט מארגן מיט א שמייכל, אנגערופן ביים נאמען, יעדער איינער האט זיך געפילט אזוי געשמאק.

און נאכדעם גייט עס אזוי ווייטער, מען קומט אן צום דאווענען, מען האט געדולד צום דאווענען, מען דאווענט אויפ'ן קול, מען שעמט זיך נישט פון קיינעם, מען ענטפערט הויך אמן יהא שמיה רבא, אזוי אז יעדער איינער קוקט ארויף, אזא פיינער בחור, ער שעמט זיך נישט, און מען האט געדולד, מען האט אינזין די פירוש המילות, ס'גייט א מחי', מען פילט נישט קיין פרעשור פון דאווענען, מען פילט נאך אז מען קען רעדן צו דער אייבערשטער, ס'גיבט א גוטע געפיל די דאווענען.

און נאכדעם גייט עס ווייטער, מען קומט אן צו פרישטאג יעדן טאג, מען זעצט זיך אוועק, מען שמועסט מיט די חברים, מען פארברענגט איינער מיט'ן צווייטן - מען האט דאך מיר אויסגעלערנט דעם גאנצן כח וויאזוי צו קענען מאכן חברים גרינגערהייט, און קענען שמועסן מיט א געשמאק שעות - און ס'איז א מורא'דיגע זאך... נאך פרישטאג, מען גייט גלייך, מען פאנגט אן צו לערנען מיט א התלהבות, מיט א ברען, מיט א קאך. און מען ווייסט וויאזוי זיך אויסצוקומען, זיך נישט צו טענה'ן מיט די חברים, וויאזוי צו קענען געווינען א טענה'ריי, און וויאזוי צו מאכן יענעם גוט פילן... אזוי די אלע זאכן אז יענער זאל וועלן זיין דיין חברותא, אז יעדער איינער גלוסט צו זיין נאנט מיט דיר: אזא בחור! - יעדער איינער קוקט ארויף אויף אים, און ער ווערט קיינמאל נישט צוקלאפט פון גארנישט. ער איז אזא בחור וואס יעדער איינער ווייסט אז מען קען אים זאגן וואס מען וויל, און ער בלייבט אייביג רואיג און צופרידן. ער איז פריילִיך, א געשמאקער מענטש, ס'קומט צו די שיעורים, ער פרעגט אריין, ער שעמט זיך פון גארנישט, און ער קען זיך קאנצענטרירן, און קען מיטהאלטן.

און ס'גייט אזוי ווייטער ביי לאנטש, און דער גאנצער עולם זעהט, ער קומט, ער עסט, מיט אן איידלקייט, מיט א רואיגקייט, ער איז א צופרידענער מענטש. און פארשטייט זיך ער פארברענגט שיין. - דאס קומט ארויס פון ארבייטן אויף זיך, מען לערנט אויס וויאזוי צו קענען ארבייטן, און זיך מחזק זיין אין יעדע זמן, זיך צו האלטן רואיג. מען קען זעהן יעדע זאך זאל ווערן געשמאק אין לעבן, אנשטאט ס'זאל זיין א פרעשור, און מען קוקט אויף יעדע זאך מיט א פאזיטיווע בליק.

און אזוי גייט עס, אפילו ס'קומט שוין ביי שיעור פשוט, מען קען שוין זיין אויסגעמוטשעט, מען לערנט נאך אלץ מיט א ברען, מען ווייסט וויאזוי זיך אן עצה צו געבן אז אפילו ס'איז שווערער זאל מען קענען אנגיין. דאס זעלבע ביים ביינאכט סדר קען מען אויך אלץ לערנען, אפילו ס'איז שוין סוף טאג, האט מען נאך אלץ דעם ברען וואס קומט אריין, וואס מען האט זיך אויסגעלערנט דארט, מען שעמט זיך נישט צו צוגיין צו מענטשן, צו חברים, מען האט די קאנפידענץ צו קענען פארברענגען מיט אנדערע.

אסאך מאל איז דאס זייער א שווערע זאך, די שיעורים ברענגען אבער שטארקייט, ס'בויט אויף די גאנצע קאנפידענץ, און מען פילט זיך רואיג מיט זיך. די סעלפעסטים, די הויכקייט פונעם מענטש, איז ארויפגעבויעט. און דאס איז א מורא'דיגע זאך, וואס דאס גיט פארן מענטש אז ער פילט זיך נישט צוקלאפט, ער ווערט נישט רויט. דורכדעם ברענגט עס ארויס מורא'דיג זיין זאך, מען זוכט נישט צו געפעלן פאר יענעם, מען ווייסט אז איך בין גוט מיט מיין אייגענע ווערד, און דער אייבערשטער האט הנאה פון מיר.

ס'איז מיר געווען אינטערסאנט וואו פלוצלונג האב איך אנגעהויבן אנגעפאנגען זעהן ווי דער עולם וויל שטיין ארום מיר, זעהט אויס איך בין געווארן אויך אזא געשמאקער בחור, נישט נאר א צייטליכער בחור, און אזוי וואו איך האב געזעהן ביי מיר. האב איך אויך געזעהן ביי יעדן איינעם וואס גייט, פאסירט די זעלבע זאך.

און נאכדעם ס'קומט ביינאכט, מען טענה'ט זיך נישט מיט די עלטערן, מען קומט זיך אויס, און די עלטערן זענען צופרידן. ס'איז א נחת צו האבן אזא קינד. וויבאלד ער ווייסט וויאזוי זיך אויסצוקומען, און וויאזוי צו פארברענגען מיט יעדן איינעם, און ער קריטיקירט נישט, ס'איז א געשמאק צו זיין ארום אים. און די עלטערן פרייען זיך אז זייער קינד איז געגאנגען צו פראדאקטיוו; מיין מאמע איז פריילִיך, ווייל זי ווייסט אז פון דעמאלטס איז איר קינד א רואיגער מענטש, און א געשמאקער מענטש. און נאכדעם גייט עס ווייטער, ביי די שבת סעודה, מען קען שמועסן און פארברענגען, זאגן תורות, א זאך וואס דאס גיט אריין א געשמאק אין אלעס, אין די גאנצע לעבן.

און נאכדעם גייט עס ווייטער, ווען מען גייט שלאפן, מען גייט שלאפן אין צייט, און אזוי קען מען אויפשטיין אין צייט. מען ווייסט וויאזוי זיך צו האלטן אויף א סקעדזשועל און אויף א סדר, און אלעס איז מסודר, און אזוי קען מען זיין גרייט פאר די ווייטער'דיגע לעבן, אז מען איז גוט אוועקגעשטעלט מיט די אלע זאכן. און מען האט א גוטע קאמיוניקעישאן. און אויב האט מען גוטע חברים איז מען פריילִיך און צופרידן; דאס מאכט מען זאל זיך קענען פילן גוט אז מ'איז א איד, און מען זאל פילן שטאלץ מיט דעם. דאס איז א הקדמה פארן גאנצן לעבן, און דאס טוט טאקע אויף און ס'לוינט זיך צו גיין. נישט קיין חילוק פאר וועלכע ארבייט, פאר וויפיל צייט, פאר וויפיל כח, וואס מען לייגט אלץ אריין, לוינט זיך עס ווייל דאס טשעינדזשט דעם גאנצן לעבן און הצלחה אויף ווייטער.

איך וויל באמת באדאנקען דעם מדריך פארן צושטעלן די קלאס וואס האט געטשעינדזשט מיין לעבן אויף די אלע זאכן. און דער אייבערשטער זאל העלפן איך זאל שטייגן, און איך שטייג ב"ה יעדן טאג. ווייל ווען מען נוצט די 'טאלס' שטייגט מען העכער און העכער. און איך זאג ענק ס'לוינט זיך צו גיין. דער וואס גייט נישט פארפאסט א מורא'דיגע זאך.

ס'איז דא זייער אסאך טיפע זאכן וואס מען קען נישט דא זאגן, וואס דאס גייט מען אויסלערנען ביי די קורס, ס'לוינט זיך צו גיין צו דעם. הצלחה וברכה

**מדריך:** געוואלדיג, יישר כח, יישר כח, דער אייבערשטער זאלסט העלפן זאלסט קענען ווייטער ממשיך זיין, מ'זעהט אז דיין חיות און חשק ברענט.

## אן עסקן ברענגט ארויס זיין ווארט

**עסקן:** יא, א גוט יאה, איך האב יעצט דא אביסל צוגעהערט וויאזוי א בחור רעדט דא...

און איך האב געזעהן דא אדווערטייזט פונעם קאנפערענץ, האב איך געטראכט איך קען נישט איינהאלטן מיינע געפילן, איך מוז ארויפקומען דא פארציילן וואס איך האב מיטגעהאלטן דא פון די שיעורים, מיט א בחור וואס איך האב אסאך ארויסגעהאלפן, איך העלף אים נאך אלץ ארויס, א בחור וואס איז שוין געווען ממש א בן שמונה עשרה לחופה, ער איז שוין געווען אין די רייע ווי מען זאגט, ווען די בחורים האלטן שוין לאנג נאכ'ן אויפגעבן, און דער בחור איז דורך אסאך שוועריקייטן במשך זיין גאנץ לעבן, און ער האט ממש נישט געקענט געהעריג קיין עברי, פארשטייט זיך ער האט נישט געהאט וואס צו טון די אלע קינדערישע יארן און בחור'ישע יארן, און למעשה האט איינער געזאגט פאר זיין טאטן דא פון די שיעורים, און אינצווישן איז מען געגאנגען, פרובירט שוין אויף אלע מיני אופנים וואס מען קען טון, און מען איז געוואויר געווארן אז ער האט א שטיקל פראבלעם עפעס מיט די אויגן.

למעשה דער בחור איז געווען אינגאנצן מיואש און צובראכן. ער האט גארנישט געקענט. ער האט גארנישט מיטגעהאלטן קיינמאל, ער איז א נארמאלע קלוגער בחור אבער אין לערנען איז דאס געווען די מצב.

און מען האט אים אריינגעברענגט דא צו די קלאסן.

און נישט צום גלייבן וואס דא איז געשען א דאנק די קלאסן; ניין ער איז נישט געווארן קיין גאון פונעם ערשטן טאג, אבער איך האלט מיט דעם בחור, עס איז נישט צו גלייבן ווי דער בחור האט באקומען א דרייוו... אז יא, אז ער איז וויכטיג, און ער איז א זאך, און ער האט זיך ליב, ער האט א ווערדפולע זאך, און ער האט אנגעהויבן פרובירן וואס ער האט געקענט, דער בחור איז געגאנגען ער האט זיך איינגעקויפט, קודם האט ער זיך איינגעקויפט א סידור מיט תהלים, מיט חומשים וואס מען קען האבן מיט אידיש טייטש, ער האט זיך אנגעהויבן אליין מוטשענען, אליין צוגעגאנגען, ער האט נישט געהאט קיין בושה, ער איז צוגעגאנגען צו יונגעלייט און משפחה, לערן מיט מיר דא, לערן מיט מיר דארט, ער האט איינגעקויפט מתמידים גמרות, ער האט איינגעקויפט חובת הלבבות אויף אידיש, און ער האט אנגעהויבן פילן א טעם אין א מצוה, אין א שבת, אלעס א דאנק די קלאס, ס'האט אים אריינגעגעבן אז ער איז אויך עפעס ווערד, וואס ער האט ביז דעמאלטס נישט געהאט...

דער בחור הערט נישט אויף פארציילן מיט התפעלות, ער האט נישט געפילט קיין חיות ממש אין גארנישט, נישט אין קיין פשוט'ן טאג, און אפגערעדט א שבת איז אים געווען א פרעשור, א יו"ט, ער האט נישט געוואוסט וואס ער זוכט דא אויף דער וועלט, און למעשה זייט דעמאלטס קאכט ער אריין. ס'איז געווען יעצט חנוכה, און דער בחור פארציילט מיר אז צוויי א האלב שעה איז ער געזיצן ביי די ליכט אין איין ציה, און געקאכט און געברענט, ער איז געווען התלהבות'דיג, ער האט זיך געגרייט א פאר שעה פאר'ן ליכט צינדן יעדן טאג, ער איז געלאפן אין מקוה, און ער האט אראפגעלייגט א מעריב מיט א קאך.

אנשטאט וואס פריער איז געווען קוים וואס ווען, יעדע ריר איז אים געווען א פרעשור.

און ממש דער בחור איז נשתנה געווארן אויף אזא פארנעם, אז דער בחור האט מיר פארציילט נישט לאנג, ער איז שוין אדורך די קלאסן, שוין א קיימא לן פון בערך א צוויי א האלב יאר צוריק, האט ער מיר פארציילט, אז ער האט שוין געהאט, איך געדענק נישט וויפיל, עטליכע מענטשן, דריי אדער פיר צי אפשר פינף, ער האט מיר געזאגט א מנהל פון זיין חדר, א מלמד, א שכן, א פאר אירע זענען אים צוגעקומען זאגן, זיי האבן נאך אין זייער לעבן נישט געזעהן א מענטש וואס זאל מאכן אזא טויש אין זיין לעבן, ווי מען זעהט עס אויף אים. ער איז געווען דער גרעסטער צרה לייט אין חדר, און אלע קינדער האבן אים געקענט, נישט נאר פון זיין עידזש, נאר פון כיתות קלענער און גרעסער פון אים, און פשוט ווייל ער האט זיך נישט געהאט, ער האט נישט געוואוסט וואס זיין חיות איז, און וואס ער דארף דא טון. ער האט זיך נישט געפילט פאר וויכטיג, און מען האט אים צוקלאפט כסדר.

און למעשה ממש דער בחור איז נשתנה געווארן צו א נייער מענטש, ער הערט נישט אויף צו זאגן, אז ער קען זיך נישט באדאנקען פאר דעם וואס איז אים געווען דער שליח אים צוצוהעלפן, ער זאל אנקומען צו די שיעורים , און ס'האט זיך ביי אים אנגעהויבן א נייע לעבן.

און ממש יעצט, די וואס קענען אים שוין פריער, קוקן אים אן און ווי דער גרעסטער מוצלח און דער גרעסטער מצוין.

**מדריך:** דער בחור איז שוין געווארן א חתן אויך?

**עסקן:** איך וויל נישט זאגן צופיל פרטים אבער דער בחור איז ממש, יא דער בחור איז שוין א חתן גראדע אויך, און נישטא וואס צו רעדן, אלע משפחה ארום און ארום זאגן, אז ווען נישט דעם וואלטן זיי קיינמאל נישט גע'חלומ'ט... זיי זענען אפילו געווען מסופק צי ער קען א חתן ווערן. און למעשה האט זיך געמאכט א הערליכע שידוך, און נישט צו גלייבן, ממש ממש מן הקצה אל הקצה.

איך האב עס אויך נאכגעהערט פון עטליכע חברים, וואס האבן אים געקענט פון פריער, אז ממש זיי קענען זיך נישט גלייבן.

**מדריך:** א מורא'דיגער יישר כח פאר אייך, איך האב אליין נישט געוואוסט וואו ווייט ער איז אנגעקומען.

**עסקן:** יא איך אליין האב עס געהערט פון דעם בחור צענדליגער מאל, ממש ממש יעדן צווייטן טאג, אז ער קען זיך נישט גענוג באדאנקען, ממש ס'האט אים געטויישט, ממש ס'האט אים אריינגעברענגט צו פילן בכלל פארוואס ער איז דא, אז ער איז וויכטיג, און וואס ער איז ביכולת, ממש ס'האט אים אנגעהויבן דעם א' ב', פונעם א' ביז'ן אים ארויפברענגען אויף ממש א העכערע דרגא ווי מען זאגט. מען קען זאגן אז ער איז נאך חשוב'ער ווי א גרויסע פראצענט בחורים וואס זענען געזיצן און מיטגעהאלטן אלע יארן אין חדר און ישיבה יעדן טאג זייערע לימודים.

**מדריך:** פיין פיין, געוואלדיג געוואלדיג.

דער אמת איז, ס'זענען דא מענטשן וואס ווען זיי זענען געווען ביי די קלאסן האבן זיי אנגעהויבן פארשטיין צו אזא מין זאך ווי געבעלענסט. בעפאר זיי זענען געווען, איז יעדע זאך געווען ביי זיי מן הקצה אל הקצה. למשל אסאך קענען טראכטן, אהה, נאר טאמער א בחור האט א גאנצע פראבלעם מיט א גאנצע זאך, דעמאלטס איז עס א תועלת - דעמאלטס איז עס זיכער א תועלת, וואס דעמאלטס העלפט עס טאקע, אבער איך קען גאר אסאך געלונגענע בחורים וואס זענען געקומען דא, און ס'האט זיי אסאך געהאלפן, צו זיין בעסער פון די פוינט וואו זיי האלטען.

**עסקן:** יא, הונדערט פראצענט. איך קען אויך אן אנדערער חבר זיינער, וואס ביידע זענען שוין געווען נישט אין די יונגע יארן, און יענער בחור איז פארקערט א קלוגער בחור, גאר א קלוגער בחור, און א בחור וואס איז געזעצן און געלערנט, אבער דער בחור ווי מען זאגט האט געטראכט: עה, ער וועט נישט מאכן דעם שענסטן שידוך, דער טאטע האט נישט קיין פרנסה... - ער האט זיך געזארגט, איז ער געגאנגען, ער האט געזאגט: למעשה איך בין שוין 18 א האלב יאר, איך האב שוין א פאר חברים חתנים געווארן... אבער דער איז געווען א בחור מיט כשרונות, מיט כלים, און ער איז געזיצן און געלערנט א גאנצן טאג, און ער האט געהאט א גוטן קאפ, ער האט אויפגעכאפט זיינע שיעורים ווי מען זאגט שנעלער נאך ווי אנדערע בחורים, דערפאר האט ער נישט געדארפט ווי מען זאגט ליגן א גאנצע צייט אין די גמרא, און ער האט געקענט אריינלייגען אנדערע זאכן אויך, און קענען די לימודים.

ער האט גראדע שוין בכלל געטראכט ארויסצוגיין פון ישיבה, פארשטייט זיך ער איז אן ערליכער בחור, א חסידישער בחור, אזוי אז ער האט געוואלט טון עפעס עסקנות אין די קהלה וואו ער באלאנגט, אז די שיעורים האבן געמאכט א שטארקע אויפשאקלונג ביי אים, אז ער האט באשלאסן ממש אין יענעם בין הזמנים, ממש ווען ער האט געענדיגט די שיעורים, אז דאס איז עס, ער גייט צוריק אויף הונדערט פראצענט אין ישיבה. און ער האט זיך צוריקגעדרייט און האט באשלאסן אז ער גייט צוריק אין ישיבה.

און בעפאר דעם האבן די מנהלים אים שוין געהאט געמאכט פראבלעמען, ווייל ווי נישט ווי האט ער דאך געפעלט געוויסע צייטן, און דעם לעצטן זמן האט מען אים געהאט געמאכט פראבלעמען; ער האט מיר געזאגט אז זיי ווייסן נישט צי זיי וועלן אים צוריקנעמען, ס'זעהט נישט אויס, ס'איז לאחר יאוש, האט ער שוין געזאגט פארן מנהל אז ער קומט נישט צוריק.

און למעשה דא האט ער באקומען די כלים בכלל צו גיין, און די נאכט נאכדעם וואס ער האט געענדיגט די שיעורים איז ער אריבערגעגאנגען צום מנהל, נארמאל נעמט ביי יענעם מנהל שעות מיט טעג וואס מען קען שלעפן בחורים, אפילו נאר פאר'ן אביסל קומען שפעט, און אפילו פאר יונגערע בחורים - אבער דער בחור האט אין א פאר מינוט געהאט די ריכטיגע ווערטער וויאזוי צו רעדן צום מנהל, און ארויסווייזן ריכטיג א הכנעה, און אין עטליכע מינוט האט מען אים געזאגט: יא דו ביסט אנגענומען!

איך האב עס אליין געהערט טאקע פונעם טאטן, ממש מיט טרערן אין די אויגן, אז ער איז שוין געווען, ווי מען זאגט, אינגאנצן פארלוירן. זיין פריערדיגער זון איז ממש אויסגעוואקסן א מתמיד, וואס ער האט געענדיגט צענדליגער מסכתות אויף די חתונה, און דער האט אויך אזוי אויסגעזעהן ביז א יאר צוויי פאר דעם, אבער דעמאלטס, זאגט ער האט מען שוין אנגעהויבן האבן יאוש געפילן... ער איז געווען מורא'דיג צובראכן פון אים די לעצטע פאר וואכן. און ממש וואס דא איז געשעהן אז דער בחור האט זיך געגעבן א דריי צוריק, און איז אריין אין ישיבה מיט א פעסטקייט מיט א התלהבות, און ער האט אנגעהויבן הארעווען ווייטער אויף א ערענסטן פארנעם, אסאך שטארקער ווי רוב פון זיינע חברים, וועלכע זענען שוין דעמאלטס אזוי ביזי געווען, יא חתנים נישט חתנים.

**מדריך:** איך האב גרויס הנאה, געוואלדיג! - זאכן פארן אסאך בעסער ווי מען שטעלט זיך פאר.

## די מאמע'ס בליק

א גוטן, איך האב קודם געוואלט זאגן א גרויסע יישר כוח.

איך האב צוויי זין וואס זענען געגאנגען, איינס האב איך געזען אז ער איז געווארן סאך רואיגער, ער פלעגט נעמען אויף זיך זייער גרויסע גאולס, צו אלע ענינים פון די יום טוב, זיך צוגרייטן זייער אסאך, ער האט זיך גענומען צו גרויסע גאולס, און ער איז נישט געווען רואיג, ער איז נישט אנגעקומען צו אלעס, יעצט נעמט ער עס אויף א לעוול וואס ער טרייט בלויז צו זיין בעסט און וואס ער קומט אן איז ער רואיג מיט זיך, און וואס נישט איז ער אויך צופרידען, אפילו ער נעמט גרויסע גאולס מיט זיך אבער ער ווייסט אז וויפיל ער קומט אן קומט ער אן, און ער איז רואיג מיט זיך אויב נישט. ס'האט אים געמאכט אסאך רואיגער.

אויך זעהט מען אז ער רעדט מיט אסאך מער קאנפידענץ צו פרעמדע מענטשן, ער זאגט מיט א שטארקייט וואס ער האט צו זאגן, און ער פלעגט זיין מער שעמעדיג אדער איינגעהאלטן, נישט געהאט די קאנפידענץ אין פראנט פון פרעמדע מענטשן. ער איז אסאך רואיגער, און מען זעט אים רעדן מיט קאנפידענץ און מיט א קלארקייט מיט אנדערע מענטשן.

דער צווייטער זון פלעגט אמאל קענען ארויסגיין פון די כלים, ווערן אין כעס, יעצט ער קומט זיך דורך מיט די געשוויסטער אויף אזא רואיגע אופן, ס'געשעט נישט די צייטן וואס מען פלעגט אים זעהן ווערן ארויס פון די ראמען, נישט אז ער פלעגט עס שטענדיג טון, אבער ס'פלעגט זיך מאכן אז ער פלעגט קענען פליקן, שארף די ארומיגע, און זיי ארויסברענגען פון די כלים, ווערן זייער ברוגז אויף א ברידער אדער עפעס, מען פלעגט עס קענען זען אויף אים, אבער יעצט מען זעט מער נישט אזעלכע זאכן, ער קומט זיך אלעמאל דורך אויף א רואיגע אופן מיט די געשוויסטער.

ב"ה, א גרויסע יישר כוח.

## א בחור'ס געפילן

**בחור:** א גוטן. איך האב ב"ה מיטגעהאלטן די הערליכע קלאסן, איך האב נישט קיין וועג וויאזוי ארויס צוברענגען א יישר כח פאר די מדריך פאר'ן געבן אזא קלאס, און פאר מיינע עלטערן פארן שיקן צו אזא קלאס, וועל איך עס טון דורך עס זינגען אין גראמען וואס איך האב אליין צוזאמגעשטעלט.

אודה ה' מאוד בפי,
דאנק איך השי"ת וואס איך בין יעצט זוכה דערצו.
ארויסצוברענגען מיין הכרת הטוב,
וואס ליגט שוין אויף מיר אזויפיל יארן א חוב.

די זכיה האט מיך יעצט דער אייבערשטער געגעבן,
צו דאנקן מיינע עלטערן פאר מיין גאנצע לעבן.
ארויסצוברענגען מיט ווערטער איז נישט מעגליך,
אז וואס זיי טוען פאר מיר טאג טעגליך.

אודה אודה השם,
וואס דו האסט מיך געברענגט צו אזא גוטע היים.
מיינע עלטערן אזוי געטריי,
די אלע יארן וואס איז שוין פארביי.
וויפיל הכרת הטוב דארף איך האב פאר זיי,

ס'איז ענדליך געקומען די גליקליכע מינוט,
ברוך השם געטון די ריכטיגע שריט.
צו די שיעורים מיך געשיקט,
אויף מיין הצלחה ארויסגעקוקט,
ב"ה מען האט זיך שוין אסאך גערוקט!

אוממעגליך ארויסצוברענגען וואס די שיעורים טוען אויף,
אין אלע ענינים ברענגט עס די בחורים ארויף.
אלע פראבלעמען היילט עס אויס,
פון אלע שוועריגקייטן ארויס.

ס'לוינט זיך אריינצולייגן די צייט ארבעט און געלט,
ווייל אויפ'ן ריכטיגן וועג ווערט מען אוועקגעשטעלט.
מען ווערט בעסער אין יעדע ענין,
יעדע בחור ווערט א הערליכע בנין.

אין די מינוטן וויל איך ארויסברענגען,
יישר כח פאר מיינע עלטערן וואס טוען זיך פאר מיר אנשטרענגען.
אין מיין הצלחה טוען זיי גלייבן,
אין יעדן ענין טוען זיי מיך אויפהייבן.

טוען פאר מיך אזויפיל פעולות,
מתפלל זיין פאר מיר טויזנטער תפילות.
לייגן אריין אזויפיל צייט ארבעט און געלט,
טוען פאר מיך אלעס אין די וועלט.

מיך אייביג געטראגן אין זייערע הענט,
זיי טוען פאר מיר אלעס וואס זיי האבן געקענט.
אייביג געווען צו מיר אזוי געדולדיג,
מיין גאנצע לעבן בין איך זיי שולדיג.

פאר'ן מדריך געב איך יעצט א גרויסן יישר כוח,
מיך אויפגעהויבן אזוי הויעך.
ארויסגעהאלפן אין יעדן פרט,
אוועקגעגעבן פאר מיר אזויפיל צייט.
ה' זאל העלפן עטס זאל זעהן פיל נחת און פרייד
ביז מען וועט זעהן משיח צום ביהמ"ק ער גייט. אמן

**מדריך:** דער אייבערשטער זאל העלפן דיין טאטע זאל טאקע זען פון דיר אסאך נחת, און זאלסט שטענדיג זיין דאנקבאר פאר אים, דאנקבאר פאר'ן הייליגן באשעפער, און זאלסט זוכה זיין אליין אויפצושטעלן א לעכטיגע אידישע שטוב און האבן לעכטיגע גוטע דורות. יישר כח.

# אייער שאלות פארענטפערט

## פאר וועמען? פארוואס? איז עס כדאי? האב איך וואס צו פארדינען?

### פראגעס פון בחורים:

**איך בין א נארמאלע בחור. איך גיי אין ישיבה. איך לערן פלייסיג. איך טוה אלעס וואס מען בעט מיך. זענען די קלאסן פאר מיר? זענען די זאכן וואס שטייען דא אינעם ביכל בכלל נוגע פאר מיר? וואס וויל מען דא?**

יא. מען מיינט טאקע דיר! די הצלחת החיים קלאסן זענען געמאכט נאר פאר "נארמאלע" בחורים וואס זוכן עפעס מער.

א בחור וואס האלט דעם ביכל און ליינט עס, מיינט אז ער זוכט מער תכלית, מער תוכן. א געוועינטליכע בחור וואלט ענדערש געליינט די אויסגאבעס וואס דרייען זיך ארום אין די גאסן, וואס האבן נישט קיין שום ספעציעלע ציל אדער תכלית.

און אז די ביסט די בחור וואס זוכט תכלית וועסטו דא טרעפן בעז"ה דיין תכלית, ווייל די שיעורים זענען אויסגעשטעלט אויף א מעסיגע אופן, אזוי אז ווער עס וויל זיך מער משלים זיין, מער הייבן, וועט טרעפן תוכן און תכלית. יעדע בחור קען שטייגן פון דארט וואו ער שטייט יעצט, און ווערן בעסער און מער מושלם.

**איך הייס א בחור א מצוין. איך לערן פעסט און פלייסיג בין הזמנים. זאל איך אוועקגעבן מיין לערנען בין הזמנים פאר דעם?**

ס'איז נישט 'אוועקגעגעבן' ס'איז 'געגעבן' פאר זיך!

אין די ביזנעס וועלט, דער גשמיות'דיגע וועלט, וואו מיר וואלטן געדארפט זיין מסתפק במועט. זעט מען אז מענטשן צילן כסדר אויף מער. ווער ס'האט א גוטע דזשאב, וויל ווערן מענידזשער, ווער עס איז א מענידשער, וויל עפענען אן אייגענע ביזנעס. דער וויל פארדינען מער. דער וויל האבן בעסערע שעות. יעדער וויל מער.

ווען עס קומט צו רוחניות, וואלט עס געדארפט זיין כאטש אזויפיל. ווען עס קומט צו גייסטישע ענינים, עבודת האדם, עבודת המידות, איז אלעמאל ריכטיג צו זוכן מער, צו וועלן שטייגן און ווערן א בעסערע מענטש.

ביי די הצלחת החיים קלאסן קומען זיך צוזאם א חבורה בחורים וואס אלע האבן די זעלבע שאיפות. קיינער ווערט נישט געצוואונגען צו קומען. אין ישיבה קען זיך מאכן אז א בחור איז נישט אינטערעסירט אין לערנען, נישט אינטערעסירט וואס דער משגיח האט צו זאגן. ער האלט נישט דערביי. אבער ווער ס'קומט צו די קלאסן מיינט אז ער האלט דערביי. ער זוכט צו שטייגן. ער זוכט זיך צו משלים זיין. א בחור וואס זיצט אין די קלאסן מיינט ער האט אוועקגעגעבן זיין בין הזמנים - ניין, נישט אוועקגעגעבן! אויסגענוצט! - צו האבן אן עכטע, אמת'דיגע תכלית.

אן אנדערע סארט בחור קומט נישט דא אן. הצלחת החיים קלאסן איז א ריינע, געהויבענע זאך.

איך פארשטיי איך קען דא אויפטון, מ'קען מיר געבן אפאר פרטים וואס?

ווען מען דארף זיך זעצן לערנען, וויפיל מאל קומט אויס אז ס'גייט פשוט נישט. ביסט עפעס נישט אין די כלים?

וואלסטו נישט געוואלט האבן א קאנטראל אויף דעם?

וואלסטו זיך נישט געוואלט לערנען וויאזוי צו מאכן דיין חברותא לערנען אפילו ווען ער האלט נישט דערביי?

ווי גוט וואלט דיר געווען ווען דו וואלסט בעסער פארשטאנען דיינס א חבר? וואס באדערט אים? פארוואס לערנט ער נישט היינט, און אים קענען מאכן לערנען.

ווען דו וואלסט ארויסגעהאט וויאזוי?

וויפיל ווייטער וואלסטו געקענט אנקומען אויב דו וואלסט געקענט פארשטערקערן דיין זכרון? זיך קענען בעסער קאנצענטרירן ווען דיינע מחשבות הייבן אן צו לויפן?

הייסט אז מיטן אוועקלייגן עטליכע שעה דעם בין הזמנים זיך צו לערנען די אלע אויבנדערמאנטע זאכן - און נאך אסאך מער - וועסטו ראטעווען און פארדינען הונדערטער שעות אין די קומענדיגע זמן, און טויזענטער, טויזענטער שעות אין דיין לעבן.

**איך בין נישט עפעס א בחור א מצוין. איך בין וואויל און ערליך, נאר איך בין נישט געמאכט פאר לערנען. איך האבן שוין פרובירט מערערע מהלכים צו קענען לערנען בעסער, אבער דערווייל בין איך געבליבן דער זעלבע שוואכע בחור. וואס קען איך פארדינען פון די קלאסן?**

דער קורס גייט אריין אין מער ווי 150 נושאים, ענינים אין וואס מען קען שטייגן און בעסער ווערן, אדער אין וואס מען איז שוין מסודר.

מיר האבן זיך נאכנישט באגעגנט מיט א בחור וואס האט נישט פארדינט און זיך אויסגעבעסערט און כאטש אפאר פון די 150+ נושאים. ס'איז כמעט אוממעגליך אז מען זאל נישט צוקומען צו דעם פינטל וואס שטעלט אפ פון וואקסן, און אזוי וואקסט מען אויס גוט און געבענטשט בעז"ה.

ווען א קאר ארבעט נישט באקוקט מען נישט נאר צו ס'דא געז אינעם טאנק. מ'באקוקט די גאנצע קאר. די מאטאר, די טרענסמישאן, די אויל. אזוי קומט מען אן צו זען וואס איז צובראכן און וואס מ'דארף פאררעכטן.

ווען מ'רעדט פון א בחור וואס ס'גייט אים שווער, אודאי לוינט זיך צו משקיע זיין נאך אביסל און זען וואס טוט זיך ביי אים. וואו האט ער אנגעהויבן צו גיין קרים? וואס מאכט אים שווער. איינמאל מען קומט אן צום פינטל קען מען עס פארבעסערן. פון דארט קען ער אנהויבן צו שטייגן ווייטער.

ווען מען ארבעט אויס די כוחות און די שוואכקייטן, העלפט עס נישט נאר פאר די נעקסטע זמן. עס מאכט דעם בחור מער סוקסעספול פאר די נעקסטע הונדערט יאר עמו"ש. און עס ענדיגט זיך נישט דארט, נאר עס וועט העלפן פאר אלע זיינע דורות.

**איך האב דורכגעליינט דעם ביכל און איך בין איבערצייגט אז איך קען געניסן פון די קלאסן. וויאזוי קען איך זאגן פאר מיין טאטע אז דער ענין רעדט צו מיר? ער גייט מיינען איך בין געפאלן אויף מיין קאפ.**

דאס איז א גוטע קשיא!

די ערשטע זאך, נעם דעם ביכל און ווייז עס פאר דיין טאטע. פרעג אים - "טאטי, אפשר ווילסטו ליינען דעם ביכל? אפשר וואלסטו געוואלט איך זאל זיך משלים זיין אין די אלע ענינים."

אויב דער ביכל איז נישט גענוג, אדער ער ווייסט נישט גענוג וועגן די קלאסן צו וועלן ליינען דעם ביכל, שלאג אים פאר צו אריינרופן אין אפיס צו בעטן רעקאמענדאציעס, צו הערן פון אנדערע עלטערן וויאזוי עס האט זיך אויסגעארבעט פאר זייער בחור.

(מיר געבן קיינמאל נישט ארויס די נאמען פון א בחור וואס איז געווען ביי די קלאסן. מיר ערלויבן זיך יא צו ארויסגעבן נעמען פון עלטערן אלס רעפערנס נאר פאר אנדערע עלטערן, וויבאלד מיר ווייסן אז זיי פארשטייען אז מען טאר נישט ארויסגעבן נעמען פון באטייליגטע. און אזוי בלייבט די בחור'ס נאמען אין געהיים.)

**מיין טאטע זאגט אז איך קען לערנען אליין און ס'איז גענוג צו לערנען מוסר ספרים. וואס זאל איך אים זאגן?**

ווען מ'זיצט צוזאמען מיט חברים קען מען בעסער אויסשמועסן ענינים. מען קען זען וויאזוי אנדערע פארבעסערן זיך און וויאזוי זיי טוען עס. די רעפערענצעס וואס דער טאטע רופט וועלן איבערגעבן ווי שטארק איז די תועלת פון זיצן אין א קלאס.

אויב איז שווער פאר א בחור זיך צו דורכרעדן מיט זיין טאטע, קען ער אריינרופן אין אפיס און מיר וועלן אים געבן א מהלך וויאזוי ער זאל עס קענען טוען. לפי הוראת שאצער רב שליט"א, רעדן מיר נישט פריוואט צו בחורים אן רשות פון זייערע עלטערן - חוץ אין דעם ענין פון זיי העלפן באקומען רשות פון זייערע עלטערן.

**איך וויל קומען צו די קלאסן נאר איך האב מורא אז אנדערע וועלן געוואר ווערן און מיינען איך בין עפעס א פראבלעמאטישער בחור. ווער גייט וויסן אז איך גיי צום שיעור? מיין גאנצע ישיבה גייט שמועסן אז איך בין געווען?**

מיר לייגן א שטארקע געוויכט אויף דעם אז די בחורים זאלן נישט רעדן צווישן זיך וועגן קומען צו די קלאסן. ס'איז עפעס וואס ווערט אויסגעשמועסט נאר צווישן א בחור און זיין טאטע און מען קומט נאר אויב דער טאטע מאכט אפ און ס'איז א תועלת פארן בחור.

ממילא קומט אויס אז אסאך בחורים ווען זיי קומען צום שיעור ווערן זיי געוואר אז נאך בחורים פון זיין ישיבה זענען אויך דארט. אבער איינמאל מען איז שויןביים שיעור איז מען שוין באקוועם צו זיין דארט. מ'זעט אז ס'איז אלעס געשמאק און וואויל און געלונגען.

**מיט וועמען גיי איך דארטן זיצן? מיט וועלכע סארט בחורים?**

אין יעדע ישיבה איז דא אסאך דרגות פון בחורים. חלשים, בינונים, מצוינים ס'איז געוועונליך צוטיילט און א דריטל פון יעדן סוג. ס'איז ריכטיג אז אלע דרגות בחורים קומען צו די קלאסן. אבער עס איז נישט צוטיילט אזוי פונקטליך אויף דריטלעך. עס איז דא 45% מצוינים, 45% בינונים, און נאר 10% שוואכע וואס זיי זענען אויך וואוילע ערליכע בחורים. ס'ווערט א גוטע קלאס פון בחורים, צוליב ווייל געוועונליכע שוואכע בחורים גייען פארברענגען אדער ארבעטן בין הזמנים .

**פארוואס הער איך פון בחורים אז זיי לאכן פון די אלע סארט העלפ, פראפעשינאלס, טעראפיסט, קלאסן, וכו'? זיי זאגן אז אלעס איז נאר אבי גערעדט.**



די שאלה קען מען צוטיילן אויף צוויי. ערשטנס, האסטו מורא מ'וועט רעדן אויף דיר. צווייטנס ווילסטו וויסן טאקע וועגן די קלאסן און אויב דו זאלסט עס טוען.

שלמה המלך זאגט אז ס'זענען דא מענטשן וואס זענען ממאס חכמה. ס'זענען דא מענטשן וואס לאכן אלעס אפ. אז ער האלט נישט דערביי מיינט ער אז ס'מוז זיין אז ס'נישט א גוטע זאך און ס'מאכט נישט קיין סענס. זיי קענען אפלאכן אפילו ווען ס'איז א תורה זאך.

אמאל זעט מען אין ישיבה, א בחור וואס איז געווען מיטל-גארטיג, און ער ווערט א מצוין. זיינע בינוני חברים הויבן אן אים צו אויסלאכן. זיי זאגן אז ער מאכט זיך, ער שפילט נאר... ק"ו ווען א חלוש ווערט א מצוין! ער דארף האבן אסאך שטארקקייט עס צו קענען דורכמאכן.

מימלא דא פאסירט די זעלביגע, די שוואכערע שפירן שנעל אז זיי גייען ווערן אויסגעשפיעלט, נאך א בחור גייט זיך דא ארויף ארבעטן און ער בלייבט ארינטער, איז די בעסטע עיצה עס אפצולאכן און ארונטער רייסן.

און צו פארשפארן די איבריגע קאפ וויי טוען מיר לכבוד דעם עס האלטען די מערסטע אין געהיים, און אפילו עס נישט מיטיילען מיט די ישיבה סטעף אויב די בחור וויל נישט.

זיכער ווערט דער וואס האט עס נישט געוואלט טוען עס אוועקמאכן וויפיל ער קען.

### וואס וועט זיין אויב מ'וועט זען אז איך האב זיך געטוישט? וועלן אנדערע בחורים קענען כאפן אז איך בין געווען ביי די קלאסן?

יעדע מענטש טוישט זיך. מ'טוישט זיך אפילו ווען מ'גייט נישט צו די קלאסן, נאר אפשר נישט אויף אזא קלארע און גרינגע וועג. יעדע זמן טוישן זיך בחורים. קיינער דארף נישט געוואר ווערן אז מ'איז געווען ביי די קלאסן. די טוישונגען ארבעטן אויף א סאפיסטיקירטע אופן.

אויך, נישט יעדע בחור מאכט זיינע טוישונגען אין ישיבה. ס'דא וואס ארבעטן זיך ערשט אויס אינדערהיים מיט די געשוויסטער און דארט בויען זיי זיך אויף. שפעטער, מיט די צייט גייט עס שוין מיט אין ישיבה. די ארומיגע וועלן עס נישט דערשמעקן.

### אויב לערנט מען אויס קאנפידענס, פארוואס לייגט מען אזא דגש אז ס'זאל זיין אזוי באשיידן און שטיל? אויך האב איך מורא אז די קאנפידענס וועט מיר מאכן פילן ווי איך קען טוען זאכן וואס איך בין נישט עכט געמאכט פאר דעם און יעדער וועט מיר אויסלאכן.

די קאנפידענס וואס מ'לערנט דא אויס מיינט נישט אז מען דארף מפרסם זיין פערזענליכע זאכן. אונז לערנען אויס נישט צו דארפן אנקומען צו יענעמ'ס צושטימע. מ'לערנט זיך אויס נישט צו ווערן פארלוירן ווען יענער מאכט דיר אוועק.

ס'איז אן אינערליכע סארט קאנפידענס וואס ווערט נישט דערשראקן ווען יענער לאכט פון דיר. די וואס זענען שוין געווען ביי די קאלסן ווייסן אז ס'איז א געשמאקע, זיסע סארט קאנפידענס.

ס'איז א קאנפידענס וואס לאזט טוען שירות הציבור אויב דו ביסט גוט דערמיט אן מורא האבן אז דו קענסט נישט.

קאנפידענס איז נאר א קליינע פראצענט פון די 150+ נושאים וואס מיר ארבעטן אויס און ס'איז א באלאנסירטע סארט קאנפידענס. תפארת לעושיה ותפארת לו מן האדם.

די קאנפידענס וואס מיר לערנען אויס איז באלאנסירט. ס'מאכט אז ער זאל נישט דארפן ווערן ללעג ולקלס. ס'לאזט א בחור האבן א שיקול הדעת וואס יא און וואס נישט צו טוען, און וויאזוי עס צו טוען און נאר אויב ער קען טאקע. ס'לאזט אים אויך צוביסלעך קענען טוען מער זאכן און זיך לאזן לערנען מער זאכן.

א בחור וואס ווערט רויט ווען מען געבט אים שלום עליכם אדער ווען ער דארף עולה זיין איז גארנישט בעסער ווי א בחור וואס נעמט זיך אונטער וואס ער קען נישט. קאנפידענס דארף זיין באלאנסירט. זיך לערנען קאנפידענס איז בעסער ווי נישט האבן קאנפידענס און זיך בכלל נישט לערנען צו טוען וואס מען קען יא.

## פראגעס פון עלטערן

### איך האב געהערט וועגן די הצלחת החיים קלאסן און איך וויל מיין זון זאל גיין. וויאזוי קען איך מאכן מיין בחור זאל וועלן גיין?

אויב מען איז נישט זיכער אז א בחור וועט וועלן אדער קענען קומען צו די קלאסן זאל מען אריינרופן אין אפיס און עס אויסשמועסן מיט אונז. אין די קלאסן נעמען מיר נאר אריין בחורים וואס האלטן דערביי און וועלן געניסן פון דעם.

אויב א בחור האלט נישט דערביי, אדער ער איז נישט גרייט צו זיצן אין א קלאס, קענען מיר ערשט ארבעטן מיט אים פריוואט. קען זיין ער זעט נאכנישט איין אז ער דארף זיך טוישן. קען זיין עס איז אים שווער צו טוען אין א חבורה. דעמאלס איז כדאי ערשט צו באקומען פריוואטע הילף - יפה שעה אחת - אז ער זאל שפעטער קענען קומען צו די קלאסן. למעשה האט זיך אויסגעשטעלט אז די חבורות זענען די בעסטע וועג צו זען די שטערקסטע רעזולטאטן.

### מיין בחור איז א מצוין שבמצוינים. איך האב מורא אז מיט'ן קומען צום קורס וועט ער אויסזען פראבלעמאטיש. מען גייט מיינען אז ער האט פראבלעמען. א געלונגענע בחור האט נישט קיין פראבלעם.

אויב האלט איר אז ער איז א מצוין - און אז א מצוין האט נישט קיין פראבלעמען - דעמאלטס פארוואס ווילט איר אים שיקן? לכאורה זעט איר יא עפעס וואס ער דארף משלים זיין. איר האט נאר מורא וואס יענער וועט טראכטן און זאגן.

בעצם, אויב האט מען מורא פאר שידוכים, זייט וויסנד אז מיר האבן שוין געהאט בחורים וואס זענען געווארן חתנים בשעת זיי זענען געווען איינגעשריבן אין די קלאסן. מיר האבן געהאט א בחור וואס איז געקומען צום קלאס וואס מ'האט מורא געהאט אז וועגן דעם וועט ער נישט קענען טרעפן א שידוך, און ער איז געווארן א חתן ביים רב פונעם בית מדרש וואו די קלאסן זענען געווען

דאס איז אזא קלארע מעסעדזש. ווען א מענטש זוכט תכלית און תועלת קומט נאר ארויס גוטס דערפון.

עטליכע מאל איז אויסגעקומען אז א שידוך איז געשען פון די קלאסן אליין. מיר האבן געהאט בחורים וואס האבן געזאגט פאר זייער טאטע צו נעמען א צווייטע בחור פונעם קלאס אלס אן איידעם. עטליכע בחורים פון די קלאסן זענען געווארן שוואגערס. ביי די קלאסן פון די אינגעלייט זענען עטליכע געווארן מחותנים צווישן זיך.

זארגט אייך נישט. דער וואס וויל אייך האבן, וויל אייך האבן וועגן די קלאסן. ער פארשטייט ווי גוט און ווי וויכטיג עס איז. און קיינער וויל נישט א בחור וואס איז געקליידט אלס מצוין, אבער פון אינעווייניג איז ער בכלל נישט אויסגעארבעט.

### וועלכע סארט נפשיות'דיגע פראבלעמען ווערן אדרעסירט אין די קלאסן?

דער קלאס איז מער פאר אלגעמיינע פראבלעמען. אויב איז דא טיפערע פראבלעמען קען מען אויך קונה זיין פון די קלאסן, אבער מען דארף צולייגן נאך פריוואטע הילף.

אויך קען מען נאר אריינקומען אין קלאס אויב די נפשיות'דיגע פראבלעמען זענען נישט זעהבאר. אין די קלאס דארף זיך יעדער פילן געשמאק און באקוועם. אפילו אויב איינער קען לערנען אין א נארמאלע ישיבה, אויב קען מען דערקענען עפעס א נפשיות'דיגע שוואכקייט, וואלטן מיר אים נישט אנגענומען אין די קלאס אז ס'זאל נישט טוישן די אטמאספער אינעם קאלס.

דאס איז נישט א קלאס פאר פראבלעמאטישע בחורים.

### פארוואס זאל איך אינוועסטן אזא הון תועפת אין א קינד? ס'איז אסאך געלט. ער איז בעצם אקעי און אלעס וועט זיך שוין אויסארבעטן מיט די צייט...

שכר לימוד פאר א קינד פון ווען ער גייט אריין אין חדר ביז ער האט חתונה קומט אויס צו בערך $80,000. לוינט זיך נישט צו משקיע זיין נאך א פראצענט אז ער זאל זיך קענען בעסער משלים זיין? אינגעלייט זאגן אז זיי האבן געלערנט אין עבודת האדם און עבודת הנפש אין די איין בין הזמנים מער ווי זיי האבן געלערנט אין אלע יארן אין חדר און אין ישיבה. די וואס קומען אלס אינגעלייט האבן אזויפיל ווייטאג אז זיי זענען נישט געווען אלס בחור. "פארוואס האב איך נישט אנגעהויבן גלייך גוט?"

נאך מער, ווי פריער א בחור האט זיך געלערנט, און ווי מער צייט ער האט געהאט זיך צו אויסארבעטן, אלס גרעסער איז זיין הצלחה אלס אינגערמאן. אפילו אויב ער לערנט שוין יא עפעס אלס חתן, האט ער נישט קיין צייט צו טוען למעשה און אריינארבעטן דעם ענין און אויסארבעטן די מדות.

### וועלכע עלטער איז די בעסטע צו קומען צו די קלאסן? יעדע קלאס האט אין זיך עלטערע און אינגערע בחורים. וויאזוי קען זיין אז זיי קענען אלע געניסן פון די זעלבע זאך?

די בעסטע איז זיך צו לערנען ביי די 15-16 יאר אלט. ביי יענע עלטער איז מען שוין גענוג ערוואקסן צו קענען אריינלייגן די ארבעט און מען האט נאך גענוג צייט זיך צו אויסארבעטן פאר מען האט חתונה.

די שיעורים ווערן צוטיילט פאר ישיבה קטנה און ישיבה גדולה. אין יעדע גרופע זענען טאקע דא חילוקים אין די יארן. ווען ס'קומט צו לערנען, זעהט מען קלאר חילוקים ווייל יעדע יאר ארבעט מען צו שטייגן אין געוויסע הינזיכטן פון לימוד און מען ארבעט אויס דעם מוח. אבער ווען עס קומט צו די נושא פון עבודת האדם, עבודת המידות, אין דעם זענען אלע בחורים זענען די זעלבע פריש, די זעלבע ניי. זיי דארפן אלע לערנען די זעלבע זאכן און אריינלייגן די זעלבע ארבעט.

אויב האט מען ספעציפישע שאלות קען מען עס אריינרופן אין אפיס און אויסשמועסן פערזענליך.

## טייערע בחור:

נוץ אויס'דיין' בין הזמנים פאר 'דיין' לעבן.




### שיעורי הצלחת החיים,

א קלארע מהלך וויאזוי צו טרעפן און נוצן דיינע אוצרות ריכטיג. יעצט אין די יונגע יארן איז די פאסיגע צייט זיך אויפצוארבעטן, אויפבויען און שטייגן מעלה מעלה. די בעסטע לעבנ'ס אינוועסטמענט!

# שיעורי יסוד והצלחת החיים

סעריע באשטייט פון 9 גרונטליכע שיעורים | געאייגענט פאר בחורים פון +14

איבערגעגעבן דורך המדריך המפורסם זה רבות בשנים, הר"ר יעקב יצחק שטיינמעטץ שליט"א

**אינפארמאציע און רעגיסטראציע: 845.232.1079**

מדברי כ"ק הגה"צ משאץ שליט"א: שיעורי הצלחת החיים, איז די פלאץ וואס ברענגט אריין תורה תפילה ויר"ש אינעם בחור, ער ווערט א בעל מידות טובות פאר א גאנץ לעבן.

צו הערן לייוו רופט: 718.887.9311 פין 24-11. מ'קען דערנאך הערן מער פרטים.

היות די קלאסן איז נישט פאר יעדע בחור, ביטע אונז רופן איידער איר רעדט דערוועגן צו אים.